STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11304

FAR VOS GROD IKH?

Israel Eisenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל אייזענבערג

פאַר וואָס גראָד איך?

ישראל אייזענבערג

פאר וואָס גראָד איך?

קאפיטלען פון פיין, גבורה און האָפענונג

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב, תש"ם — 1980

ישראל אייזענבערג

פאַר וואָס גראָד איך?

קאַפּיטלען פון פּיין, גבורה און האָפענונג

ISRAEL EISENBERG

WHY ME?

Chapters of anguish, courage and hope

הילע געצייכנט: **צבי זילבערמאַן**

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל-בוך", תל-אביב, רח' איתמר בן-אבי 4.

Printed in Israel 1980 ● **נדפס בישראל, תש"ם**

דפוס „להב" בע"מ, תל-אביב, טל. 336564

ליבער פריינט ר׳ ישראל אייזענבערג,

איך האָב געלייענט די קאָרעקטן פון אייער בוך און עס איז מיין מיינונג, אַז די געשיכטע וואָס איר דערציילט מיט אַזאַ פשטות, וועט זיין אַ וויכטיקער ביישטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור. די דאָזיקע זכרונות ווערן, צום באַדויערן, נישט געלייענט גענוג פון אונדזער דור. דער חורבן איז צו־נאָענט און די ווייטאָג צו־שטאַרק. אָבער די צוקונפטיקע דורות וועלן פאַרערן און אַפילו פאַרהייליקן די דאָזיקע זכרונות — דאָס מסירת־נפש פון יידישן פאָלק און די חרפה פון יענע, וואָס רעדן אין נאָמען פון קולטור, וויסנשאַפט און נאָך אַזעלכע זאַכן. עס איז קיינמאָל נישט צו פיל.

כל המרבה לספר בחורבן היטלער, הרי זה משובח.

אייער

יצחק באַשעוויס־זינגער

נ. י. 15.1.80.

פאָרוואָרט פון מחבר

קנאַפּע 40 יאָר זיך אַרומגעטראָגן מיט די געשפּענסטיקע בילדער און גרויליקע איבערלעבונגען פון אַ געטאָ־ייִד, שקלאַפן־אַרבעטער און קאַצעטלער אין די דייטשע לאַגערן — ביז ס'איז געפאַלן דער באַשלוס: דערציילן אין אַ בוך מיין גהינום ביים לעבן און וועגן נס פון אַ ניצול־געוואָרענער משפּחה — מיין פרוי, איך און אונדזער קינד. הגם פאַר דער צייט זענען דערשינען צענדליקער, צי הונדערטער ביכער פון דער שארית הפּליטה און טויזנטער צייטונג־אַרטיקלען מיט זכרונות פון „יענע טעג", האָב איך זיך געוואָלט איינריידן, אַז אויך מיין סיפּור־המעשה איז מסוגל צו געבן זיין באַשיידענעם, הגם וואָגיקן צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די פראַגע „פאַר וואָס גראָד איך?" מיט וועלכער איך האָב באַטיטלט דעם ספר, האָט מיך באַזונדערס פאַרפאָלגט אין יענער פינצטערער תקופה, נאָך דעם ווי מיר איז אָפט געלונגען איבערצור־כיטרעווען דעם נאַצישן מלאך־המוות. אויך דער „אונטערקאָפּ" פון דעם בוך — קאַפּיטלען פון פיין, גבורה און האָפענונג, אַנט־שפּרעכט דעם אינהאַלט פון ספר, לויט ווי איך האָב פאַרשטאַנען די טראַגישע געשעענישן, הגם די וואָס זענען „דאָרט" נישט געווען, איז שווער צו באַנעמען די ליידן און פיין, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף מיין גורל. נאָר גלייכצייטיק בין איך געווען אַן עדות פון אומצאָליקע אַקטן פון ווידערשטאַנד: אַקטיווע, פּאַסיווע, מאָ־ראַלישע — אין קעגנזאַץ צו דער איינגעוואָרצלטער מיינונג, אַז מ'האָט זיך געלאָזט פירן ווי שעפּסן צו דער שחיטה. אַוודאי האָט די היטלעריסטישע אָקופּאַציע גורם געווען צו אומגעהויערער טויט־שרעק, באַגלייט מיט געפאַלנקייט און פאַרדאַרבנקייט, ווי דאָס האָט, אגב, געהאַט אַן אָרט ביי אַנדערע פעלקער מיט אייגענע אַרמייען — בעת ביי אונדז יידן, אָן אַן אייגן לאַנד און אייגן מיליטער, האָט נישט אויסגעפעלט דערהויבנקייט און העראָיש־

קייט, אַפּילו פון אַזאַ אומגעריכטער זייט, ווי דער פאַל מיטן ראַדזינער רבין ר' שלמה ליינער זצ"ל. בעת מ'האָט אים מיט אַן עדה יידן געפירט פון געטאָ צום אומקום, האָט ער מיטן גאַנצן כוח זיינעם אַ קאָפּע געגעבן מיטן שטיוול אַן ס.ס.־אָפיציר אויף אַ גאַר פילבאַרן אָרט, אַז דער רוצח איז מיט געשרייען אומגע־פאַלן אויף דער ערד און דאָרט זיך געוואָרפן אין מוראדיקע קראַמפן. די וואָס האָבן צוגעזען די סצענע און די וואָס האָבן נאָר געהערט דערפון, זענען געווען פול מיט שטוינונג און באַוווּנ־דערונג פון רבינס העלדנטאַט, וועלכער איז זיכער נישט געווען קיין איינצלפאַל. איז דאָך אונדזער חורבן־ליטעראַטור פול מיט ענלעכע, העראָישע געשיכטעס.

נאָך עפּעס. אין יענע ביטערע צייטן האָט אויך נישט געפעלט קיין האָפענונג, אמונה, יידישער בטחון, מיט וועלכע אויך דער שרייבער פון די שורות איז געווען דורכגעדרונגען. אפשר דערמיט לאָזן זיך דערקלערן די שנעלע, טיילמאָל אומבאַרעכנטע רעאַגי־רונגען און שריט אין געפערלעכע סיטואַציעס, וואָס האָבן זיך גליקלעכערווייז געענדיקט צום גוטן. אָן שום ספק, אַז פיין, גבורה און האָפענונג זענען געווען די דריי עיקרדיקע קענצייכנס פון יענער צייט.

ווער ווייסט צי דער ספר וואָלט דערזען די ליכטיקע שיין, ווען נישט די דערמוטיקונג פון מיין ניצול־געוואָרענער משפחה, חברים און פריינד פון דער שארית הפליטה. אַ יישר־כוח און תודה רבה קומט דעם נאָבעל־פּרייז טרעגער און גרויסן שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער פאַר זיין פריינדלעכן בריוו צו מיר, נאָכן באַקע־נען זיך מיט די קאָרעקטן פון בוך.

אַ באַזונדערע אָנערקענונג האָט זיך פאַרדינט מיין בן־עיר און ידיד דוד שטאָקפיש, פאַר צוגעבן מיר אַ סך קוראַזש און פּאַכ־מענישע עצות צום דערשיינען פון ספר, און דער קינסטלער צבי זילבערמאַן פאַרן צייכענען די הילע.

ישראל אייזענבערג

לאָס־אַנזשעלעס. פעברואַר 1980.

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק
פון מיין גאָטזעליקן פאָטער
ר׳ משה׳לע אייזענבערג ע״ה,
דעם עסקן און מרביץ תורה —
נפטר געוואָרן אין לובלינער געטאָ
אין מיידאַן־טאַטאַרסקי,
דעם 31סטן מאַי 1942 (ט״ו סיון תש״ב).

י. א.

ערשטע טייל:

אין ירושלים דפולין

צום פריזיוו און אויף אַ... „זעעכץ״

הגם אַ געבוירענער אין וואַרשע, האָב איך מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן אַדורכגעמאַכט אין לובלין, די עיר ואם בישראל, וואָס איז אין דער יידישער וועלט געקרוינט געוואָרן מיט דעם שטאָלצן, פיל־זאָגנדיקן נאָמען ירושלים דפולין, פונקט ווי די יידישע ווילנע האָט מען גערופן ירושלים דליטאַ. פון די 120 טויזנט איינוווינערס אין לובלין, איז בלויז אַ דריטל געווען יידן, דאָך האָט די רומפולע פאַר־גאַנגענהייט און די ברויזנדיקע קעגנוואַרט (ביז דעם חורבן) געלייגט דעם עכט־יידישן חותם אויף דער דאָזיקער שטאָט, וועלכע האָט געאָטעמט מיט תורה און חכמה, מיט אַרבעט און מסחר, מיט גאָט־זוכעניש און געיעג נאָך אידעאַלן. „די יידן־שטאָט לובלין״ הייסט דאָס בוך פון היסטאָריקער, פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן — און טאַקע אַזאַ איז זי פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דעם 9טן נאָוועמבער 1942, מיטן ליקווידירן דעם קליינעם געטאָ אין מיידאַן טאַטאַרסקי, האָבן די דייטשע רוצחים אַ סוף געמאַכט צו דעם יידישן ישוב אין לובלין. ווי כמעט דער איינציק ניצול געוואָרענער פון יענער גרויזאַמער שחיטה, וויל איך דערציילן מיינע איבערלעבונגען אין די יאָרן 1937—1945, איבערלעבונגען וואָס זענען נישט מער ווי אַ טראָפּן „אין דעם געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן״...

★

אין חודש פעברואַר 1937 בין איך גערופן געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי. הגם איך האָב זיך „געצערט״ אין משך פון אַ האַלב יאָר צייט, נישט געגעסן און נישט געשלאָפן כדי וואָס מערער צו פאַרלירן פון דער וואָג, אויסזען קראַנק און שוואַך, ווי אויך אַדורכ־געמאַכט פיל קילאָמעטערס צופוס, אַפילו זיך געלאָזט מאַרשירן פון

לובלין קיין ראַדזין, צום דאָרטיקן רבין ר׳ שלמהלע זצ״ל, ער זאָל מיר אָנווינטשן באַפרייט צו ווערן פון מיליטער — האָט אָבער דאָס אַלץ נישט געהאָלפן. די פּאָבאָר־קאָמיסיע, צונויפגעשטעלט פון אָפּי־צירן און דאָקטוירים, האָבן דאָך באַשלאָסן, אַז כ׳בין דינסט־פעיק. אגב, האָט דער רבי פאָרויסגעזאָגט, אַז מ׳וועט מיך נישט באַפרייען. פרייטיק־צו־נאַכטס, ביים טיש, האָט ער מיר באַפוילן: „עס, עס, דאָס עסן וועט דיר נישט קאַליע מאַכן״...

מיין טאַטע האָט אויך באַצאָלט דעם „מאַכער״ יונה בחור, וואָס האָט געזאָלט אונטערקויפן דעם דאָקטער פון דער קאָמיסיע ער זאָל מיך באַפרייען. נאָר ערגעץ־ווו איז דאָס געלט אַוועקגעקומען — און מיין פּריזיוו ענדיקט זיך מיטן ווערן אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, ווו דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען שטאַרק פאַר־וואָרצלט סיי ביי די סאָלדאַטן, סיי ביי די אָפיצירן פון נידעריקן און העכן ראַנג — די עיקרדיקע סיבה, הלמאי יידישע בחורים האָבן געזוכט אַ וועג אויסצומיידן מיליטער־דינסט.

אַ קורצע צייט פאַרן צושטעלן זיך אין די קאַזאַרן, האָט מען מיינע פרומע עלטערן פאָרגעשלאָגן אַ שידוך פאַר מיר, ווי דער שטייגער אין יענע צייטן. איך האָב זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די היים מאָנטיק. נאָר מיט 3 טעג פריער, פרייטיק, זענען פון בילגאָריי, אַ שטעטל נישט ווייט פון לובלין, געקומען די כלה מיט אירע טאַטע־מאַמע און איינגעשטאַנען ביי אונדזערע בשותפותדיקע פריינד. דער ערשטער צונויפטרעף פון די צוקונפטיקע מחותנים, וואָס האָבן זיך געקאָנט נאָך פון פריער, איז פאָרגעקומען פרייטיק־צו־נאַכטס. וואָס אַן אמת, האָבן מיינע עלטערן געזען די כלה אַ סך פריער, אַפילו ספּעציעל געפאָרן קיין בילגאָריי אָנקוקן די צוקונפ־טיקע שנור. דאַקעגן פאַר מיר איז באַשטימט געוואָרן ערשט מוצאי־שבת צו באַטייליקן זיך אינעם אָפיציעלן „זעעכץ״, ווי מ׳האָט דאָס גערופן ביי יידן.

נאָך דער הבדלה בין איך מיט טאַטע־מאַמע אַוועק כאַפּן אַ בליק אויף די וואָס האָט באַדאַרפט זיין (און טאַקע געוואָרן) מיין

באַשערטע. דאָס שיינע, שוואַרץ־חנעוודיקע מיידל איז מיר גלייך געפעלן געוואָרן. נאָך דעם ערשטן ווערטער־אויסטויש, האָב איך אויך געהאַט אַ געפיל, אַז כ׳בין פאַרליבט...

צומאַרגנס, זונטיק, האָבן די מחותנים פאַרהאַנדלט וועגן נדן, אויסשטייער, אַ דירה, מעבל און אויך געוועבט צוקונפט־פּלענער פאַר זייערע קינדער. דעם זעלבן אָוונט האָט מען געטרונקען „לחיים" מיט פאַרבעטענע קרובים און פריינד. אויפן צווייטן טאָג, מאָנטיק גאַנץ פרי, האָב איך מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, זיך צוגעשטעלט אין מיין פּאָלק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין בראַנאָוויץ, אַ פאָרשטאָט אין לובלין.

די ערשטע זעקס חדשים פון שטרענגן קאַזאַרמע־רעזשים און מיליטערישער דיסציפּלין, זענען אַדורך נישט שלעכט. מיר אַליין איז געווען אַ ווונדער, וואָס נאָך דער דאָזיקער צייט, האָט מען מיך געשיקט אין אַן אונטעראָפיצירן־שול, וועלכע איז בדרך־כלל נישט געווען צוטריטלעך פאַר יידישע סאָלדאַטן. נאָך 3 חדשים לערנען די זעלנערישע תורה, באַקום איך אַ „בענדעלע", וואָס לויטן ראַנג הייסט עס „סטאַרשי שערעגאָוויעץ" (עלטערער זעלנער). דווקא איך, דער ישיבה־בחור, האָב אַוואַנסירט, הגם אין אונדזער איינ־הייט האָבן געדינט פיל יידישע סאָלדאַטן, אויסגעאיבטע ספּאָרטלער. אויסער אַלע אַנדערע אויפגאַבן פון אַן „איינבענדלדיקן", האָב איך יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס באַדאַרפט פירן אין שיל אַריין די סאָלדאַטן פון משה רבינוס גלויבן.

נאָכן ענדיקן די אונטעראָפיצירן־שול, האָב איך באַקומען אַן אורלויב אויף עטלעכע טעג. מיטן „בענדעלע" אויף די פּאַגאָנעס און אַ לאַנגער שווערד ביי דער זייט, האָב איך זיך אָוועקגעלאָזט קיין בילגאָריי, צו מיין כלה, וואָס האָט מיך אָפּגעוואַרט אויף דער אויטאָבוסן־סטאַציע. בעת יענער באַגעגעניש האָבן מיר זיך אַפילו צעקושט — און דערפאַר האָט בילגאָרייער קהל באַשלאָסן מיך צו באַשטראָפן אויף זייער שטייגער: אַז כ׳בין שבת געקומען

דאַווענען מיט מיין צוקונפטיקן שווער אין גערער שטיבל, האָט מען נישט געוואָלט מיך אויפרופן צו דער תורה און געבן אַן „עליה״. דער שווער האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש. אין שטעטל האָבן זיך אַפילו געשאַפן צדדים — פאַר און קעגן דעם, אַז חתן־כלה זאָלן זיך קושן בפרהסיא...

סוף זומער 1938 האָב איך געענדיקט מיין מיליטער־דינסט, זיך אומגעקערט אַהיים, צו טאַטע־מאַמע, ווו ס'האָט אויך געוואַרט מיין כלה באַלטשע. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער חתונה, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אויפן 9טן סעפּ־טעמבער 1938.

יענעם אָוונט זענען מיר אין דעם יידישן שטעטל בילגאָריי געשטאַנען אונטער דער חופה, אונטערן פרייען הימל, אין אַ הויף. די משפחות פון קראַשניק און וואַרשע, פון לובלין און אַנדערע ערטער, זענען זיך צונויפגעקומען צו דער שמחה. די חתונה־פייערונגען האָבן זיך געצויגן אַ גאַנצע וואָך, מיט שבע ברכות יעדן טאָג, ווי עס האָט זיך געפירט אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן.

איך בין שוין געבליבן ביי די שוויגער־עלטערן ביז נאָך די יום־טובים. דערנאָך בין איך און באַלטשע אַוועק פון בילגאָריי קיין לובלין און דערווייל זיך געדונגען אַ צימער ביי אַ משפחה, ביז מ'וועט אַריינגיין אין אַן אייגענער דירה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען. מיין פאָטער האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין געשעפט, אין וועלכן כ'האָב אַריינגעלייגט אַ טייל פון באַקומענעם נדן און אַזוי אַרום זיך פאַרזיכערט פרנסה פאַר מיין פרוי און מיר.

די אַנטיסעמיטישע העצע קעגן יידישן ישוב אין פוילן מצד דער רעגירונג, אין סיים, פרעסע און פאַרטייען, האָט דערפירט צום בויקאָטירן יידישע סוחרים. אויך אונדזער געשעפט פון שניט־סחורה, וואָס האָט געהאַט אַן אָנגעזעענע צאָל קריסטלעכע קונים, איז געפאַלן אַ קרבן פון יענער יידן־פיינדלעכער פּאָליטיק. דאַקעגן האָט דאָס געשעפט פון מיין שווער אין בילגאָריי נישט שלעכט

פּראָספּערירט. ער האָט מיך געבעטן צו באַזעצן זיך אין שטעטל, העלפן אים אין דער קראָם און אַפילו פּלאַנירט צו שיקן קיין ווילנע, ווו ער האָט געהאַט בדעה צו עפענען אַ פיליע פון זיין מסחר — פאַרשידענע דראָט־נעצן, וועלכע עס פלעגן פאַר אים אויסאַרבעטן שטעטלדיקע בעלי־מלאכות און פויערים. איך בין אָבער געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיין פאָטער, נישט געוואָלט אים פאַרלאָזן אין דער שלעכטער צייט און דערפאַר נישט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון שווער.

צום יאָר פון אונדזער חתונה־טאָג, איז היטלער־דייטשלאַנד באַפאַלן פוילן און צונישט געמאַכט אַלע שיינע חלומות פון מיל־יאָנען מענטשן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה און די אויסראָטונג פון אונדזער פאָלק.

אויפן פראָנט

אין דער נאַכט פון 31סטן אויגוסט 1939 ווער איך מאָביליזירט אין דער אַרמיי. צומאָרגנס, דעם ערשטן סעפּטעמבער, האָבן מיר שוין געוווּסט פון דער היטלעריסטישער אינוואַזיע. איך באַקום דעם מונדיר, אַ ביקס, אַ רוקזאַק מיט די נייטיקע זאַכן און נאָכן צוטיילן מיך צום פּאָלק, שיקט מען אונדז אין פריער צוגעגרייטע אָקאָפּעס נישט ווייט פון לובלין. די דייטשן האָבן מיט זייער בליץ־אַטאַקע אַזוי איבערראַשט די פּוילישע באַוואָפנטע כוחות, אַז זיי זענען נישט געווען מסוגל צו שטעלן אַן עפעקטיוון ווידערשטאַנד און אויך נישט געווען צוגעגרייט און אויסגעשטאַט צו שלאָגן זיך מיט דער באַ־וואָפנטער און אויסגעשולטער אַרמיי פון דריטן רייך. אונדזער איינהייט האָט געהאַט בדעה צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, נאָר די אָפטע באָמבאַרדירונגען פון דער לופט האָבן אַריינגעברענגט דעמאָראַליזאַציע און שרעק צווישן די זעלנער, ווי ביי דער ציווילער באַפעלקערונג. מיין פראָנט־ליניע איז געווען אין די אָקאָפּעס צווישן די שטעטלעך מאַרקישאָוו און קאָריוו, הגם דער שונא האָט זיך

נישט געפונען אויף דער ערד, נאָר — איבער אונדזערע קעפּ, אין הימל. אַ סך קרבנות זענען געפאַלן נישט ווייט פון מיר. די מיליטע־רישע לערע אין משך פון יאָרן האָט פאַרלוירן איר ווערט און באַדייטונג, אַנטקעגן די פאַלנדיקע באָמבעס. אויך דער טרוים פון אַ יידישן בחור פון לובלין אויפצושטעלן אַ פאַמיליע־נעסט און אַנגיין מיט זיין יידישן לעבנס־שטייגער — איז געוואָרן אויסגע־רונען...

באַזונדערס שווער האָט זיך געלייגט אויף אונדזער געמיט די זיך דערנענטערנדיקע ימים־נוראים. די שטימונג — אַ דערדריקטע, דער מאָרגן — אין שוואַרצע פאַרבן. דעם ערשטן טאָג ראש־השנה האָבן די דייטשן מיט אַ באַזונדערן אייפער אַטאַקירט אונדזערע פּאָ־זיציעס פון האַרמאַטן, טאַנקן און עראָפּלאַנען. אין אָוונט, אַז די שרעקלעכע קאַנאָנאַדע האָט זיך איינגעשטעלט, איז מיר געלונ־גען צונויפצושטעלן אַ מנין פון יידישע זעלנערס און דאַווענען בציבור. איך בין געווען דער חזן און ווי אַן עמוד האָט געדינט אַ דיקער בוים. מיר האָבן געגלויבט, אַז אויך דער דאַזיקער אַלטער דעמב ווערט מיטגעריסן מיט אונדזער תפילה און געוויין. מיין „ונתנה תוקף" האָט געקענט אַ שטיין רירן. צווישן דעם מנין האָט זיך אויך געפונען דער לובלינער זעלנער אברהמטשע ערליכמאַן (פון „זאַמד").

די מלחמה מיט פוילן האָט נישט געדויערט לאַנג. די וואָס זענען נישט אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, זענען זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלער, כדי זיך אויס־באַהאַלטן פון די מונדירטע רוצחים פון דער ווערמאַכט. איך בין אַנגעקומען אין דעם שטעטעלע גליסק, נישט ווייט פון לובלין און ביי אַ גאַסטפריינדלעכער יידישער משפחה זיך איבערגעטאָן אין ציווילע מלבושים, זייערס אַ מתנה. דעם מונדיר האָב איך באַ־גראָבן אין פעלד. פאַר דער צייט פון מיין זיין אין גליסק האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן קיין איין מינוט ווי אַזוי זיך דערשלאָגן צוריק קיין לובלין, וווּ מיין פרוי, עלטערן און משפחה

האָבן אַוודאי מיט ציטער און זאָרג געטראַכט וועגן מיין גורל און אַליין געלעבט אין כסדרדיקער שרעק פאַרן דייטשן אָקופּאַנט, וואָס האָט אין די ערשטע טעג פון באַצווינגען לובלין, אַרויסגעוויזן זיינע פינצטערע כוונות לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ געוויסע נאַכט האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין און דערגאַנגען ביז דעם שטעטל פּיוסק. איך בין אַוועק אין שיל, ווו כ'האָב צו מיין גרויסער פרייד און איבערראַשונג געטראָפן מיין שוואָגער שמואל. זיין פאָטער (און מיין שווער) האָט אים ספּעציעל געשיקט קיין לובלין זיך דערוויסן, צי איז פאַראַן פון מיר אַ ידיעה, ווייל זיי האָבן געוווּסט וועגן די שווערע פאַרלוסטן פון פּוילישן מיליטער.

דער צונויפטרעף שפּעט ביינאַכט מיט אַ היימישן, נאָענטן מענטשן האָט מיך זייער דערמוטיקט. איך באַשליס זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג, הגם פול מיט געפאַרן, ווייל פּויערים, ווי אויך דייטשע זעלנער האָבן געלויערט אויף וואַנדערנדיקע יידן און זיי געדראָט מיט טויט, רויב אָדער אַרעסט. נאָר דער ווילן צו זיין מיט די נאָענטסטע האָט גובר געווען אַלע פּחדים. מיין ציל איז — דער־גיין קיין לובלין.

דייטשן ביי מיר אין וווינונג

דאָס יאָר 1940 איז פאַר די יידן אין לובלין געווען אַ יאָר פון צרות, ליידן, פּיין, רדיפות, אַקציעס און... טויט. איינע פון די ערשטע פאַראָרדענונגען פון די ברוינע באַנדיטן איז געווען: יעדער ייד דאַרף טראָגן אַן אָרעמבאַנד מיט אַ מגן־דוד. אַ ייד האָט נישט געטאָרט גיין אויפן טראָטואַר. ביים באַגעגענען אַ דייטש, האָט אַ ייד באַדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס היטל און אים באַגריסן. און פּונקט

ווי דער דייטש האָט געהאַט רעכט צו באַשטראָפן אויפן אָרט אַ ייד וואָס האָט אים נישט באַגריסט, אַזוי האָט ער אַ סך מאָל געשלאָגן, געקאָפּעט אָדער געזידלט אַ יידן, וואָס האָט פאַר אים יאָ אַראָפּגענומען דאָס היטל און באַגריסט. נישט איינמאָל האָב איך באַקומען קלעפּ, צי געקאָפּעט מיט די שטיוול, אָן אַ סיבה — ווייל אַזוי האָט זיך פאַרגלוסט דעם סאַדיסטישן אָקופּאַנט.

יעדן טאָג האָבן די געטאָ־איינוווינערס זיך באַדאַרפט מעלדן אין אַרבעטס־אַמט אויף קרולעווסקע 3, ווו מ׳האָט די יידן צוגעטיילט צו פאַרשידענע פּלאַצוווקעס. זייער אָפט, און אין גרויסע צאָלן, זענען געווען פאַלן, אַז מ׳איז מער נישט געקומען צוריק אַהיים, צו דער משפּחה, נאָך אַ טאָג צוואַנג־אַרבעט ביי די דייטשן.

אין די נעכט פלעגט מען אויך נעמען פון די בעטן מענער, פרויען, יוגנטלעכע — און מער האָט מען זיי נישט געזען. אויך איך האָב זוכה געווען צו אַזאַ וויזיט אַרום האַלבער נאַכט, אין מיין דירה אויף זאַמויסקע 23. צוויי היטלעריסטן האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין דער וווינונג, געזוכט און גענישטערט אין אַלע שענק, שופלאָדן און ווינקלען, צוגענומען וואָס זיי איז געפעלן. דערנאָך גערעדט צווישן זיך, אַז זיי האָבן בדעה צו האָבן אַ סעקסועלע באַציאונג מיט מיין פרוי, וועלכע איז די גאַנצע צייט געבליבן אין בעט. איך ווענדע זיך גלייך צו די אומגעבעטענע געסט, אין האַלב־יידיש, האַלב־דייטש:

— וואָרום ברויכט איר די פרוי? זי איז קראַנק אויף די לונגען, טובערקולאָז — איך וועל אייך אָוועקפירן צו די ריכטיקע פרויען, וועלכע איר פאַרלאַנגט...

זיי האָבן איינגעשטימט מיט מיין פאָרשלאָג — און כ׳בין מיט זיי אָוועק פון אונדזער היים, אַריין אין אַ צווייט הויז וואָס האָט געהאַט אַן אונטערשטן אַדורכגאַנג — און בין פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט־פינצטערניש. זיי האָבן אַ געוויסע צייט מיך געזוכט, נאָר ווייזט אויס, אַז זיי האָבן פאַרגעסן ווו איך וווין און מער נישט

געקומען אין אונדזער דירה. איך בין אַוועק צו אַ שכן, איבערגע־שלאָפן די נאַכט און מיט האַרץ־קלאַפעניש געוואַרט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

נאָך אונדזער פאַרלאָזן די וווינונג איז אויך מיין פרוי אַרויס פון בעט, אויף שנעל זיך אָנגעטאָן און ביי אַ שכן געבעטן איבער־שלאָפן אַ נאַכט, אויס מורא אַז די דייטשן וועלן זיך אומקערן. איך האָב ריזיקירט מיט אַזאַ שריט, ווייל כ'האָב געוווּסט וואָס די דייטשן טוען מיט יענע יידישע פרויען, וועלכע זיי פאַרגוואַלטיקן. און נישט נאָר די פרויען ברענגען זיי דערנאָך אום, נאָר אויך די משפחה־מיטגלידער, כדי נישט איבערלאָזן קיין עדות פון זייער ברעכן דאָס געזעץ וועגן „ראַסן־שאַנדע״.

אַ לענגערע צייט זענען מיר נישט געשלאָפן אין אונדזער וווי־נונג, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אַז די דייטשן וועלן אונדז זוכן כדי צו באַשטראָפן.

אין דער דירה אויף זאַמויסקע 23 איז אונדז נישט אויסגעקומען לאַנג צו וווינען, בלויז עטלעכע חדשים, ווייל מ'האָט אַלע לובלינער יידן פאַרטריבן אין געטאָ, ווו מ'האָט אויך אַריינגעשיקט די טראַנס־פּאָרטן יידן פון שלעזיע און סודעטן־דייטשלאַנד. ס'איז זיך נישט פאָרצושטעלן די ענגשאַפט, אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען און פיין פון די אומגליקלעכע געטאָ־איינוווינערס.

מיטן אינערלעכן לעבן אין געטאָ האָט אָנגעפירט דער יודענ־ראַט, בראש מיט פּרעזעס, אדוו׳ מאַרעק אַלטען און אייניקע געווע־זענע דאַזאָרעס פון דער יידישער קהילה. דער יודענראַט האָט גע־מאַכט גרויסע באַמיונגען ביים אויפנעמען און איינאָרדענען די יידן פון אַנדערע געגנטן אין פּוילן, וועלכע דער דייטשער צורר האָט פאַרטריבן פון זייערע היימען.

אין לאַגער ליפּאָווע 7 און אין געטאָ

ביז דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 איז דער גרויסער ספּאָרט־פּלאַץ פון אַקאַדעמישן ספּאָרט־קלוב אויף דער ליפּאָווע־גאַס נומער 7 געווען דאָס כמעט איינציקע רעפּרעזענטאַטיווע און גרעסטע אָרט פאַר פוטבאָל־פאַרמעסטן צווישן אָרטיקע און צוגע־פאָרענע מאַנשאַפטן. דער דייטשער אָקופּאַנט האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם דאָזיקן גרויסן פּלאַץ און זיינע איינריכטונגען פאַר אַ לאַגער פאַר יידישע קריגס־געפאַנגענע און פאַר סתם יידן, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן צו שקלאַפן־אַרבעט.

מיטן איינשטעלן דאָס געטאָ פאַר די יידן פון לובלין אין אָקטאָ־בער 1940, האָט מען מיין שוואַנגערע פרוי און מיך אויסגעזידלט פון אונדזער וווינונג אויף זאַמויסקע־גאַס 23 — אין דעם זאַל פון לייבעלע זייפשטיין אויף דער נאַדסטאַווע־גאַס 20. דער דאָזיקער נישט גרויסער זאַל, וואָס האָט געדינט פאַר חתונות און אַנדערע שמחות, איז באַשטימט געוואָרן אַלס דירה פאַר אַכט משפחות, לויט די געטאָ־נאָרמעס, וועלכע ס׳האָט איינגעשטעלט דער היטלעריסטי־שער רעזשים. אַז מ׳האָט זיך געלייגט ביינאַכט שלאָפן, האָט די פּאָדלאָגע פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויס בעט מיט צונויפגע־דרענגטע קעפּ, פיס און קערפּערס. ווער פון זיי — אויף שטרוי־שעניקעס, נאָר דער רוב — אויפן בלויזן דיל. פון די עטלעכע צוואַנציק פּערזאָן — מענער, פרויען און קינדער, האָבן אַ סך געשנאָרכט נאָך אַ שווערן טאָג צוואַנג־אַרבעט, אָדער געוויינט, צי געקרעכצט. זייער אָפט האָבן פאַרשלאָפענע מאַמעס באַרואיקט זייערע וויינענדיקע קינדער: „זאָל זיין שטיל!" „הער אויף צו קלאַגן!" „לאָז די מענטשן שלאָפן!" אָבער נישט תמיד האָבן גע־האָלפן די אַלע רייד.

בייטאָג ווידער האָבן די פרויען זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דער איינציקער קיך, וועלכע האָט געדאַרפט באַדינען אַ סך טעפּ. דאָס לעבן איז געוואָרן שווער און ביטער.

דעם 26סטן פעברואַר 1940 האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז אַלע מענער פון געטאָ זאָלן יעדן פרימאָרגן זיך צושטעלן אין לאַגער אויף ליפּאָווע 7, ווו מיר האָבן באַדאַרפט אויסגלייכן דעם באָדן, אויפשטעלן באַראַקן און זיין באַשעפטיקט אין די פאַרשידענע וואַר־שטאַטן. צו יענער צייט האָבן די רוצחים אָנגעהויבן אויפשטעלן דעם טויטן־לאַגער מיידאַנעק און אַהין געשיקט יידן צו שקלאַפן־אַרבעט, זיי זאָלן צוגרייטן די באַראַקן, גאַז־קאַמערן און קרעמאַ־טאָריעס.

נישט ווייט פון ליפּאָווע 7 האָט זיך געפונען די געסטאַפּאָ, בראש מיטן פּאָליציי־שעף פון לובלינער דיסטריקט, גלאָבאָצניק. די דאָזיקע „שכנים" האָבן אָפט באַזוכט דעם לאַגער אויף ליפּאָווע 7 און דאָרט זיך פאַרוויילט מיט שלאָגן, פּייניקן און שיסן די קרבנות, אָדער איי־ניקע פון זיי איבערגעשיקט אין מיידאַנעק.

מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין פאַרשידענע ערטער, די אַזוי גערופענע פּלאַצווּוקעס, ביז סוף אָקטאָבער. אַ געוויסן טאָג האָט די יידישע פּאָליציי מיך געכאַפּט אין גאַס און מיט נאָך יידן אַוועקגעפירט צו לאָדענען מעבל פון די אויסגעליידיקטע יידישע היימען. די דאָזיקע דירות זענען באַזעצט געוואָרן פון פּאָלאַקן, אויסגעוויזענע פון אַנדערע געגנטן, צי פון די פּאָלקס־דייטשן. דאָס בעסטע מעבל האָבן די דייטשן גענומען פאַר זיך און די אַלטע, אָפּגענוצטע שענק, בעטן, טישן און שטולן — געלאָזן פאַר די נייע איינוווינערס. נאָכן ענדיקן די אַרבעט זענען מיר געווען זיכער, אַז מען ווערט באַפרייט, מ'וועט זיך אומקערן אין געטאָ, צו די משפחות. אָבער דער דייטש וואָס האָט אונדז געהיטן האָט באַפוילן, אַז מיר דאַרפן גיין אין לאַגער אויף ליפּאָווע.

אונדזער גרופּע האָט מען אַריינגעלאָזט אין אַ נישט פאַרענדיקטן באַראַק און אַלעמען באַפוילן זיך לייגן שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, אָן עסן און טרינקען. צומאָרגנס, גאַנץ פרי, האָט זיך באַוויזן האַנטקע, דער סאַדיסטישער שעף פון לאַגער, באַפוילן זיך אויסצו־

שטעלן אין אַ ריי און דערקלערט, אַז פון היינט אָן זענען מיר זיינע יידן און בלייבן שוין דאָ אַרבעטן. דערנאָך קומט אַריין דער אונטערשאַרפירער שראַם און פרעגט זיך ווער איז אַן עלעקטריקער. מיין איינציקע קענטעניש אין דעם פאַך איז געווען, אַז יעדן ערב סוכות האָב איך פון אַן עלעקטרישן קאָנטאַקט אין אונדזער וווי־נונג אַראָפּגעלאָזט אַ לאַנגע שנור מיט אַ לאָמפּ צו באַלויכטן די סוכה. איך ריזיקיר און מעלדע זיך ווי אַ פאַכמאַן. שראַם נעמט מיך אַרויס פון דער ריי און פירט מיך אַוועק אויף אַ פּלאַצוווקע, וווּ ס'האָבן געאַרבעט ריכטיקע פאַכלייט, די לובלינער יידן: מענדעלע מילשטיין, בראַנפמאַן און דער מאַגאַזינער קאַרענבליט. זיי האָבן מיך איבערגענומען פון שראַמען, ווייסנדיק אויסגעצייכנט, אַז איך האָב אַ גאָר קנאַפּן שייכות צו דער דאָזיקער פּראָפעסיע. איך באַקום אַן אַרבעט־צייגעניש, וואָס איז אין יענער צייט געווען זייער וויכטיק, ווייל זי האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אין געטאָ — און מען שיקט מיך אַרבעטן מיטן געניטן עלעקטריקער יאָסעלע ליכטענשטיין (איצט אין ישראל). ער האָט מיך באַרואיקט:

— זאָרג נישט, ישראל, איך ווייס ווער דו ביסט: משהלע אייזענבערגס זון. מיין מאַמע האָט אַ לענגערע צייט געטראָגן צו אייך אַ היים מילך און דיין טאַטע האָט אַנומלט געזשירעט פאַר איר אַ הלוואה פון דער גמילות־חסדים קאַסע. איך וועל דיך נישט לאָזן פאַלן...

יאָסעלע האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט מיך מיטגענומען אַר־בעטן אַלס עלעקטריקער אין דער פּאָליציי, געסטאַפּאָ און אַנדערע דייטשע אַמטן. פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב ביסלעכווייז געלערנט די מלאכה. נאָר דאָס וויכטיקסטע: כ'האָב יעדן פאַרנאַכט געקענט זיך אומקערן אין געטאָ און זיין צוזאַמען מיט דער משפּחה.

אַזוי ווי מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אויך אין פּריוואַטע וווינונגען פון דייטשן, איז טיילמאָל געלונגען צו ברענגען אַהיים אַ שטיקל ברויט, אַ פּרוכט, אַ צוקערל. אויפן געטאָ־לשון האָט עס

געהייסן — „אָרגאַניזירן" שפּייז. נאָר דאָס איז געווען פון דעם סאָרט עסנוואַרג, וואָס די דייטשן האָבן שוין געוואָרפן אויפן מיסט. עס האָט אויך געטראָפן, הגם זעלטן, אַז נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט ביי אַ דייטש, פלעגט ווער פון זיי עפּעס געבן צו דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ.

אַ געוויסן פאַרנאַכט, אומקערנדיק זיך פון ליפּאָווע 7 אין געטאָ, האָב איך אויפן וועג אַנטדעקט אַ צוקערלער־פאַבריק, וועלכע האָט געאַרבעט פאַר די דייטשן. אויפן גאַס, ביים פאַבריק־טויער, זענען געשטאַנען גרויסע קעסלען צום רייניקן. ריזיקירנדיק מיטן לעבן, האָב איך אויף שנעל אויסגעקראַצט פון די קעסלען אַ ביסל זיסע קלעבעכץ און אויך אויפגעקליבן פון טראָטואַר דעם אָפּפאַל, אויס־געמישט מיט זעגעכץ און מיסט. די דאָזיקע מציאה האָב איך מיט גרויס פרייד געבראַכט אַהיים. ס׳איז געווען מיט וואָס צו פאַרזיסן די געקאָכטע וואַסער, ווייל טיי צו פאַרבריען האָבן מיר ניט געהאַט.

אין געטאָ האָבן מיר געוווינט צוזאַמען: די עלטערן, מיין ברו־דער, מיין פרוי און איך. דער צוטייל פון די פינף שפּייז־קאַרטן האָט באַלאַנגט צו אַ בשותפותדיקער „קאַסע" און אַלע האָבן גע־לעבט פון דעם. דאָס ביסל זיסקייט וואָס כ׳האָב געברענגט, איז ממש געווען אַן אוצר. מיין מאַמע און באַלטשע האָבן אָפּגערייניקט פונעם מיסט די קלעפּיקע מאַסע און זיך געבעטן ביי מיין ברודער שלמהלע, ער זאָל נישט צו פיל נאַשן, ווייל ס׳איז באַשטימט צו טרינקען טיי.

אין געטאָ, אויף דער צירולניטשע גאַס, האָט זיך געשאַפן אַ מין „שוואַרצער מאַרק", ווו מ׳האָט פאַרקויפט פאַרשידענע סחורות און פּראָדוקטן. אַזוי ווי פון טאַטנס געשעפט איז פאַרבליבן אַ ביסל שטאָפן, וועלכע מיר האָבן באַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פּאָלאַק אין בראָנאָוויץ, פלעגט די מאַמע פון צייט צו צייט אַהין זיך אַרויס־גנבענען און צוריק אַריינשמוגלען אין געטאָ עטלעכע מעטער סחורה, וועלכע זענען פאַרקויפט געוואָרן „אויף שוואַרץ". אַ דאַנק דער הכנסה איז געווען מעגלעך זיך צוצוקויפן שפּייז־אַרטיקלען

און עטוואָס באַרייכערן די מאָגערע מאָלצייטן. מיט אַ באַזונדערער הנאה פלעגט אונדזער פאַמיליע זיך אויסזעצן ביים טיש אַ שבת־צונאַכטס, ווען די איינציקע קיך פונעם געוועזענעם חתונה־זאַל איז נישט געווען באַשטעלט מיט קיין סך טעפּ, און וואַרטן אויף דער אָנגעברענטער זופּ, וועלכע די מאַמע האָט געגרייט מיט אַ צוגע־ריישט ציבעלע, הגם אָן בוימאייל. מיר האָבן זיך אַלע מחיה געווען מיטן ביסל געקעכטס. דער טאַטע האָט געזונגען זמירות „איש חסיד היה בלי מזון ומחיה" און געגעבן צו פאַרשטיין דעם חסד פון רבונו־של־עולם, הלמאַי מיר עסן אַזאַ זופּ, וועלכער אַפילו דער חסיד האָט נישט געהאַט — און אַז אויך אין דער פינצטערער תקופה פאַרגעסט נישט דער כביכול אין זיין פאָלק ישראל...

דער אַרעסט און באַפרייונג פון מיין פאָטער ע"ה

אינמיטן נאַכט אין חודש מאַי 1941, דערגייט צו אונדזערע אויערן דער אָפּהילך פון זעלנערישע שטיוול אויף די טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט צום אַמאָליקן חתונה־זאַל אויף נאַדסטאַוונע 20, די וווינונג פון אַכט יידישע משפחות, פאַרשפּאַרטע אין געטאָ. עס דויערט אפשר אַ מינוט, מיר הערן אַ זעץ אין טיר און געשריי:

— אויפמאַכן!

די פיר ס.ס.־באַנדיטן, מיטן טויטן־קאָפּ אָפּצייכענונג אויף די היטלען, וואַרטן נישט ביז עס וועט ווער אויפמאַכן די טיר, נאָר זי ווערט אויפגעפּראַלט מיט עטלעכע שטאַרקע זעץ פון די שטיוול. איינער פרעגט:

— ווו איז מאָזעס?

די עטלעכע צוואַנציק נפשות אין צימער ווייסן, אַז דאָס מיינט מען מיין טאַטן, משהלע אייזענבערג. אַלע ווערן פאַרגליווערט פון שרעק. די רוצחים גיבן ווידער אַ באַפעל:

— אַנציִען!

עס דויערט נישט לאַנג און מיין פאָטער, וואָס האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, ווערט אַוועקגעפירט פון די דייטשן. מיר האָבן דעמאָלט שוין געוווּסט מיט וואָס עס ענדיקט זיך אַזאַ נאַכט־וויזיט פון די מערדערס.

גאַנץ פרי, אין דער שעה ווען מ'האָט שוין געמעגט גיין אין גאַס, זענען מיר אַוועק אין דער יידישער גמינע, דאָס זיצאָרט פון יודענראַט, ווו עס האָבן זיך אויך צונויפגעזאַמלט נאָך יידישע משפחות פון די וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן יענע נאַכט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז פופצן יידן, פון די אָנגעזעענסטע אין שטאָט, ווי דער מורה־הוראה שימעלע וויזענבערג, נח זילבעררייך, קאָפל קעניגסבערג און אַנדערע, האָט מען אַרעסטירט אונטער דער באַשול־דיקונג פון באַגנבענען ביינאַכט אַ פוילישע שפּייז־קאָאָפעראַטיוו. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַן אויסגעטראַכטער בילבול שוין דערפאַר, וואָס יידן האָבן נישט געוואַגט עובר צו זיין דעם פאַר־באָט פון דער פּאָליצייאישער שעה און אַרויסגיין אין די אָוונטן פון שטוב. וואָס שייך די פאַרהאַלטענע יידן, האָבן זיי אויך בייטאָג נישט געוואָלט זיך ווייזן אין גאַס, אויס בלויזער מורא, אַז די דייטשן וועלן זיי אָפשניידן די בערד.

איך האָב אינטערווענירט ביים פּרעזעס פון יודענראַט, ד״ר מאַרעק אַלטען, אינזשעניער בעקער, שלמה פערסיקאַ, דעם טאַטנס ידידים, אפשר וועט זיי געלינגען צו פועלן ביי די דייטשן צו באַפרייען דעם פאָטער. דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַלע אַרעסטירטע האָט מען אָפּגעפירט אין „זאַמעק״, דער אַלטער, קעניגלעכער שלאָס, וועלכער האָט גע־דינט אַלס תפיסה דעם צאַרישן רעזשים, דערנאָך פוילן, און איצט — די דייטשן.

איינער פון די יידישע בעלי־מלאכהס וואָס זענען געווען באַ־שעפטיקט אויפן „זאַמעק״ ווי שקלאַפן־אַרבעטער און דערנאָך גע־

וואָרן באַפּרייט, האָט מיר דערציילט, אַז אויפן דריטן טאָג פון אַרעסטירן די פּופּצן יידן, האָט מען זיי אויסגעשטעלט אויפן תפיסה־הויף, געגעבן בעזעמער מיט לאַנגע שטעקנס, ווי אויך אַ ספר־תורה, זיי אַרומגעפירט איבערן הויף און דערביי באַפוילן אַלע אַרעסטירטע זיי זאָלן דורך די פענצטער זיך צוקוקן צו דער „פאַר־שטעלונג". דאָס איז געווען פּריטיק בייטאָג. נאָר גרויס איז געווען אונדזער אַלעמענס שטוינונג און איבערראַשונג, ווען צומאָרגנס, שבת פאַרנאַכט, צו די שלוש־סעודות, זענען די אַלע יידן, און מיין פאָטער צווישן זיי — באַפרייט געוואָרן. טרערן פון פרייד האָבן זיך געגאָסן איבער אונדזערע פנימער. נאָך דער איבערראַשונג זאָגט מיר דער טאַטע:

— היינט איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַ גמרא, וועלכע איך האָב בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין. אין דער גמרא עבודה זרה, דף י׳, עמוד ב׳ בכה רבי: יש קונה עולמו בשעה אחת... רבי האָט שטאַרק געוויינט, ווען ער האָט פון הימל געהערט דאָס קול, אַז מען קאָן זיך קויפן עולם הבא אין איין שעה...

אַז מיר האָבן זיך עטוואָס באַרואיקט און אויסגעזעצט ביים טיש, האָט דער טאַטע דערציילט, אַז אויפן „זאַמעק" האָט מען די אַרעס־טירטע יידן געפּייניקט און געשלאָגן, זיי זאָלן זיך מודה זיין אין באַגנבענען די „ספּולדזשעלניע" און דערנאָך זיי געצוווּנגען צום ספּעקטאַקל מיט די בעזעמער און ספר־תורה. וועז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען זיי אַלע צוריק אַריינגעטריבן אין דער קאַמער, ווו מיין פאָטער, איינער פון די בעסטע בעלי־תפילות אין שטאָט, האָט צונויפגעשטעלט אַ מנין און באַשלאָסן מקבל שבת צו זיין, ווי ער האָט זיך נוהג געווען אַלע יאָרן. אויפן העכסטן און האַרציקסטן קול, אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך אין די באַדינגונגען פון תפיסה, האָט ער מקבל־פּנים געווען די שבת מלכה און דערביי זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם — לכו נרננה להי׳ נריעה לצור ישענו... גראָד אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אויפן

תפיסה־הויף שמאי גראַיער דער „יודען־קיניג״, ווי די דייטשן האָבן אים גערופן, נאָך דעם ווי ר׳איז דורך זיי באַשטימט געוואָרן ווי דער פאַקטישער בעל־הבית פון געטאָ. שמאי גראַיער איז פאַר דער מלחמה געווען גוט באַקאַנט אין לובלין ווי אַן אונטערוועלט־ניק, אַן אַלפאַנס, וואָס האָט פאַר זיינע פאַרברעכנס באַדאַרפט אָפּ־זיצן יאָרן תפיסה אין דעם זעלבן „זאַמעק״, ווו ר׳איז איצט, ביי די היטלעריסטן, געווען אַן אַריינגייער ווי זייערס אַ שותף צו פייניקן יידן (וועגן דעם אויסוווּרף וועט נאָך גערעדט ווערן שפּעטער). איצט, דערהערנדיק דורכן פענצטער די נגינה מתוקה פון שבתדיקן דאַווענען, איז ער אַריין אין קאַמער און דערזעענדיק דעם טאַטן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ר׳ משהלע, פאַר וואָס זיצט איר דאָ מיט נאָך יידן?

דער טאַטע האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע און אויף שמאיס פראַגע צי זיי האָבן עפּעס געגעסן, האָט ער געענטפערט, אַז ניין. האָט דער מסור און קאַלאַבאַראַטאָר פאַרזיכערט די יידן, אַז זיין מאַמע וווינט נישט ווייט פון דער תפיסה און ער וועט פון איר ברענגען חלה מיט פיש. „איר מעגט עסן אירע מאכלים, ס׳איז כשר. מיין מאַמע איז אַ פרומע יידענע״...

ס׳האָט נישט גענומען קיין סך צייט און ער האָט זיך אומגע־קערט מיט אַ פולן קויש. ביים אַרויסנעמען דאָס עסן, רופט ער זיך אָן צום טאַטן:

— רעב משהלע, מאָרגן וועט איר אַלע גיין אַ היים!

און אַזוי איז טאַקע געשען. אַגב, איז דאָס געווען אַ זעלטענער, אויב נישט דער איינציקער פאַל, אַז ער זאָל האָבן באַפרייט יידן פון „זאַמעק״.

— איצט, — גיט דער טאַטע צו פאַרשטיין — ווייס איך שוין פאַר וואָס רבי האָט געוויינט, ווען ר׳האָט געהערט דאָס קול „יש קונה עולמו בשעה אחת״. ווער ווייסט אַ וואָסער מצווה דער שמאי גראַיער האָט געטאָן מיטן ברענגען שבתדיק עסן די אַרעסטירטע

יידן און דערנאָך זיי באַפרייט. נאָר דער דאָזיקער טאַט זיינער דאַרף אים נישט מזכה זיין אַפילו מיט אַ חלק עולם הבא, ווייל צו גרויס זענען זיינע פאַרברעכנס לגבי אונדזער פאָלק...

צווייפלהאַפטע מלחמה־נייעס

נאָך יענער נאַכט ווי מ׳האָט אַרעסטירט דעם טאַטן, האָבן די מענער באַשלאָסן נישט נעכטיקן מערער אין דער וווינונג, אויס מורא אַז אויך מיר זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. ביי דעם שכן לייבל בירברייער, וואָס האָט געוווינט אויפן פּאַרטער, האָבן מיר געדונגען אַ צימער און דאָרט איינגעאָרדנט אַ פאַלשע וואַנט מיט אַ שמאָלן אַריינגאַנג, הינטער וועלכער מ׳האָט אין אַן עת צרה זיך געקענט אויסבאַהאַלטן, ליגנדיק אויפן דיל. אויך אין די נעכט זענען די מענער דאָרט געווען באַהאַלטן. אין דער פרי איז יעדער אַוועק צו זיין אַרבעט.

לייבל בירברייער, אַ ייד פון די 46 יאָר, האָט געאַרבעט מיט פּאַלאַקן אין אַ פּאַפּיר־אונטערנעמונג און ער האָט יעדן טאָג גע־ברענגט נייעסן פון דער וועלט, פון די פראָנטן און פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט. זיינע מלחמה־באַריכטן זענען בדרך־כלל געווען אָפּטימיסטישע: די ענגלענדער באָמבאַרדירן, די רוסן אַטאַקירן, די דייטשן ציען זיך צוריק. פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אַזעלכע נייעסן האָבן יידן געוואָלט הערן, אָבער נישט איינמאָל האָט מען אים געפרעגט, פון וואַנען נעמט ער די אַלע ידיעות? לייבל האָט געענטפערט, אַז דער קריסט וואָס אינפאָרמירט אים, האָט אַ פאַר־באָרגענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און די בי. בי. סי. פון לאָנדאָן גיט אַן עטלעכע מאָל אין טאָג באַריכטן פון די פראָנטן, אין ענגליש. דער פּאָלאַק פאַרשטייט ענגליש... אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די קריגס־אָפּעראַציעס זענען אויס גאָר אַנדערש, ווייל

גראַד די ווערמאַכט האַלט אַפּ איין נצחון נאָכן אַנדערן. האָט אונדזער אינפאָרמאַטאָר זיך פאַרענטפערט, אַז מן־הסתמא האָט דער גוי שלעכט פאַרשטאַנען דעם ענגלישן ראַדיאָ...

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן מיר נישט געהאַט אויך די צווייפל־האַפטע מלחמה־נייעס, ווייל לייבל בירברייער איז איבערגעפירט געוואָרן צו אַן אַנדערע אַרבעט, ביים אויסלאַדענען קוילן, וווּ עס זענען געווען באַשעפטיקט נאָר יידן פון געטאָ.

אַ געוויסן טאָג האָב איך אים געפרעגט:

— לייבל, וואָס עפּעס האָסטו אויפגעהערט דערציילן נייעס פון די פראָנטן?

אויף דעם האָט ער געענטפערט:

— ס׳איז מיר נמאס געוואָרן. אַז איך דערצייל אין דער פרי אַ נייעס, דערקען איך זי נישט ביינאַכט, אַזוי ווערט זי קאָמענטירט, אַרומגעשניטן אָדער אָנגעבלאָזן פון פאַרשידענע מענטשן...

אַ געוויסן אָוונט, ווען די מענער זענען אַריין אין דער באַהעל־טעניש הינטערן וואַנט דאָרט איבערצוקומען די נאַכט, האָבן מיר באַמערקט, אַז לייבל בירברייער איז נישטאָ און גלייך פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם ייד האָט אַוודאי געטראָפן אַן אומגליק, ווייל ס׳איז שוין געווען אַ שטיק צייט נאָך דעם אַרויסגאַנג־פאַרבאָט. צומאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אויף איינער פון די לובלינער גאַסן האָט מען פאַרהאַלטן אַ פאַלאַק מיט אַ פור קוילן. אַז די דייטשן האָבן אים געפרעגט פון וואַנען ער פירט די סחורה, האָט ער דער־ציילט, אַז יידן האָבן אים פאַרקויפט די קוילן. דאָס איז געווען אַ ליגן, ווייל די יידן וואָס האָבן געאַרבעט ביי די קוילן, זענען גע־היטן געוואָרן פון די דייטשן. פון דעסטוועגן האָבן די רוצחים פאַר־נומען אַלע יידן, זיי אַוועקגעשיקט אין מיידאַנעק, דער טויטן־לאַגער אין לובלין, וואָס איז נאָר וואָס געוואָרן אויפגעשטעלט — און לייבל בירברייער מיט אַנדערע זענען געווען פון די ערשטע קרבנות אין יענער „פאַבריק פון טויט״.

אַ ניי־געבוירן קינד אין געטאָ — צום לעבן, אָדער צו דער עקדה?

דעם 7טן יוני 1941 איז געבוירן געוואָרן אונדזער ערשטער זון. צו אַזאַ געשעעניש גיט מען תמיד צו דעם יידישלעכן אויסדרוק „אין אַ מזלדיקער שעה". ליידער, ווען אונדזער בכור איז געקומען אויף דער וועלט, איז די שעה גאָרנישט געווען קיין מזלדיקע. יידן פון לובלין און די פון דער פרעמד, וועלכע מ'האָט דעפּאָרטירט אין אונדזער שטאָט זענען געווען פאַרשפּאַרט אין דעם וויסטן געטאָ — אין ענגשאַפט, שמוץ, הונגער, קראַנקייטן. דערצו נאָך — צוואַנג־אַרבעט, קלעפּ, באַליידיקונגען, אָפטע אויסזידלונגען און אויף יעדן שריט און טריט, אין יעדער ווינקל, האָט געלויערט דער טויט.

איז זיך פאַרצושטעלן די מחשבות און געפילן פון טאַטע־מאַמע אין יענע צייטן, אַז ס'איז געבוירן געוואָרן אַ קינד. אויב פאַר יונגע עלטערן, אָן קינדער, איז נאָך געווען אַ שטיקל האָפענונג איבערצו־לעבן די גרויל־תקופה, איז אַ צוגאָב פון אַ קליין קינד געוואָרן אַ לאַסט, אַ שטענדיקע זאָרג און פּחד. מיטן ניי־געבוירן נפשל האָט זיך אַלץ געענדערט, אויב נישט — געענדיקט. איצט איז מער נישט געווען אַקטועל דער פּלאַן צו אַנטלויפן צו די רוסן, אָדער זיך באַ־האַלטן ביי אַ פּויער אויפן דאָרף. צוויי יונגע מענטשן זענען נאָך אַמאָל געווען מסוגל זיך אַרויסצודרייען פון דייטשע הענט בעת אַן אַקציע, אָדער „לאַפּאַנקעס" (כאַפּונגען) אויף אַרבעט. אַפילו אין די גוט פאַרמאַסקירטע בונקערס און ביידעמער, אין קעלערס און פאַציאַטן, איז אַלץ לייכטער געווען פאַר אַ פאַרפאַלק אויסצומיידן די קאַטאַסטראָפע, ווי מיט אַ קינד אויף די הענט.

און וווּ נעמט מען אַ ביסל מילך פאַר דעם עופעלע? אַ ביסל צוקער? מיט וואָס וועט די קינפעטאָרין זויגן דאָס קינד? וועט זיך אַמאָל באַווייזן אַ שמייכל אויפן פּנימל פון אַזאַ אומגליקלעך באַ־שעפעניש? וועט מען הערן פון אים חכמות און ווערטלעך, מיט וועלכע יעדע טאַטע־מאַמע שטאָלצירן? וועלן זיידע־באָבע האָבן אַ

געלעגנהייט אַנצוקוקוועלן פונעם אייניקל, ברענגען אים אַ שפּיל־צייג, אויסקושן דאָס זיסע פּנימל?

די אַלע פראַגן האָבן טאָג און נאַכט געעגבערט דעם מוח. אין נאָרמאַלע צייטן מיינט אַזאַ געבורט — אַ געשאַנק פון גאָט, אַ פרייד אין יעדער שטוב. אָבער וואָס טאָן איצט? ווי אַזוי זיך אַרויס־העלפן?

בשעת מעשה האָב איך געטראַכט, אַז אַברהם אָבינו איז גע־ווען מסוגל צו פירן זיין זון יצחק צו דער עקדה און דער רבונו־של־עולם האָט באַוויזן דעם נס און יצחק איז ניצול געוואָרן. נאָר יענע טעג בין איך אָפּט געווען אַן עדות ווי עלטערן זענען געגאַנגען אויף קידוש השם צוזאַמען מיט זייערע קינדער, ווי נאָר מ׳האָט זיי געוואָלט צעשיידן בעת אַן אַקציע. אַזעלכע טאַטע־מאַמע האָבן יאָ געוווּסט וואָס זיי דערוואַרט, אויב זיי גייען מיט מיטן טעבטערל אָדער זונעלע. ס׳זענען אָבער אויך געווען עלטערן מיט עגאָיס־טישע מחשבות און אַכזריותדיקע מעשים. זענען מיר טאַקע גע־שטאַנען פאַר דער האַרבער דילעמע: אַלע צוזאַמען, וואָס עס זאָל נישט פאַסירן — אָדער יעדער באַזונדער זוכט פאַר זיך אַ רע־טונג?!...

דוכט זיך, אַז דעם ענטפער אויף דער פראַגע גיט דודל אַליין. זיינע אויגעלעך קוקן אויף אונדז מיט ליבשאַפט, די ליפּעלעך באַ־וועגן זיך, גלייך זיי ווילן זאָגן:

— טאַטע, מאַמע, לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען... לאָמיר נישט פאַרלאָזן איינער דעם אַנדערן...

נישט נאָר דער „דיאַלאָג" איז געווען אויף שטום־לשון. אויך דער באַשלוס איז געפאַלן אָן איבעריקע רייד: קיינעמען נישט מקריב זיין, אַלץ טאָן, אַז מ׳זאָל זיך האַלטן צוזאַמען, קיינמאָל זיך נישט שיידן.

עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון ברית־מילה. אפשר דערפון רעזיגנירן? איך האָב דאָך געוווּסט, אַז דייטשן און פּאָלאַקן־שאַנ־

טאַזשיסטן פֿאַרהאַלטן מענטשן אויפֿן גאַס, וואָס אויב מ׳איז זיי חושד אַז זיי זענען יידן, הייסט מען אַראָפּלאָזן די הויזן... אויף דעם וועג האָט מען אַ סך מאָל אַנטדעקט די נאַציאָנאַלע אַנגע־העריקייט פֿון פֿאַרדעכטיקטן און זיין גורל איז געווען אַ גע־חתמעטער. זאָלן מיר דאָס ניי־געבוירענע קינד מל׳ע זיין און אים אויסשטעלן אויף די אַלע געפֿאַרן?

איך פֿאַרטרייב די דאָזיקע בייזע מחשבה, לאָז זי נישט באַ־זעצן זיך אין מוח אויף אַ לאַנגע צייט. איך גיי צו דעם באַרימטן יאָשע מוהל, אַ ייד אין די יאָרן, מיט אַ שניי־ווייסער לאַנגער באָרד, וואָס האָט נאָך ביזן אויסברוך פֿון קריג געיידישט עטלעכע צענד־ליק טויזנט קינדער פֿון לובלין און אומגעגנט. אין זיין וווינונג אויף צירולניטשע 4 האָט מען אים איינגעאָרדנט אַ דאָפּלטע וואַנט, ווו ער איז געלעגן באַהאַלטן, נישט געוואָלט אַרויסגיין אין גאַס, ווו ער וואָלט גלייך פֿאַרלוירן זיין באָרד, אויב נישט אויך — זיין לעבן. דעריבער האָט מען צו אים געברענגט די קינדער צום מל׳ע זיין. נאָר איך האָב געהאַט עטלעכע גוטע סיבות אים צו באַוועגן ער זאָל יאָ קומען אין אונדזער נעבעכדיק שטיבל אויף דער גראָדזקע גאַס. ערשטנס, ווייל באַלטשע איז געווען קראַנק אויף אַ ברוסט און נישט געקאָנט פֿאַרלאָזן די היים; צווייטנס, איז יאָשע מוהל געווען איינער פֿון די צוהערערס פֿונעם דף יומי, וועלכן מיין טאַטע האָט געלערנט אין בית המדרש דחברה נושאים יעדן אָוונט. דער־פֿאַר טאַקע האָט ר׳ יאָשע מיר געזאָגט, אַז מל׳ע זיין משהלע אייזענבערגס ערשט אייניקל איז פֿאַר אים אַ פֿליכט און אַ כבוד. איינשטעלנדיק אַ סך, איז ער געקומען צו אונדז אַנגעטאָן ווי אין די צייטן פֿון פֿאַרן קריג: אויפֿן קאָפּ — דאָס הויכע סאַמעטענע היטל, אונטער דעם — דעם סאַמעטענעם קאַפּל. דער לאַנגער זייַ־דענער כאַלאַט איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל.

גאַנץ באַגינען, מ׳זאָל נאָך באַוויזן צו גיין צו דער אַרבעט, האָב איך צונויפֿגענומען אַ מנין יידן און ביי אַ גאָר באַשיידענעם

„לחיים" און פאַרבייסעכץ, האָט מען אַריינגעפירט אונדזער דודלען אינעם ברית פון אַברהם אָבינו. מיט שווערע הערצער, טרויעריקע געמיטער און פאַרוויינטע אויגן האָט מען זיך געווינטשן „לתורה, לחופה ולמעשים טובים".

אַ סברה, אַז די דאָזיקע ברכות האָבן אָנגעשפּאַרט אויף אַ „גוטן אַדרעס". אונדזער דודל האָט טאַקע זוכה געווען צו דעם אַלעמען. נאָר לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג פון די ווייטערדיקע געשעענישן.

פּופּציק שמיץ פאַר אויפהייבן אַ שפּילצייג

אין איינעם אַ טאָג פון חודש נאָוועמבער 1941, נאָכן אינסטאַלירן עלעקטרישע באַלייכטונג אין דער וווינונג פון אַ דייטש אויף דער שאָפּענאַ־גאַס, בין איך מיט די מכשירים אַרויס אין גאַס און באַמערקט אויפן טראָטואַר אַ קינדער־שפּילצייג — אַ מיניאַטור־טאַנק. נישט קלערנדיק קיין סך, האָב איך זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן די צאַצקע מיט אַ סך פרייד און האָפענונג, אַז איצט וועט מיין דודל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין געטאָ מיט 6 חדשים צוריק און נישט געזען פאַר זיינע אויגן אַ שפּילצייג — וועט ענדלעך האָבן מיט וואָס זיך צו שפּילן און צו פאַרנעמען. איך האָב זיך גלייכצייטיק פאַרגעשטעלט דעם זיסן שמייכל פון קינד, בעתן באַקומען פון טאַטן אַזאַ זעלטענע מתנה. נאָר ווייזט אויס, אַז כ'האָב בשעת מעשה פאַרגעסן, אַז די שאָפּענאַ־גאַס איז באַווינט פון געסטאַפּאָ־לייט, דייטשע באַאַמטע, אָפיצירן. ווער פון זיי האָט אַוודאי באַמערקט ווי כ'האָב אויפגעהויבן די שפּילצייג און טעלעפאָניש איבערגעגעבן דער לאַגער־אָנפירונג אויף ליפּאָווע 7 וועגן דעם „פאַרברעכן" פון דעם ייד דעם עלעקטריקער.

ווי נאָר איך קום צו צום לאַגער, ווער איך פאַרהאַלטן דורך

דער וואָך ביים אַריינגאַנג. דערנאָך פירט מען מיך אַריין אין באַראַק פון די אויספאָרשונגען. גאָר ווינציקע זענען פון דאָרט אַרויס לעבעדיק. נאָך אַ פאַרהער פון די סאַדיסטן האַנטקע און שראַם, פסקענען זיי מיר פופציק שמיץ, מיט אַ האַרטער גומי־רער, אויפן בלויזן לייב. שראַם הייבט אָן דער ערשטער. איך לאָז אַרויס עט־לעכע געשרייען פון ווייטיק און צער, נאָר דערנאָך רעאַגירט מען אויף די קלעפּ אַ סך שטילער, אויך דערפאַר, ווייל נאָך צוואַנציק שמיץ האָב איך פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין. איך האָב נאָך באַ־וויזן צו הערן ווי דער תליין פּאָספּעשיל, דער עלטסטער פון דער וואָך, האָט איבערגענומען דאָס שמייסן.

איך בין געקומען צו זיך אינעם באַראַק־אַמבולאַטאָריע פאַר די קראַנקע קריגס־געפאַנגענע. אַן אויסגעשמירטער אין בלוט, האַלב פאַרחלשט, האָב איך געפילט ווי מען שטעכט מיך מיט שפּילקעס. דער לאַגער־עלטסטער מאַהרווינקעל, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די וואַרשטאַטן, ווי אויך שראַם און האַנטקע זענען געקומען אין באַראַק, וואָס איז געשטאַנען אין עק פון לאַגער, צוגעגאַנגען צו מיין פּריטשע און געוואָלט זיך איבערצייגן צי איך לעב נאָך. איך האָב באַשלאָסן נישט צו רעאַגירן, ווייל אפשר ווילן זיי ווייטער פירן די אויספאָרשונג, אָדער דערלאַנגען נאָך שמיץ. מיין איינצי־קער פאַרלאַנג איז דעמאָלט געווען: אַרויסקריגן זיך פון לאַגער.

דער נסיון האָט געלערנט, אַז נאָכן באַקומען שמיץ פון די דייטשן, איז נישט צו דערוואַרטן פון זיי קיין גוטס. נאָר אין דער זעלבער צייט האָב איך געטראַכט, אַז שפּילן די ראָל פון אַ פאַר־חלשטן, צי פון איינעם וואָס איז אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד — איז צו ריזיקאַליש און געפערלעך. די רוצחים האָבן שנעל דער־שאָסן אַזעלכע יידן. ס'איז אָבער אויך געווען אַ שאַנס, אַז ווי אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער, זאָלן זיי מיך איבערשיקן אין דעם געטאָ־שפּיטאָל וואָס האָט זיך געפונען אין דער תלמוד־תורה גע־ביידע אויף קראַוויעצקאַ־גאַס. אויך דאָס מאָל האָט מיר צוגע־שפּילט דאָס מזל. נאָכן אָפּליגן אויף ליפּאָווע עטלעכע מעת־לעת

אין גרויסע יסורים, האָט מען מיך אויף אַ דראָזשקע, באַוואַכט פון אַ יידישן פּאָליציאַנט, אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אויף דער קראַ־וויעצקאַ. ס׳איז געווען אַ זעלטענער פאַל, אַז אַזעלכע רוצחים ווי מאַהרווינקעל, האַנטקע און שראַם, זאָלן אַרויסלאָזן פון זייערע הענט אַ פאַרפייניקטן, צעשלאָגענעם ייד.

מיין משפחה האָט זיך דערוווּסט אין יודענראַט, אַז מען וועט מיך אַריבערפירן אין שפּיטאָל, האָט מיין ברודער שלמהלע אָפּ־געוואַרט די דראָזשקע אויף דער גראָדזקע־גאַס. דער פּאָליציאַנט וואָס האָט מיך געהיטן, רעכטמאַן (פון פּאַפּיר־געשעפט), איז גע־ווען אַ חבר פון מיין ברודער נאָך פון דער שול־באַנק. האָט ער אים דערלויבט זיך צוזעצן צו מיר אויף דער דראָזשקע און איך האָב אים איינגערוימט אַ סוד, אַז דער פּאָליציאַנט זאָל נישט הערן און נישט באַמערקן, אַז איך בין ביים פולן באַוווּסטזיין און פיל זיך גוט. איך מאַך בלויז דעם אָנשטעל פון אַ נישט געזונטן, כדי צו פאַרלאָזן ליפּאָווע 7. איך בעט אים צו וויסן געבן מיין פרוי און דער פאַמיליע, אַז ביי מיר איז אַלץ אין אָרדענונג.

אין יענער צייט האָט נאָך עקזיסטירט דאָס יידישע שפּיטאָל אויף לובאַרטאָווסקע. אויך אין דעם פאַל איז מיט מיר געשען איינער פון די פיל נסים, וועלכע זענען מיר באַשערט געווען אין די שרעקלעכע יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, וואָס מ׳האָט מיך געשיקט אין תלמוד־תורה שפּיטאָל אויף קראַוויעצקאַ, ווייל אין אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָך מיין אָנקומען אַהין, האָבן די דייטשע רוצחים באַשלאָסן צו ליקווידירן דאָס יידישע שפּיטאָל אויף לו־באַרטאָווסקע. אינמיטן טאָג זענען זיי צוגעפאָרן מיט לאַסט־אויטאָס, באַפוילן אַלע אָן אויסנאַם קראַנקע, מיט די דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטערס און פּערסאָנאַל, צו פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל און מיט זיי מיטפאָרן. מ׳האָט די אומגליקלעכע געברענגט אויפן אַלטן בית החיים אויף קאַלינאָווטשיזנע און מיט מאַשינגעווער אַלעמען אויסגעשאָסן. פאַלאַקן האָבן דערנאָך דערציילט, אַז זיי האָבן גע־הערט די וויי־געשרייען פון די קרבנות, ווי אויך געזען צומאָרגנס

ווי די אַנגעשיטע ערד אויפן מאַסן־קבר האָט אַ לאַנגע צייט זיך באַוויגן פונעם אָטעם פון די נישט־דערשאָסענע יידן.

דער פעלדשער שפּאַק, וואָס האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל, האָט זיך געבעטן ביי די מערדערס זיי זאָלן צונעמען נאָר די שווער־קראַנקע און איבערלאָזן די וואָס האָבן שאַנסן געזונט צו ווערן. פאַר זיין בקשה האָט דער פעלדשער באַקומען אַ קויל אין קאָפּ און איז געשטאָרבן אין קאָרידאָר פון שפּיטאָל.

אַ סך פון די דערמאָרדעטע קראַנקע זענען געווען נאָענטע קרובים פון די יודענראַט־מיטגלידער אָדער פון די יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיי איינגעאָרדנט אין שפּיטאָל אויף לובאַרטאָווסקע, מיינענדיק, אַז דאָרט וועט זיין זיכערער ווי אין שפּיטאָל אויף קראַוויעצקע. נאָר אין יענע פינצטערע צייטן, ווען די דייטשישע אויסראָטונג־פּאָליטיק לגבי יידן איז געווען אויסגערעכנט אויף צעטומלונג און דעזאָריענטירונג, האָט מען קיינמאָל נישט געוווּסט ווּ עס לויערט די אמתע געפאַר...

די גרויסע אויסזידלונג

דער פראָסטיק־קאַלטער ווינטער פון יאָר 1941 האָט שווער געטראָפן די יידן פון לובלין, פאַרשפּאַרטע אין געטאָ. דער טאָג־טעגלעכער געראַנגל צו לעבן נאָך אַ וואָך, אַ חודש, אָדער זוכה זיין די באַפרייונג — איז געוואָרן אַלץ טראַגישער און קאָמפּליצירטער. אַלע עטלעכע וואָכן האָט מען די אומגליקלעכע יידן איבערגעזידלט פון איין אָרט אויפן צווייטן, אין אַ וואָס קלענערן און איינגעשרומפּענעם געטאָ. בעת אַזעלכע איבערזידלונגען, באַקאַנט אונטערן פּוילישן אויסדרוק „ווישעדלעניעס", זענען טויזנטער יידן געגומען געוואָרן אין די טויטן־לאַגערן.

די לעצטע דירה אונדזערע אין געטאָ איז געווען אויף דער

גראָדזקע גאַס, האַרט ביים טויער, די אַזוי גערופענע „בראָם״, נאָענט פון „אונטערן לאַזער״. די דירה איז באַשטאַנען פון אַ קליין צימערל, מיט נאַסע ווענט און פייכטע פּאָדלאָגע, האַלב פינצטער און טרויעריק. אַז מ׳האָט זיך איבערגעוועקט אין דער פרי, איז דאָס בעטגעוואַנט געווען נאַס און אַ טוכלער ריח האָט געהערשט אין דעם שטיבל. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט געוווינט אַ משפּחה פון דריי פערזאָן: איך, מיין פרוי באַלטשע און אונדזער זון דודל. דאָרט האָט באַדאַרפט אויפוואַקסן אונדזער יורש, ביי יענע באַדינגונגען האָט ער באַדאַרפט זויגן פון דער מוטערס ברוסט. נאָר די מוטער ווערט קראַנק, טאַקע אויף דער ברוסט — און מען דאַרף זי אָפּערירן. נישטאָ דאָס יידישע שפּיטאָל אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס, נישטאָ מער די יידישע כירורגן־ספּעציאַליסטן, פאַרשוווּנדן אַלע רעצעפּטן. נאָך לאַנגע זוכענישן און נאָכפרעגן, איז מיר געלונגען צו אַנטדעקן דעם ד״ר אַהראָנסאָן, אַ דעפּאָרטירטער כירורג פון לאָדזש, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אַדורכצופירן די אָפּעראַציע אין דעם קליינעם, פייכטן צימערל. צום גליק, איז די אָפּעראַציע געלונגען!

באַלד נאָך דער אָפּעראַציע איז פאָרגעקומען איינע פון די גרויסע אויסזידלונגען פון געטאָ אין דעם נייעם „וואָהנונגס־בעצירק״, ווי די דייטשן האָבן עס באַצייכנט — אין מיידאַן טאַטאַרסקי. אַלע האָבן זיך באַדאַרפט צושטעלן אויף איין אָרט, ווּ ס׳איז פאָרגעקומען די סעלעקציע. בעת אַזעלכע אַקציעס איז מען קיינמאָל נישט געווען זיכער, צי מ׳וועט זיך נאָך אומקערן אַ היים, נאָר געוווּסט האָט מען, אַז דאָס צושטעלן זיך מיט אַ קינד אויף די הענט — איז אַ זיכערער טויט. די ערשטע וועלכע די רוצחים האָבן אַרויסגענומען פון דער ריי זענען געווען מאַמעס אָדער טאַטעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט. אַז מ׳האָט אין די אָפּגעשלאָסענע גאַסן געזען שוואַנגערע פרויען, זענען זיי גיכער געווען אַן אָביעקט צום באַדויערן, איידער פון פרייד און האָפענונג.

די ס.ס.־אָפיצירן שראַם און ווערטהאָף וואָס האָבן אָנגעפירט

מיט דער אויסזידלונג, זענען גאַנץ באַזונדער געווען ברוטאַל צו אונדזערע שלמהלער און יאַסעלער. דאָס קליינוואַרג איז געווען פון די ערשטע קרבנות. אויב אַ פאַרצווייפלטע מאַמע, אַדער אומגליק־לעכער טאַטע האָט געוואָלט מיטגיין מיטן קינד — זענען די מער־דער נישט געווען קעגן דעם... מיר האָבן זיך דערמאָנט, ווי מיט אַ צייט צוריק זענען די דייטשן אַריין אין יידישן יתומים־הויז אויף גראָדזקע 11, צוגענומען פון דאָרט אַלע קינדער, אַ הונדערט־און־פופציק, און צוזאַמען מיט די דערציערס און אַנגעשטעלטע אַוועק־געפירט צום שעכטהויז אויף דער קאַלינאָווסקיזנע, ווו מ׳האָט אַלעמען אויסגעשאָסן. דער מאַסן־אומברענג פון די „אַבראַנע״־קינדער האָט דערשיטערט די געטאָ־איינוווינערס, נאָר מיר זענען געווען מאַכטלאָז אַנטקעגן דעם מאָרד־אַקט, ווי די אַנדערע פאַר־ברעכנס פון די היטלעריסטן.

יעדן טאָג איז מיין פאָטער געקומען אין אונדזער שטיבל פון זיין וווין־אָרט אויף נאַדסטאַוונע 20, כדי זיך פרייען און דערקוויקן דאָס האַרץ מיטן ערשטן אייניקל. אַזאַ שפּאַציר, אַפילו איבער די גאַסן פון געטאָ, איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, דאָך האָט ער נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין טאָג צו האַלטן דאָס קינד אויף די הענט און זינגען פאַר אים האַרציקע יידישע לידער. מיר איז באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון זיין לידל, געזונגען מיטן ניגון פון אַ תפילה:

מיין שיין יינגעלע, מיין טייער יינגעלע,
מיין שיין יינגעלע, מיין טייער קינד...

אַ סך מאָל האָב איך געהערט פון מיין פאָטער אויך אַזעלכע רייד:

— איך וועל נאָך אַקעגן גיין משיחן מיט אונדזער דודלען אויף די הענט, אַנשטאָט אַ ספר־תורה...

די רוצחים נעמען אַוועק פרויען פון מענער און קינדער פון עלטערן

נאָך דער ערשטער, גרויסער אַקציע פון אויסליידיקן דאָס געטאָ אין לובלין און טראַנספּאָרטירן אירע איינוווינערס אין טויטן־לאַגער בעלזשעץ, האָבן די נאַציס אין לובלין צוגעגרייט נאָך אַן אויסזידלונג, אָנהייב אַפּריל 1942. דייטשן, אוקראַינער, ליטווינער און יידישע פּאָליציאַנטן זענען, אויף געוויסע גאַסן, געגאַנגען פון הויז צו הויז און פון שטוב צו שטוב, אַרויסגענומען אַלע איינוווינערס וואָס זענען פאַרבליבן פון די פריערדיקע אַקציעס, געהייסן יעדן מיטנעמען אַ האַנט־באַגאַזש פון 25 קילאָ און דערביי אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל דאָרט אַריינלייגן ווערט־זאַכן, ביזשוטעריע, גאָלד און געלט. גאַנצע משפּחות האָט מען אַריינגעטריבן אינעם גרויסן הויף אויף גראָדזקע 16 (דאָס הויז האָט געהערט צו משה זאַרמאַן). צענדליקער יידישע לאָקאַטאָרן אין דעם הויז זענען ביזן אויסברוך פון קריג, אָנגעגאַנגען מיט זייער לעבנס־שטייגער, ווי דאגות פּרנסה, די זאָרג חתונה צו מאַכן אַ קינד, לערנען און דערציען דעם אונטערוואַקסנדיקן דור. אָבער איצט, אונטער דער היטלעריסטישער ממשלה, איז דער דאָזיקער גרויסער הויף, וווּ עס פלעגן אָפט פּאָרקומען עפנטלעכע וואַל־מיטינגען און פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פון פאַרשידענע פּאַרטייען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוטיקער אַרענע פון די שווידערלעכע דייטשע סעלעקציעס: אָט הערט מען אַ באַפעל, מ׳זאָל זיך אויסשטעלן לויט די אַרבעט־פּלאַצוווּר־קעס; דערנאָך — באַזונדער די וואָס האָבן נישט קיין אַרבעט־קאַרטן, מיט אַ וואָרענונג, אַז דער וואָס וועט זיך ניט צושטעלן צו דער ריכטיקער גרופּע, וועט ווערן דערשאָסן אויפן אָרט. און דאָס זענען די רוצחים באַלד מקיים. נישט נאָר שיסערייען הערט מען. די מערדערס מיט זייערע געהילפן שלאָגן און קאָפּען, שמייסן מיט נאַהייקעס און דערלאַנגען קלעפּ מיט שטעקנס אויף די קעפּ און רוקנס פון מענער, פרויען און קינדער. יונג און אַלט ווערט נישט

געשווינט. מען טיילט אָפּ מענער פון פרויען און קינדער ווערן אוועקגעריסן פון די מאַמעס הענט און פון טאַטנס אָרעמס. האַרצ־רייסנדיקע געשרייען און תחנונים פון די אומגליקלעכע פאַרהילכן דעם אָרום — נאָר די פאַרשטיינערטע הערצער פון די רוצחים רעאַגירן נישט.

מיך מיט מיין משפחה — טאַטע־מאַמע, מיין פרוי באַלטשע מיט אונדזער פיצל קינד אויף די הענט, דודלען, און דעם יינגערן ברודער שלמהלען, האָט מען אין מיטן נאַכט אַרויסגענומען פון דער דירה אין גראַדזקע־טויער (די „ברוּם") און באַזאַמען מיט אַנדערע יידן געטריבן אין דערמאַנטן הויף, אַנטקעגן דעם יתומים־הויז („אַכראַנע"). די סעלעקציע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטאָג. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס ווערט נישט אָפּגעהיטן די פּינקטלעכע איינטיילונג לויט די פּלאַצוּוקעס. הגם איך האָב געהאַט אַן אַרבעט־קאַרטע מיט אַ בילד פון ליפּאָווע 7, האָט מען זיך צוגעשטעלט צו אַן אַנדערע גרופּע, צו מיין טאַטן, ווייל לעבן אים, דעם ערלעכן און גלוביקן ייד, האָבן מיר זיך געפילט זיכערער. אין געטאָ האָט ער זיך צוגעשוירן זיין שיינע, שוואַרצע באָרד און געלאָזן אַ קמץ־בערדל. זייער אָפט האָב איך פון אים געהערט, ווי ער טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם, אַז קומען צו אים אָן אַ באָרד איז אַ גרויסע בושה, נאָר צוליב די בסדרדיקע אַקציעס אין געטאָ, איז גע־ווונטשענער ער זאָל אויסזען יינגער — און געמוזט אויפגעבן אַ גרויסן טייל פון דער באָרד. איצט האָט דער טאַטע איבערגעחזרט דאָס קאַפּיטל תהילים, וועלכן מען פלעגט זאָגן בעתן באַגלייטן דעם מת פון טהרה־שטיבל ביזן קבר: „יושב בסתר עליון — בצל שדי יתלונן"...

אויפן הויף שפּילן זיך אָפּ האַרצרייסנדיקע סצענעס. פאַר־צווייפלטע מאַמעס רופן זייערע קינדער: „יאַנקעלע, שרהלע, משהלע, חיהלע"... „נישט גוט איז מיר" — ברעכט די הענט אַ יידישע מאַמע. „איך האָב נישט דאָס קינד מער!" אַ ייד, מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע און מיט אַ קינד אויף די הענט, ראַנגלט זיך מיט די לעצטע

כוחות נישט אַרויסצולאָזן דאָס עופעלע פון זיינע הענט. ער באַ־קומט אַ זעץ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ — און דאָס קינד ווערט צוגענומען.

די גרופּע מיט די אַרבעט־קאַרטן פון ליפּאָווע 7 ווערט כסדר קלענער. מען נעמט פון איר אַוועק בגוואַלד נישט נאָר די משפּחה־מיטגלידער פון די כלומרשט זיכערע, נאָר אויך מענטשן מיט קאַרטן ווערן איבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט. אויך פון די רייען ווו עס זענען געשטאַנען די שקלאַפן־אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דער זשאַנדאַרמעריע, געסטאַפּאָ און פּאָליציי, האָט מען כסדר צוגענו־מען די קרובים. פון די בעסטע בעלי־מלאכות וועלכע האָבן גע־אַרבעט פאַר די דייטשן און זענען געווען זיכער אַז מ׳וועט זיי איבערלאָזן מיט די פאַמיליעס — האָט מען אויך אַוועקגעריסן פרויען, קינדער, עלטערן. די אַלע זענען מיט קלעפּ און זידלע־רייען געוואָרן אַרומגערינגלט און אָפּגעטיילט פון די אַנדערע דורך די שוואַרץ־מונדירטע ליטווינער און דייטשן און אַרויסגעפירט גע־וואָרן פון הויף — אין טויטן־לאַגער מיידאַנעק, צום באַלדיקן אומ־קום, און אין נייעם געטאָ אויפן מיידאַן־טאַטאַרסקי, צו אַ געמאַ־טערטן, נאָר פּראָלאָנגירטן לעבן — נישט אויף לאַנג...

אין געטאָ מיידאַן־טאַטאַרסקי

געוווּסט (און געשמועסט) האָט מען, אַז די איצטיקע אויסזיד־לונג איז באַשטימט אויף איבערצופירן די פאַרבליבענע יידן פון לובלינער געטאָ אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, אַ פאָרשטאָט פון לובלין, נישט ווייט פון טויטן־לאַגער מיידאַנעק. די ערשטע, גרעסערע גרופּע וועלכע מ׳האָט אַרויסגעפירט פון גראָדזקע 16, איז טראַנספּאָרטירט געוואָרן, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אין מיידאַנעק. דער־נאָך האָט מען אונדז, עטלעכע הונדערט יידן, אויפן זעלבן שליאַך,

געטריבן איבער די גאַסן גראַדזקע, קרולעווסקע, זאַמויסקע און בראַנאָוויץ. נאָר אַנשטאָט שיקן אויף רעכטס, אין מיידאַנעק, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, האָט מען אונדז באַפוילן צו ווענדן זיך לינקס, צו אַ טויער מיט אַ ברעטער־פאַרצאַמונג און שטעכלדראָט, ווו ס'האָבן אונדז אָפּגעוואַרט: דער פּרעזעס פון יודענראַט, ד"ר מאַרעק אַלטען, דער „געטאָ־קיניג" שמאַי גראַיער און דער קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי מאַניעק גאָלד־פאַרב. אָבער אָן ס.ס.־לייט איז זיך נישט פאַרצושטעלן אַזאַ „אויפ־נאַמע" פאַר איבערגעזידלטע יידן.

מען באַפעלט אונדז זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען, די פאַמי־ליעס — צוזאַמען. ליידער, זייער ווייניק פאַמיליעס זענען געקומען אַהער. מיר האָבן געהערט צו די געציילטע משפחות, וואָס איז כמעט אומבאַרירט געוואָרן פון דער אויסזידלונג. מיר האָבן אויף זיך געפילט די בליקן פון שטוינונג און קנאה פון אַ סך יידן.

אינעם נייעם געטאָ קומען אָן מענער, פרויען, קינדער, אַ טייל — אויף וועגעלער, אַפילו געשפּאַנטע צו פערד. דאָס זענען געווען די אויסגעזידלטע יידן פון דער קאָוואַלסקע־גאַס. נאָר כדי צו צעטומ־לען די דערשלאָגענע געטאָ־איינוווינערס, האָבן די דייטשן אָנגע־ווענדעט ראַפינירטע מעטאָדן פון כלומרשטן פּריווילעגירן איין טייל יידן ביים גלייכצייטיקן רודפן און דערשלאָגן אַן אַנדערן טייל. די יידן פון דער קאָוואַלסקע־גאַס האָבן זיי דערלויבט מיטצונעמען זייער בעטגעוואַנט און כלים. מ'האָט אויך נישט צעשיידט אַזוי אַכזריותדיק די משפחות, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט די איינוווינערס פון דער גראַדזקע און אַנדערע גאַסן.

דער וווינונג־אַמט אין מיידאַן־טאַטאַרקי האָט צעטיילט די מענטשן אין די הייזקעס, וואָס זענען פריער געווען באַוווינט פון אָרעמע פּאָלאַקן, אַרבעטער, וועלכע מ'האָט איינגעאָרדנט אין די פאַרלאָזטע יידישע דירות. אונדזער פינף־פּערזאָניקע משפחה האָט באַקומען אַ דירה אין אַ הייזקע נישט ווייט פון געטאָ־טויער, ווייל מיר זענען געווען פון די ערשטע וואָס זענען געקומען אין מיידאַן־

טאַטאַרסקי. די וואָס זענען געקומען שפּעטער, האָט מען באַשטימט דירות וואָס טיפער אין געטאָ. צו זיין נאָענט פון הויפּט־טויער איז געווען געפערלעך. אַלע באַפעלן און עקזעקוציעס האָט מען אָנגע־הויבן ביים אַריינגאַנג אין געטאָ. ווי נאָר מיר האָבן זיך ווי ס׳איז איינגעאָרדנט אויפן נייעם אָרט, האָט דער טאַטע, ווי זיין שטייגער, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געלויבט דעם השם יתברך פאַרן דאַך איבערן קאָפּ און פאַרן חסד וואָס מיר זענען אַלע צוזאַ־מען, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין געטאָ — און מיט אַ מאָל געפרעגט:

— אוי, ווו נעמט מען אַ מזוזה?

איך האָב תמיד באַוווּנדערט די דאָזיקע טיפע אמונה פון טאַטן, באַזונדערס אין די שווערע צייטן אין געטאָ — און אפילו געוואָרן מיט איר מיטגעריסן. נאָר אַ מאָל פלעגט זיך פאַרגנבענען אַ ספק, עס האָט זיך געוואָלט שטעלן אַ פראַגע, אַפילו אין נוסח פון ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו: „רבונו של עולם, וואָס האָסטו זיך פאַרלייגט אויף דיין פאָלק ישראל?״ דאָ פלעגט דער טאַטע זאָגן:

— דו טאָרסט זיכער גאָרנישט ריידן. אויף צו פרעגן שאלות ביי גאָט דאַרף מען זיין אַ בערדיטשעווער צדיק. און ווער ווייסט, צי אויך ער האָט געמעגט פרעגן? און דאָס וואָס ער האָט געפרעגט, וועלן מיר ערשט אויסגעפינען ווען משיח וועט קומען. ס׳איז גאָר־נישט ווייט צו ביאת המשיח. דער לעצטער צו פרעגן שאלות ביים רבונו של עולם דאַרפסטו זיין. אַדרבה, זע, נאָך אַזאַ גרויסער שריפה זענען מיר אַלע, ברוך השם, דאָ צוזאַמען. טפו, טפו, בלי עין הרע... דער טאַטע מיט דער מאַמען, דו מיטן ווייב און קינד, דיין ברודערל. אם ירצה השם, וועט מען בקרוב הערן פון דיין שוועסטער ריווטשע אין ראַדאָם, אַז אַלץ איז דאָרט בשלום. טאָ רייד נישט, מ׳טאָר נישט. ווער פאַרשטייט דען די וועגן פון באַשאַפער?

מיידאַן־טאַטאַרסקי האָט זיך געפונען אַנטקעגן מיידאַנעק. פון אונדזער געטאָ האָבן מיר געזען די באַראַקן, די וואַך־טורעמס, די

קוימענס פון דער קרעמאַטאָריע און די טראַנספּאָרטן וואָס פלעגן כסדר אָנקומען אין יענער פאַבריק פון טויט.

טאָג־טעגלעך האָבן מיר געזען די געבראַכטע יידן: מיט בערד און אָן בערד, שיין געקליידעטע און אָפּגעריסענע, מיט נייע וואַליזן און האַנט־טאַשן און מיט רוקזעק אָדער פּעקלעך אויף דער פּלייצע. מיר האָבן געוווּסט וועגן טראַגישן סוף פון די אַלע קרבנות און זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי געלינגט די דייטשן אַלעמען צו נאַרן און פאַר־פירן מיט דער איינרעדעניש, אַז מען טראַנספּאָרטירט זיי צו אַרבעטן אויף די פאַרנומענע געביטן.

אויך אין מיידאַן־טאַטאַרסקי האָבן אין די ערשטע טעג זיך נישט אָפּגעשטעלט די טראַנספּאָרטן. יידן פון לובלינער געטאָ זענען אַהין אָנגעקומען און דערציילט פון די דייטשע גרוילטאַטן בעת די פאַר־שידענע אַקציעס. מיר האָבן ווידער אַ מאָל זיך איבערצייגט, אַז די נאַצישע רציחות און אַכזריותדיקייטן האָבן נישט קיין גרענעץ און קיין סוף.

אויך די „מיוחסים" האָט מען אומגעבראַכט

אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָט זיך אַלץ איינגעשטעלט אין מיידאַן־טאַטאַרסקי. דאָס אָרט איז געוואָרן אַ געטאָ, ווי פריער אין די אָפּגעצוימטע גאַסן פון דעם יידישן קוואַרטאַל אין לובלין. דער גאַנצער שטח איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ ברעטער־פּאַרקאַן און שטעכלדראָט. דער טויער איז געווען באַוואַכט, פון אינעווייניק, מיט יידישע פּאָליציי. פון דרויסן — מיט ליטווינער און דייטשן. אָן דער אַרבעט־קאַרטע, איז נישט געווען מעגלעך אַריינצוקומען אָדער אַרויסצוגיין פון געטאָ.

איך בין אַוועק צו דער אַרבעט אויפן צווייטן טאָג, צו מיין פּלאַצוווקע ליפּאָווע 7. ערשט דאָ האָב איך זיך אָנגעהערט פון

דעם גרויסן בראָך. איבעריקנס, מ׳האָט נישט באַדאַרפט קיין סך הערן, ווייל כ׳האָב גלייך דערזען, אַז עס פעלן צענדליקער אַרבע־טער, קוואַליפיצירטע פאַכלייט און מייסטערס, וואָס אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די דייטשן וועלן זיך נישט קיין עצה געבן אָן זיי. אויך זיי האָט מען אומגעבראַכט.

געוויסע יידן וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, זיי צופרידן געשטעלט מיט די אויפגעגנייטע אָנצוגער אָדער שטיוול און שיך, האָבן געבעטן זייער אינטערוועניץ אומצוקערן די צוגענומענע פרויען און קינדער. די דייטשן האָבן זייער העפלעך צוגעזאָגט דאָס צו טאָן — אָבער קיין איין פרוי אָדער קינד האָט מען נישט אַרויסגענומען פון מיידאַנעק. באַזונדערס אַנטוישט איז געווען דער מאַגאַזינער קאַרענבליט, וואָס האָט באַזאָרגט די דייטשן מיט אַלעם נייטיקן. אויך ער האָט נישט מער זוכה געווען צו זען זיינע נאָענטסטע.

ווי נאָר כ׳בין געקומען אויף ליפּאָווע 7, האָט מיין מייסטער אַ פרעג געטאָן:

— אייזענבערג, ווי אַזוי ביסטו אַרויס פון דער לעצטער אַקציע?

איך האָב זיך פּשוט געשעמט צו זאָגן דעם אמת, אַז מיר אַלע זענען געבליבן. ווייל אַנשטאָט מיר, האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטער מייסטער:

— נו, מען דאַרף קאָנען ריידן...

איך האָב פאַרשטאַנען די אָנצוגעהערעניש, הלמאי איך, דער נישט־פאַכמאַן, וואָס טראָגט בלויז אונטער די לייטער, האָב געהאַט מער מזל ווי די געניטע ספּעציאַליסטן...

אין געטאָ האָבן מיר באַקומען צוגעטיילט די שפּייז־קאַרטן. ס׳איז טאַקע נישט געווען צו פיל, נאָר מיר פלעגן אויף דעם זאָגן: „נישט געזינדיקט — אַבי געזונט!" מ׳האָט זיך באַדאַרפט צוגעוווינען צום נייעם סטיל לעבן, וואָס איז דאָך געווען אַנדערש ווי ביז איצט אין געטאָ. דאָ, אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, זענען מער נישטאָ די וואַלוטע־סוחרים, אָדער וואַלוטשאַזשעס, ווי מ׳האָט זיי גערופן.

זיי זענען געשטאַנען אויף דער צירולניטשע גאַס, נעבן שאול וואָל־מאַנס הויז. דאָס אָרט איז געווען באַקאַנט ווי „די וואָלסטריט פון לובלינער געטאָ", ווייל דאָרט האָט מען געקויפט און פאַרקויפט אויסלענדישע וואַלוטע. אַ גרויסער טייל פון די איינגעקויפטע דאָ־לאַרן און גאָלד־קערבלעך האָט מען צוגעשטעלט פאַר שמאַי גראַיער און ער האָט זיי געליפערט דער געסטאַפּאָ און אַנדערע דייטשן. דעם וואַלוטע־האַנדל האָבן געפירט אַברהם לייזער שויבמאַן, לייביש שוחטס זון און יחזקאל שוחטס איינִיקל, ווי אויך יאָסעלע דער וואַלוטניק. די צוויי זענען געווען די הויפּט־סוחרים, בעת די אַנדערע, קלענערע פון זיי, האָבן בלויז פאַרמיטלט אָדער געפירט דעם מסחר אין אַ באַגרענעצטן מאַסשטאַב. אַז איך פלעג צוריק קומען פון דער אַרבעט אויף ליפּאָווע אין געטאָ, דורכן אַריינגאַנג אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס, האָב איך זיך אָפט געטראָפן מיט אברהם לייזערן, מיט וועמען כ'האָב אין די קינדער־יאָרן געלערנט צוזאַמען אין כהנס בית־המדרש. מיר, דעם פאַרשמוצטן, מידן און דערשלאָגענעם שקלאַפן־אַרבעטער האָט ער מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען קומסטו, ישראל, פון דער אַרבעט? זאָלן קראַו־זעס פערד אַרבעטן...

(קראַוזע איז געווען דער אייגנטימער פון אַ גרויסער מיל אין לובלין און איז אויך באַרימט געווען מיט זיינע שטאַרקע פערד וואָס האָבן געשלעפּט פלאַטפאָרמעס מיט מעל. איז נאָך פאַר דער מלחמה אַרומגעגאַנגען דאָס ווערטל, אַז „קראַוזעס פערד זאָלן אַר־בעטן"...),

איראָניזירן אין יענע ביטערע צייטן פון אַן אייגענעם חבר, וועמען מ'האָט אָנגעוואָרפן צוואַנג־אַרבעט און דערביי טראַכטן, אַז דער וואַלוטע־מסחר וועט אים מערער באַשיצן ווי אַנדערע — האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי דער דאָזיקער ייד וואָלט גע־שלאָגן געוואָרן מיט בלינדקייט. נישט ער פילט און נישט ער שאַצט אָפּ די טרויעריקע לאַגע אין וועלכער מיר אַלע געפינען זיך. מיט

אַזעלכע מחשבות בין איך אַוועק אין אונדזער מקום, אינעם אַמאַליקן חתונה־זאַל אויף נאַדסטאַוונע 20, ווּ אין אָוונט איז געזעסן די משפחה אויף די געלעגערס (קיין טיש מיט שטולן זענען נישט געווען), געגעסן דאָס ביסל שיטערע זופּ מיט אַ שטיקל ברויט און דערביי נישט געקענט זיך באַפרייען פונעם געדאַנק וועגן געוויסע יידן, וואָס מיט זייער דינען דעם דייטש, אָדער מיט נישט וועלן זען ריכטיק אונדזער סיטואַציע, זענען זיי דען ווינציקער ריזיקירט מיטן לעבן, ווי איך און טויזנטער אַנדערע אַחינו בני ישראל?

די געסטאַפּאָ האָט געוווּסט ווער זענען די וואַלוטע־הענדלער, וואָס זענען געווען באַזאָרגט מיט סאָלידע אַרבעט־קאַרטן. אַפילו בעת כאַפּונגען אין גאַס, די א.ג. לאַפּאַנקעס, האָט מען זיי איבערגעלאָזט, גלייך נישט זיי מיינט מען. אָבער נישט אויף לאַנג. בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ, זענען אויך די מיוחסים אַוועק מיטן טראַנספּאָרט. די אַלע האָב איך אין מיידאַן־טאַטאַרסקי נישט געזען. אין איין טאָג זענען פאַרשוווּנדן די אַלע שמוגלערס, הענדלערס, וואַלוטניקעס, די „פּאַפּיעראָשניקעס" ביים הויף פון פייגעלע אברהם לייזערס, אויך די וואָס האָבן פאַרקויפט געפאַרבט וואַסער — „אַ קאַלטס און אַ גוטס" — פונקט ווי עס זענען נעלם געוואָרן, מיטן אָקופּירן דורך די דייטשן לובלין, די טייערע יידן פון מלאכה און האַנדל, פון אַרבעט און פון תורה. די ליקווידאַציע פון געטאָ און אַריבערפירן די רעשטלעך אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, איז געווען דער לעצטער עטאַפּ פון אומברענגען די עיר ואם בישראל, לובלין.

די פּטירה פון מיין פאָטער

אין מיידאַן־טאַטאַרסקי אַרבעטן אַלע. עס פעלן אַפילו אויס אַרבעט־הענט. איך באַלאַנג נאָך צו ליפּאָווע 7. יעדן אין דער פרי לאָז איך זיך אַוועק, נאָר פריער געזעגן איך זיך מיט מיין פרוי און פּיצל קינד.

דער יודענראַט נייטיקט זיך אין אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און באַאַמטע אין דעם איינגעשרומפּענעם געטאָ. אַ געוויסן טאָג האָט דער פּרעזעס פון יודענראַט, דער אַדוואָקאַט ד״ר מאַרעק אַלטען, באַגעגנט מיין פאָטער ביים טויער פון געטאָ.ביידע האָבן זיך גע־קענט סיי פון לובלינער שטאָטראַט, ווו זיי זענען געווען ראַטמענער, סיי פון דער קהילה, ווי דאַזאַרעס, ווי אויך פון אַנדערע יידיש־גע־זעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן ביזן חורבן. ד״ר אַלטען האָט רעפּרע־זענטירט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, בעת מיין פאָטער איז געווען דער פאָרשטייער פון אגודת ישראל. איצט באַשטימט ד״ר אַלטען, אַז משהלע אייזענבערג זאָל אַרבעטן אויף דער געטאָ־פּאָסט. די אַרבעט איז נישט קיין שווערע. אין משך פון אַ וואָך זענען אָנגע־קומען אַ 20 בריוו פון יידן פון אויסלאַנד צו זייערע קרובים אין לובלין, וואָס דער גרעסטער טייל איז שוין געווען אויסגעשאָסן אין קרעמפּיצער וואַלד, צי פאַרברענט געוואָרן אין בעלזשעץ אָדער פאַרגאַזט געוואָרן אין מיידאַנעק. נאָר די דייטשן האָבן געלאָזט פונקציאָנירן יידישע פּאָסט־אַמטן, כדי שאַפן אין דער וועלט דעם איינדרוק, אַז אין דער אָקופּירטער פּוילן גייט נאָר אָן אַ נאָרמאַל יידיש לעבן.

מיין פאָטער האָט די בריוו באַקומען פון פּוילישן פּאָסט־אַמט אין לובלין. צווישן די עטלעכע הונדערט אַדרעסאַטן זענען אין פאַרלויף פון דער צייט געבליבן לעבן יחידים — און צו זיי זענען די בריוו יאָ דערגאַנגען. אַזאַ ייד האָט באַדאַרפט מיט זיין אונטער־שריפט באַשטעטיקן דעם באַקומענעם בריוו, דאַקעגן שפּייז־פּאַקעטן אָדער פּעקלעך מיט מלבושים, האָט נישט זוכה געווען אָפּצונעמען אַפילו דער לעבן געבליבענער ייד, פאַר וועמען דאָס איז געווען באַשטימט. אַזעלכע פּעקלעך האָט מען אויפגעעפנט אין יודענראַט און צעטיילט צווישן זיך דאָס עסנוואַרג און מלבושים. נישט איין מאָל האָב איך געהערט ווי מיין פאָטער האָט אונדז דערציילט:

— ווי נאָר די פון יודענראַט האָבן פאַרטיילט צווישן זיך דאָס פּעקל, האָב איך געבעטן זיי זאָלן דאָס נישט טאָן, ס׳איז דאָך נישט

זייערס. כ׳האָב זיי אַפילו געוואָרנט, אַז מיט אַזאַ עסן קאָן מען נאָך דערשטיקט ווערן... אָבער זיי האָבן מיך נישט געהערט!

די דאָזיקע „שיינע יידן" האָבן גענומען ביי אַנדערע און — נישט דערשטיקט געוואָרן. אויב אין גרויסן געטאָ, אין שטאָט, האָבן די מנהיגים זיך נאָך גערעכנט מיט זייער כבוד און פרעסטיזש, איז דאָס אַלץ פאַרשווּונדן אין מיידאַן־טאַטאַרסקי. דאָ האָבן מענטשן זיך באַפרייט פון מאָראַלישע ווערטן, פאַרלוירן זייער זעלבסטווירדע, נישט גערעכנט זיך מיט קיינעמען. פיל פון זיי זענען געבליבן איינזאַם, עלנט, נאָך דעם ווי מ׳האָט אַוועקגענומען זייערע פרויען, קינדער, עלטערן, שוועסטער און ברידער.

מי לחיים ומי למוות, ווער עס זאָל בלייבן און וועמען אומברענגען, איז אין יענע צייטן אויך געווען אָפּהענגיק, אין אַ געוויסער מאָס, צו וועלכער אַרבעט־גרופּע מ׳האָט געהערט. אויב די סעלעקציע האָט אַדורכגעפירט אַן אָפּטיילונג פון דער ס.ד. (זיכערהייט־דינסט), האָבן זיי באַשטימט צום אומקום די וואָס האָבן געהאַט אַרבעט־קאַרטן אָדער אויסווייזן פון דער ס.ס., צי פון אַן אַנדערער דייטשער אָרגאַניזאַציע. און פאַרקערט — לויטן אַלטן כלל, אַז אויב דו נעמסט „מיינע יודען", וועל איך נעמען „דיינע יודען".

געווען אויך אַזעלכע יידן, וואָס נישט לאַנג האָבן זיי געטרויערט אויפן טויט פון דער פרוי און גאַנץ שנעל אויסגעפונען אַ „קוזינקע", מיט וועלכער מ׳האָט געפירט אַ הפקרדיק לעבן. פון דער דאָזיקער דעמאָראַליזאַציע און גייסטיקער ירידה, האָט מיין פאָטער געהאַט שטאַרק עגמת־נפש. באַזונדערס האָט אים וויי געטאָן, ווען ער האָט געזען ווי אייניקע געוועזענע עסקנים, דאָזאַרעס, פאַרטיי־טוערס, זענען געוואָרן לעב־יונגען, וואָס האָבן אומפאַרשעמט דערקלערט: „היינט לעב איך — מאָרגן איז אויס". אויך יידישע גימנאַזיסטן און געוועזענע סטודענטן, דער שטאָלץ פון זייערע עלטערן, זענען געוואָרן אונדזערע אויפזעערס.

אויך אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, ווי אין פריערדיקן געטאָ, האָב איך זיך נישט אַנגעשטויסן אויף אַ חסידישן יונגערמאַן, צי עלטערן, גלויביקן ייד, וואָס זאָל וועלן דינען די דייטשן און זיך איזדעקעווען איבער זיינע אייגענע ברידער.

אין געטאָ זענען געבליבן געציילטע פרומע יידן. איז געווען אוממעגלעך צונויפצושטעלן אַ מנין צום דאַווענען. די יִינגערע האָבן גאָר פרי געמוזט גיין אַרבעטן אויף די פאַרשידענע פלאַצוווּ־קעס און די עלטערע האָבן געדאַוונט ביחידות. יעדן אין דער פרי ביים דאַווענען, בעתן לייגן די תפילין, האָט מיין טאַטע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט געאַרט דעם רבונו־של־עולם, אַז יידן האָבן יעדן טאָג מתפלל געווען צו אים מיט התלהבות און אמונה אין די שילן, שטיבלעך און בתי־מדרשים? נאָר ווי קום איך צו שטעלן אַזעלכע שאלות? ווי מעג איך גאָר אַזעלכעס פרעגן?

נישט אַנדערש, דער האַר אין הימל האָט געטאָן אַ גרויסן חסד מיט מיין פאָטער. נאָך איידער מ׳האָט ליקווידירט דאָס געטאָ אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, האָט ער אויף שטענדיק פאַרמאַכט זיינע אויגן, אויפן אייגענעם בעט. אין חודש מאַי 1942 האָט אין געטאָ געבושע־וועט דער טיפוס. אַ סך קרבנות זענען דעמאָלט געווען. אויך מיין פאָטער האָט אָנגעהויבן ליידן פון דער אָנשטעקנדיקער קראַנקייט. קיין רעצעפּטן און דאָקטוירים זענען נישט געווען. די אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען און שלעכטע דערנערונג, האָבן געהאָלפן זייען טויט און פאַרוויסטונג. נאָך עטלעכע טעג ליגן אין הויכן פיבער און שווערער קראַנקייט, איז מיין טאַטע נפטר געוואָרן זונטיק דעם 31סטן מאַי 1942 (ט״ו סיון תש״ב).

יענעם טאָג בין איך נישט אַוועק צו דער אַרבעט אויף ליפּאָווע 7, וואָס איז פון מיין זייט געווען אַ געפערלעכע ריזיקע, ווייל אין פאַל פון אַ קאָנטראָל, ווער איך דערשאָסן. נאָר איך האָב געוואָלט בייזיין די לעצטע מינוטן פון מיין טאַטן, ווען כ׳האָב זייער גע־שעצט, ליב געהאַט און פאַרערט. אַ שעה פאַר זיין יציאת הנשמה,

האָט ער זיך צעוויינט, מיט די פאַרטרערטע אויגן געקוקט אויף דער מאַמען, אויף מיין פרוי, אויף מיר און אויף אונדזער זונעלע דודל און מיט אַ כליפּענדיק קול זיך אָנגערופן:

— ביי וועמען לאָז איך אייך איבער?!... אוי, רבונו־של־עולם!

— האָט ער אַרויסגעקרעכצט און אויסגעהויכט זיין נשמה. מיר אַלע האָבן אים געוואָלט טרייסטן און זאָגן, אַז השם יתברך וועט העלפן — אָבער שוין נישט באַוויזן.

יענעם זונטיק וועל איך נישט פאַרגעסן. ווי נאָר דער טאַטע האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן, האָב איך אָנגעהויבן זיך ברעכן דעם קאָפּ: ווי אַזוי ברענגען דעם נפטר צו קבר ישראל? ווי אַזוי אים מאַכן די טהרה? וואָס וועט זיין מיט תכריכים? אַזאַ ייד אַ קדוש דאַרף מען דאָך קובר זיין כדת וכדין, אַפילו ווען דאָס איז אומ־מעגלעך אין יענע שוידערלעכע באַדינגונגען. ווי אַזוי פירט מען אים אַרויס פון דעם פאַרצוימטן און גוט געהיטענעם געטאָ? ווו נעמט מען פערד־און־וואָגן אים איבערצופירן אויפן בית החיים אויף דער אוניצקע גאַס, וואָס געפינט זיך גאַנץ ווייט פון מיידאַן־טאַטאַרסקי? און ווער וועט מיר העלפן גראָבן דעם קבר, וויסנדיק אַז ער שטעלט איין זיין לעבן?

בשעת איך בין פאַרזונקען אין די אַלע מחשבות, זע איך נישט דערווייל קיין שום לייזונג. נאָר איינס איז פאַר מיר קלאָר: כ'וועל דעם טאַטן קובר זיין אויפן לובלינער בית החיים, כדת משה וישראל...

די מסירת־נפשדיקע קבורה

ליגנדיק ביינאַכט אויף דער פּאָדלאָגע, נישט ווייט פונעם פאַר־שטאָרבענעם טאַטן, האָב איך זיך דערמאָנט אין ספר בראשית, די פּרשה ויחי, ווו ס'ווערט דערציילט, אַז פאַרן טויט האָט יעקב אָבינו צונויפגערופן זיינע צען זין, אויך אפרימען און מנשהן און געבעטן

אַ צוזאָג, אַז זיי וועלן אים אַרויסנעמען פון מצרים און ברענגען צו קבר ישראל (אַ סברה, אַז פון דעם האָט זיך געשאַפן דאָס ווערטל: „איין טאַטע קאָן אויסהאַלטן צען קינדער, אָבער צען קינדער זענען נישט מסוגל אויסצוהאַלטן איין טאַטן״)... דעם אמת געזאָגט, איז דאָס נישט געווען קיין בפירושער פאַרלאַנג פון טאַטן אים אַרויספירן נאָכן טויט פון מיידאַן־טאַטאַרסקי און ברענגען צו קבר ישראל, נאָר איך האָב דאָס געפילט אין די טעג פון זיין קראַנקייט און אַוודאי און אַוודאי — אין זיין לעצטן בליק, איידער ר׳האָט צוגעמאַכט די אויגן. איצט, אין דער נאָכט־שטילקייט, לאָזן זיך וועבן פאַרשידענע פּלענער און ביסלעכווייז ווערן אויסגעאַר־בעט פּרטים פון אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט טאַקע אויסגעזען צו זיין פאַנטאַסטיש, נישט דורכפירבאַר, דאָך איז מיר נישט איינ־געפאַלן צו רעזיגנירן.

גאַנץ פרי בין איך אַוועק צו דעם לובלינער פרומען ייד, ר׳ אהרון ברוך אהרנסאָן און געבעטן זיין הילף. ער, ווי אַלע יידן אין געטאָ האָבן געוווּסט, אַז יעדער געשטאָרבענער אין מיידאַן־טאַ־טאַרסקי ווערט געברענגט אין אַ שאָפּע ביים געטאָ־טויער. נאָך דעם ווי עס זאַמלען זיך דאָרט אָן עטלעכע מתים, ווערן זיי אויף אַ פּלאַטפאָרמע אַרויסגעפירט אויסער דעם געטאָ און מ׳איז זיי קובר אין אַ מאַסן־גרוב אויף אַ פּלאַץ, וועלכן די געסטאַפּאָ האָט צוגע־טיילט דעם יודענראַט. ר׳ אהרון ברוך האָט מיט מיר מסכים געווען, אַז משהלע אייזענבערג דאַרף מען נישט קובר זיין אין אַ מאַסן־גרוב, נאָר ברענגען צו קבר ישראל אויפן בית עלמין. די חברה קדישא אין געטאָ איז באַשטאַנען פון צוויי יידן: נטע באַרנשטיין און שלמה עפּשטיין, דער זון פון חיים יוסף היטלמאַכער. אויך פאַר דער מלחמה האָבן זיי באַלאַנגט צו דער חסד של אמת. איצט האָבן זיי מיט דער באַשטעטיקונג און געהעריקע אויסווייזן פון יודענראַט זיך פאַרנומען מיט דער גרויסער מצוה. זיי האָבן געטראָגן די זעלבע היטלען ווי די יידישע פּאָליציאַנטן.

אַזוי ווי שלמה עפּשטיין איז געווען אַ תלמיד פון מיין טאַטן

אינעם בית־המדרש פון דער חברה נושאים, וווּ ער האָט יעדן אָוונט געלערנט דעם דף יומי, האָב איך זיך געוואָנדן, אַז ער זאָל העלפן. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז גרייט צו באַזאָרגן תכריכים, צו העלפן מיט דער טהרה, נאָר פאַרלאָזן דאָס געטאָ מיט איין מת, דערצו נאָך אַזאַ ווייטן מהלך — וויל ער נישט ריזי־קירן. ער וועט פאַרלירן נישט נאָר זיין אַרבעט־קאַרטע, נאָר אויך דאָס לעבן.

מאָנטיק פרי האָב איך דעם טויטן קערפּער איבערגעפירט אין אַ ליידיקע הייזקע אין געטאָ, אַ דאַנק דער הילף פון ר׳ אהרון ברוך אהרנסאָן און שלמה עפּשטיין. פון עטלעכע ברעטלעך צונויפּ־געקלאַפּט אַ טהרה־ברעט, געבערענגט עטלעכע עמערס וואַסער, אָנ־געצונדן צוויי ליכט צוקאָפּנס — און אַדורכגעפירט די טהרה לויט אַלע כללים און דינים, ווי מ׳האָט עס געטאָן פאַרן קריג מיט אַ גרויסן צדיק אָדער רבין.

פאַר דער צייט וואָס מיר האָבן זיך עוסק געווען מיט דער טהרה, האָט מיין מאַמע זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, כדי אויסצוגעפינען אַ פּאָלאַק מיט אַ פערד־און־וואָגן. נאָכן פאַרענדיקן די טהרה, האָט מען צונויפגעקלאַפּט אַן ארון, אָנגעטאָן דעם מת די תכריכים און אַוועק צו דער פאַרצאַמונג אין געטאָ, ווו אין די דראָטן איז געווען אַן עפענונג. אויף יענער זייט האָט די מאַמע שוין געוואַרט מיטן קריסטלעכן בעל־עגלה. איך און מיין ברודער שלמהלע האָבן אַרויס־גענומען דעם ארון אויף דער צווייטער זייט, אים אַרויפגעלייגט אויף דעם וואָגן, אַלץ פאַרדעקט מיט שטרוי און צוזאַמען מיט דער מאַמען, דורך די הינטערגעסלעך פון בראָנאָוויץ, זענען מיר בשלום געקומען אויף דער אוניצקע גאַס. אָט דערנענטערן מיר זיך צום בית־עלמין. דער טויער איז אָפן, דער אַריינפאָר — פריי. איך באַשליס קובר צו זיין דעם טאָטן נעבן דעם אהל פון לובלינער רב און ראש הישיבה, הרב מאיר שפּירא, כדי נאָך דער מלחמה וויסן דאָס אָרט ווו דער טאַטע ליגט.

דער פּאָלאַק האָט אויך מיטגעבראַכט צוויי לאָפּעטעס, איך און

שלמהלע האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו גראָבן דעם קבר מיט גרויס יראת הכבוד, נאָר דער קריסט האָט אונדז כסדר אונטערגעיאָגט און אַפּילו געדראָט, אַז ער לאָזט אונדז איבער מיט דער מאַמען און פּאַרט אַוועק. אַ סך שוויס און טרערן האָבן מיר אַלע פאַרגאָסן ביי דער אַרבעט — נאָר צוריקגעפאָרן אין געטאָ מיטן געפיל, אַז מ'האָט געטאָן דעם רצון פון נפטר. זיצנדיק אויף דער פור וועלכע האָט אונדז געפירט אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, האָב איך געשמועסט מיט דער מאַמען, אַז אין אַזעלכע ביטערע צייטן פאַר יידן האָט דער טאַטע געהאַט אַ גרויסן זכות געבּרענגט צו ווערן צו קבר ישראל, און — אויסער דעם טאַטן — איז די משפחה צוזאַמען. אַפּילו מיין קינד געפינט זיך מיט אונדז.

מיר האָבן זיך דערמאָנט, ווי בעת די פאַרשידענע אַקציעס, איז אונדזער משפחה תמיד געלונגען זיך אומצוקערן אין געטאָ, טאַקע אין דער ענגער וווינונג, צום שווערן לעבן — אָבער אַלע צוזאַמען, בעת אַפּילו מיטגלידער פון יודענראַט, יידישע פּאָליציאַנטן, באַ־אַמטע פון די פאַרשידענע אינסטיטוציעס און פון אַרבעט־אַמט, זענען בעת די אויסזידלונגען נישט געשוינט געוואָרן. גאַנץ באַזונ־דערס האָבן די רוצחים זיך נישט גערעכנט מיט די פרויען און קינדער פון די דערמאָנטע יידן.

מיר אַלע זענען שטענדיק געווען צוזאַמען. בעת אַן אַקציע אָדער סעלעקציע האָט דער טאַטע געהאַלטן אויף די הענט דודלען, וואָס איז געווען כמעט דאָס איין־און־איינציקע קינד אינעם אויס־געליידיקטן געטאָ. כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אונדזערע אַלעמענס אַרבעט־קאַרטן זענען נישט געווען פון די סאַמע בעסטע. איצט, אומקערנדיק זיך פונעם בית הקברות אָנעם טאַטן, האָבן זיך אַלע געפילט עלנט, איינזאַם, אָן אַ באַשיצער; יתומים, וואָס האָבן מיט איין מאָל פאַרלוירן דעם ראש המשפחה.

מיר זענען צוריק אַריין אין געטאָ דורכן טויער, ווייל אונדז איז געלונגען זיך אויסצומישן מיטן עולם וואָס האָט זיך אומגעקערט

פון דער אַרבעט. אויך מיט דעם שריט האָבן מיר אַ סך ריזיקירט — נאָר ס'איז געלונגען!

צו מנחה־מעריב איז מיר גאַנץ שווער אָנגעקומען צונויפצו־שטעלן אַ מנין, כדי כ'זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט צו זאָגן דעם ערשטן קדיש נאָכן פאַרשטאָרבענעם טאַטן. אָבער אַזאַ מנין איז יאָ צו־שטאַנד געקומען — און דער נפטר האָט זוכה געווען צו אַ קדיש נישט נאָר פון ביידע זין, נאָר אויך פון אַנדערע יידן.

„קאַלעגאַלע, הייב זיך!"...

די דאָזיקע דריי ווערטער זענען געווען שטאַרק באַוווסט און פּאָפּולער אין גרויסן לובלינער געטאָ און שפּעטער אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, דעם קלענערן געטאָ. מיט דעם באַפעל האָט זיך באַנוצט דער „יודען־קיניג", ווי די דייטשן האָבן אים גערופן, שמאַי גראַיער, אַ מיאוסער פּאַרשוין נאָך אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, וואָס איז באַזונדערס עולה לגדולה געוואָרן ביי די נאַציס, ווי נאָר זיי האָבן אָקופּירט די שטאָט.

ביז סעפּטעמבער 1939 האָט שמאַי גראַיער געהאַט צוויי פאַכן: פריזירער און אַלפאָנס. נאָר די עיקרדיקע באַשעפטיקונג איז ביי אים געווען — שטויסן יידישע טעכטער צו זנות, בעת פריזירעריי איז געווען אַ נעבן־זאַך, צו דעקן זיינע עסקים מיט דער אונטער־וועלט. אין יאָר 1937 איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר תפיסה. אין „זאַמעק", הינטער די קראַטעס, איז ער געווען פריזירער פון די אַרעסטאַנטן און מ'האָט געשמועסט, אַז ער טראָגט אונטער מסירות אויף די קרימינעלע און פּאָליטישע אַרעס־טירטע, מיט וועלכע ר'איז געקומען אין באַרירונג בעתן שערן זיי און ראַזירן.

דעם 9טן סעפּטעמבער 1939, יענעם שבתדיקן טאָג ווען לובלין

איז שרעקלער באַמבאַרדירט געוואָרן פון דייטשע עראָפּלאַנען, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון תפיסה, באַזאַמען מיט די אַנדערע פאַרמשפטע, וועלכע האָבן אויפגעבראָכן דעם „זאַמעק". ווער וועמען ס'האָט פריער „דערשנאַפּט" — צי די דייטשן אים, אָדער ער די דייטשן, איז נישט באַוווּסט, און אויך נישט וויכטיק. איינס איז קלאָר: ער האָט זיי הינטיש־טריי געדינט, טיילמאָל זיי איבערגעשטיגן מיט זיין ברוטאַלקייט, ציניזם און סאַדיזם.

מ'האָט דערציילט אין לובלין, אַז צו איינע אָדער עטלעכע אויסראָטונג־אַקציעס אין וואַרשעווער געטאָ, האָט די געסטאַפּאָ מיטגענומען שמאי גראַיער ווי אַ העלפער, צי אָבסערוואַטאָר. אַנטקעגן אַזאַ צוטרוי מצד די באַצווינגערס, האָט דער אויסוואורף זיי אָפּגעדינט מיט פאַרשטאַרקטן פלייס און מי ביים אומברענגען די יידן אין לובלין.

נאָך האָט מען דערציילט, אַז אין געוויסע נעכט, איז שמאי גראַיער מיט עטלעכע געסטאַפּאָ־לייט, אַלע אַנגעטאָן ציוויל, אַוועק אויף דער באַן־סטאַציע אין לובלין, כדי אויסצוגעפינען און פאַר־האַלטן יידן פון אַנדערע ערטער וואָס האָבן געוואַרט אויפן אָנקום פון אַ צוג, אָדער יידן פון לובלין גופא, וואָס האָבן געזוכט אַנטרונען צו ווערן אין אַזעלכע שטעט און שטעטלעך, ווו מ'האָט געהאַט אַ פריינד, אַ קרוב, אָדער מ'האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָרט איז דער היטלעריסטישער רעזשים אַ מילדערער און אפשר וועט זיך לאָזן איבערלעבן. כדי זיכערן דעם דערפאָלג פון אַזעלכע אָבלאַוועס, האָט די געסטאַפּאָ זיך פאַרלאָזט אויף שמאי גראַיער, וועמענס פאַרברעכערישער חוש הריח וועט אַוודאי דערשנאַפּן דעם ייד וואָס זוכט אַ מקלט. דער שאַנדיונג איז טאַקע אַרומגע־גאַנגען אויפן וואַקזאַל צווישן די פּאַסאַזשירן, בעת די דייטשן זענען געשטאַנען אין אַ זייט. שמאי גראַיער האָט יעדן איינעם געקוקט אין די אויגן, ווען נייטיק — מיט צוויי פינגער אונטער־געהויבן די גאָמבע, אָדער אויפגעהויבן אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ,

געפאַרשט יענעמס פּנים — און ווי נאָר ער האָט דערשפּירט אַ ייד, האָט ער גלייך אָנגעוויזן אויף דעם קרבן. ביי אַזעלכן האָבן די דייטשן געפאָדערט דאָקומענטן און אַפילו ווען ער האָט געהאַט גוטע פּאַפּירן, האָט מען אים צוגענומען און דערשאָסן אין קעלער פון דער געסטאַפּאָ אויף דער באַן־סטאַציע.

אַ סך יידן זענען אומגעקומען פון שמאַי גראַיערס וויזיטן אויפן לובלינער וואָקזאַל. נישט איינמאָל האָבן פּוילישע באַן־אַרבעטער דערציילט די יידן:

— „וואָש פּשעדופּניק גראַיער זאַבראַל וווטשאַראַי נאַ סטאַצי קילקאַ זשידאָוו״... („אייער פּשעדופּניק גראַיער האָט נעכטן אויף דער סטאַציע צוגענומען עטלעכע יידן״)...

נאָכן טויט פון מיין פאָטער, איז ווידער פאָרגעקומען אַן אויסזידלונג פון מיידאַן־טאַטאַרסקי. מיר זענען שוין געווינט געווען צו די דאָזיקע אַקציעס, וואָס פלעגן פאָרקומען אַלע 2־3 וואָכן. אָבער דאָס מאָל — עפּעס אַנדערש ווי שטענדיק. אַ בליק אויף יענער זייט שטעכלדראָטן האָט אַנטפּלעקט, אַז אויך דאָסמאָל זענען מיר אַרומגערינגלט, אָבער נישט מיט דער געוויינלעכער צאָל ליטווינער און ס.ס.־לייט, נאָר אַ סך וויניקער. און פון דער זייט דראָטן, אין געטאָ — הערט מען דאָס קול פון שמאַי גראַיער און דעם פּאָליציי־עלטסטן מאָניעק גאָלדפאַרב מיט זיינע געהילפן: „אַרויס!״ „אַרויס!״ מען טרייבט אַלעמען אויף דעם ליידיקן פּלאַץ אויסער דעם געטאָ, מען באַפעלט זיך אויסזעצן אין צווי רייען און די וואָס האָבן די קאַרטע מיטן סטעמפּל „J״ — זאָלן זי האַלטן אין דער הייך. נישט איינמאָל בין איך געווען עדות ביי אַזעלכע אויסזידלונגען, אַז מ׳האָט צוגענומען אויך פיל באַזיצערס פון אַזעלכע קאַרטן, צי אַנדערע דייטשע דאָקומענטן, וועלכע האָבן כלומרשט באַדאַרפט זיכערן איבערצובלייבן. איך זיץ איצט אויף דער ערד, האַלט אין דער הויך די J־קאַרטע. מיט מיר געפינט זיך די מאַמע, מיין באַלטשע, אונדזער קינד, מיין ברודער שלמה׳לע.

אַ געפיל האָב איך, אַז אַלע צוזאַמען וועלן זיך שוין נישט אומקערן אין געטאָ.

דאָס איז געווען פון די סאַמע אומגעריכטע אַקציעס, ווייל בדרך כלל האָט מען אַ נאַכט פריער געוווּסט, אָדער זיך אָנגעשטויסן, אַז מאָרגן קומען די רוצחים צונעמען נאָך אַ טראַנספּאָרט אין שכנותדיקן מיידאַנעק. נאָר פּאָר וואָס עפּעס אַזוי ווייניק דייטשן איצט, הגם זיי האָבן זיך אויף ווּעמען צו פאַרלאָזן. שמאַי גראַיער ווּעט די שמוציקע אַרבעט טאָן נישט ערגער פון די דייטשן. ער גייט טאַקע אַרום מיט דער לעדערנער נאַהייקע אין האַנט, קוקט יעדן אין די אויגן און וועמען ער האָט באַשטימט פאַר זיין קרבן, באַפעלט ער:

— קאָלעגאַלע, הייב זיך!

דער גוטברודערישער טאָן און היימלעכקייט פון ערשטן וואָרט האָבן, בעצם, אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט יענע אַקציע. ווייל, „הייבן זיך" האָט ער געהייסן, קודם כל, זיינע נאָענטע מענטשן, סיי די פון דער אונטערוועלט, סיי די וואָס האָבן אים געחנפעט און געדינט אין געטאָ, סיי די פריזירערס, זיינע פאַר־קאָלעגן.

אַז ווער פון זיי האָט זיך געבעטן:

— שמאַי, מיך, דיין בעסטן פריינד?!...

— טאָ הייב־זשע דיך טאַקע! — איז געווען זיין ענטפער.

און דער וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויף שמאַי׳ס באַפעל — האָט שוין נישט געטאָרט זיך צוריק אַוועקזעצן. די דייטשן און ליטווינער, בראש מיטן געסטאַפּאָ־אָפיציר ווערטהאָף, האָבן אַכטונג געגעבן, אַז די קרבנות פון „יודען־קיניג" זאָלן געשיקט ווערן אין דער גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריע פון מיידאַנעק.

אין געטאָ מיידאַן־טאַטאַרסקי זענען די פאַרשווינען פון שמאַי גראַיערס שניט געווען אַ נישטיקע מינדערהייט. ווילנדיק זיי ליקווידירן, האָט ער אויך שוין גענומען יידן פרומע און וועלטלעכע, עלטערע און יונגעלייט, מענער און פרויען. אין יענער אַקציע איז

אויך געפֿאַלן אַ קרבן דער טריסקער רבי ר׳ משה׳לע טווערסקי מיט זיין בילד־שיינער פּרוי, וואָסביידע איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן אין געטאָ אַ לענגערע צייט. ווען מ׳האָט די אומגליקלעכע געטריבן קיין מיידאַנעק, האָט דער טריסקער רבי זיך עטלעכע מאָל אויס־געדרייט צו די פֿאַרבליבענע. זיין בליק האָט אונדז ווי געזאָגט:

— פֿאַרגעסט אונדז נישט... פֿאַרגעסט אונדז נישט...

מיר, די ניצול געוואָרענע, האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ. דאָ האָט מען זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ סך אויסגעליידיקטע דירות. די ליטווינער האָבן תמיד אויסגענוצט אַזעלכע אַקציעס, כדי אויס־צוליידיקן די שטובן. יענעם טאָג איז קיינער נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, נאָר געבליבן אין מיידאַן־טאַטאַרסקי און... געוואַרט אויף דער נאָענטסטער אַקציע.

לאַנג וואַרטן האָט מען נישט געדאַרפֿט. שמאי גראַיער איז ווי אַ פֿאַרסמטע מויז אַרומגעלאָפֿן אין געטאָ, געשפּיזט יעדן איינעם מיט די אויגן, געזוכט אין די הייזקעס און פֿון צייט צו צייט געפֿונען אַ נייעם קרבן. ערשט שפּעטער איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט זיך נישט באַרויקן, ביז וואַנען עס וועט אין זיינע הענט נישט אַריינפֿאַלן נאָך אַ לובלינער אַלפֿאָנס פֿון פֿאַר דער מלחמה, דער באַוווסטער הערמאַן, וואָס האָט אין דער אונטערוועלט־היעראַרכיע פֿאַרנומען אַ העכער אָרט ווי שמאי גראַיער און כסדר געהאַט מיט אים קאָנפֿליקטן. נאָך פֿריער, אין גרויסן געטאָ, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז גראַיער האָט אַמאָל געברענגט די געסטאַפּאָ אין אַ הויז אויף שעראַקע־גאַס, וווּ אויפֿן פֿערטן שטאָק האָבן געשפּילט אין קאָרטן 14 „גוטע ברידער", צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפֿונען גאָדל מאַגין („גאָדל פֿאַרעך") און דער סוטענער „דער שוואַרצער מענדל". אַ סברה, אַז שמאי גראַיער האָט געטראָגן אַ שנאה אויף די צוויי — און מ׳האָט זיי מיט נאָך עטלעכע קאָרטן־שפּילערס אַרעסטירט. נאָך „דעם שוואַרצן מענדל" האָט שמאי גראַיער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון

אַלע טרעפֿ, דערצו נאָך אים אָנגעבראָכן דיביינער און באַפֿוילן איינצוזעצן אין תּפֿיסה. צוליב שמאַי גראַיערס פֿאַרפֿאַלגן די אונטערוועלט, איז אַ טייל פֿון זיי אַנטלאָפֿן קיין וואַרשע אין יאָר 1941, נאָר שפּעטער זיך אומגעקערט קיין לובלין. צווישן די צוריק־געקומענע האָט אויך באַדאַרפֿט זיין הערמאַן — און דאָס איז געווען די סיבה פֿון שמאַי גראַיערס איניציאַטיוו אַדורכצופֿירן „זיין" אַקציע אין מיידאַן־טאַטאַרסקי.

ביז היינט געפֿין איך נישט קיין ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: פֿון וואַנען האָט זיך צו דעם שאַנדיונג גענומען אַזוי פֿיל שנאה צו אייגענע, נאָענטע מענטשן? מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן זיין האַס גראָד צו דער אונטערוועלט, אָדער צו די פּריזירערס, ווי אויך צו די, וואָס זענען אין געטאָ אים נאָכגעגאַנגען ווי שאָטנס און געפֿאָלגט ווי חדר־קינדער?

דער איינציקער אויסוועג...

פֿון טאָג צו טאָג ווערט אונדזער לאַגע ערגער. אַ סך יידן וואָס זענען אין דער פֿרי אַוועק אויף צוואַנג־אַרבעט — קומען נישט מער צוריק אין געטאָ. אַנשטאָט זיי דערלויבן זיך אומצוקערן אַהיים, האָט מען די אומגליקלעכע געפֿירט אינעם שכנותדיקן טויטן־לאַגער מיידאַנעק. זייער אָפֿט האָט מען אויסערן געטאָ, נישט ווייט פֿון טויער, אויסגעשטעלט הונדערטער יידן מיט זייערע פֿרויען און קינ־דער — און ווידער אַ סעלעקציע. דער געסטאַפּאָ־מערדער ווערט־האָף האָט דורך דעם געטאָ־קיניג שמאַי גראַיער און דעם קאָמענ־דאַנט פֿון דער יידישער פּאָליציי, מאַניעק גאָלדפֿאַרב, געגעבן באַ־פֿעלן, סאָרטירט די מענטשן — און נישט אַלע וואָס האָבן פֿאַרלאָזט דעם שטח פֿון מיידאַן־טאַטאַרסקי, זענען דאָרט צוריק געגאַנגען, ווייל מיידאַנעק האָט זיך נישט געפֿונען ווייט פֿון דעם אָרט...

אויסער די צוויי דערמאָנטע טרייע דינערס פון די דייטשן, ווי שמאַי גראַיער און מאַניעק גאָלדפּאַרב, האָבן מיר אויך געשטעלט זיך אַ סך פראַגן בנוגע דער פּערזאָן פון ד״ר מאַרעק אַלטען, אַ נער־קענטער אַדוואָקאַט און ציוניסטישער מנהיג אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט פאַרנומען דעם אַמט פון פרעזעס פון יודענראַט און טריי אויסגעפירט אַלע דייטשע באַפעלן. ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ צופרידנשטעלנדיקע תשובה אויף אַ האַרבער קשיה: ווי קומט עס, וואָס אַזאַ פערזענלעכקייט זאָל מסכים זיין צו זיין דער שליח און אויספירער פון די כסדרדיקע אַנטי־יידישע גזירות פון דער דייטשער מאַכט? ער האָט אַוודאי געמיינט, אַז זיין וועג איז אַ ריכטיקער, אַז מיט זיינע האַנדלונגען וועט ער אפשר ראַטעווען דאָס וואָס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען. אויך אין מיידאַן־טאַטאַרסקי איז ער געשטאַנען בראש פון יודענראַט און געווען אַ בלינד וועדקצייג אין די רוצחימס הענט, מיט הכנעה אָנ־גענומען אַלע זייערע באַפעלן.

אָט איז ווידער אַן אַקציע. דאָס מאָל מעלדן די רוצחים, אַז די פרויען און קינדער וועט מען אַוועקפירן אין אַן אַרבעטס־לאַגער און דאָרט וועט זיי גאָרנישט פעלן. אָבער מער האָבן מיר פון די אַוועקגעפירטע נישט געהערט.

איך האָב ווייטער געאַרבעט אויף ליפּאָווע 7 אַלס עלעקטרי־קער. אַ געווויסן טאָג האָט מען אונדזער גרופּע פאַרהאַלטן אין לאַגער, נישט געלאָזט זיך אומקערן אין מיידאַן־טאַטאַרסקי. מיר זענען געווען זיכער, אַז איצט קומט דער סוף. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שפּעט אין אָוונט האָבן די דייטשן ווידער איינגעאָרדנט אַן אויסזידלונג פון מיידאַן־טאַטאַרסקי. זיי האָבן באַ־פוילן, אַז די פרויען וואָס באַזיצן קאַרטן פון ליפּאָווע 7 (ד.ה., אַז זייערע מענער אַרבעטן דאָרט), מיט זייערע קינדער און עלטערן, זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן שטענדיקן פּלאַץ פון די אַקציעס. מיין פרוי, ווי תמיד, פּלעגט זיך שטעלן גראָד אויף יענע ערטער, וואָס

זענען געווען אין סתירה צו די דייטשע באַפעלן. דאָס מאָל איז זי ווידער ניצול געוואָרן מיטן קינד, בעת הונדערטער אַנדערע זענען געשיקט געוואָרן קיין מיידאַנעק.

שלמה פערסיקאָ, אַ ידיד פון מיין טאַטן, וואָס האָט געטאָן אַ סך טובות פאַר יידן אין געטאָ, אַ דאַנק זיינע פאַרבינדונגען מיט די דייטשן, ווייל ער האָט פאַר זיי געליפערט האָבער און ווייץ — איז געווען דערשטוינט, ווען ער האָט צום ווייפלטן מאָל דערזען, ווי באַלטשע קערט זיך אום פון אַן אויסזידלונג מיט דודלען אויף די הענט.

— וואָס, די אייזענבערגן איז שוין ווידער דאָ? אומגלויבלער, אומגלויבלער — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין.

איך קום צוריק שפּעט ביינאַכט. באַלטשע דערציילט וואָס ס'איז פאָרגעקומען — און מיר באַשליסן: געקומען די צייט אָוועקצוגעבן דאָס קינד צו אַ קריסטין. ביי דער געשאַפענער לאַגע איז דאָס דער איינציקער אויסוועג.

איבערגעגעבן דאָס קינד צו אַ קריסטין

מיין מאַמע און איך האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט באַקאַנטע פּאָלאַקן (פון פאַרן קריג), צי וועלן זיי נעמען אַ קינד „פאַר גוט באַצאָלט". הגם ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט צו קאָנטאַקטירן זיך מיט קריסטן אין יענע צייטן, האָט דער פעסטער ווילן און אַנט־שלאָסנקייט צו ראַטעווען דאָס קינד, גובר געווען אַלע שוועריקייטן און שרעק. אמת, מיר האָבן שוין געוווּסט פון עטלעכע פאַלן, אַז געוויסע פּאָלאַקן האָבן גענומען אַ סך געלט פאַר לאָזן ביי זיי אַ קינד, נאָר דערנאָך עס איבערגעגעבן די דייטשן, אָדער איבערגעלאָזט אויף הפקר, ווי נאָר זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די עלטערן זענען

אומגעקומען. אויך דעם קריסט וואָס האָט ריזיקירט מיט נעמען צו זיך אַ יידיש קינד, האָט געדראָט דער טויט, אויב די דייטשן האָבן דאָס אַנטדעקט. פון דעסטוועגן האָבן מיר נישט אויפגעהערט זוכן — ביז מיר האָבן אויסגעפונען אַן עלטער פּאָרפּאָלק, קאָספּערעק. זיי האָבן געוווינט ביי דער צוקער־פּאַבריק אין לובלין, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע. צוזאַמען מיטן קינד האָבן זיי גענומען באַל־טשעס קאַראַקולענעם מאַנטל — אַ חתונה־מתנה פון אירע עלטערן. ס'האָט אָבער נישט גענומען קיין סך צייט ווי די קאָספּערעקס האָבן חרטה באַקומען אויף דעם ענין. זיי האָבן אונדז צוריק געגעבן דאָס קינד — נאָר אָן דעם מאַנטל...

איצט איז געבליבן צו ווענדן זיך צו זאַשען, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ דינסט ביי מיינע עלטערן און צו איר שוועסטער, צעשע, וואָס האָט אַמאָל געדינט ביי אונדז. זיי האָבן געוווינט אויף דער קרולעווסקע־גאַס. נאָך אַ ריי געשפּרעכן, דינגענישן, צוזאָגן און חרטה האָבן, האָט די ייִנגערע שוועסטער, צעשע, מסכים געווען צו האַלטן ביי זיך דאָס קינד ביז נאָכן קריג. מיר האָבן איר געגעבן די גאַנצע ביזשוטעריע וועלכע מ'האָט פאַרמאָגט, דעם רוב מלבושים און געלט. נאָר ווי אַזוי פירט מען אַרויס דאָס קינד פון געטאָ?

די יידישע פּאָליציי ביים טויער האָט שטרענג אָפּגעהיטן די דייטשע פאַראָרדענונגען, אַז אָן זייערס אַ שיין אָדער אַרבעט־קאַרטע, איז שטרענג פאַרבאָטן צו קומען אָדער צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. ווער שמועסט נאָך — מיט אַ קליין קינד, וואָס האָט אַוודאי נישט פאַרמאָגט קיין אַרבעט־קאַרטע. אין יענע צייטן איז פאַר־שטאַרקט געוואָרן די שמירה אַרום דעם געטאָ־טויער מצד די דייטשן און די שוואַרץ־מונדירטע ליטווינער. איינפּאַקן דאָס אַנדערהאַלבן יאָריקע עופעלע אין אַ רוקזאַק, איז דאָך אַוודאי געפערלעך, ווייל גראָד ביים טויער האָט דאָס קינד אַ ברירה זיך צו צעוויינען אויפן הויכן קול...

נאָר לאַנג קלערן טאָר מען נישט, ווייל היינט־מאָרגן וועלן די

דייטשן ווידער אַדורכפירן אַן אַקציע און מעגלער, אַז צוליב דעם קינד, איז באַדראָט די גאַנצע משפּחה. מיר פאַרמעסטן זיך אויף אַ גאַר ריזיקאַלישן שריט: צו דער געטאָ־פאַרצאַמונג פלעגט אָפט צו־קומען דער פּאָלאַק קאַנצעוווסקי, וואָס האָט געהאַנדלט ביי די דראָטן, נעמענדיק ביי יידן שטאָפן, קליידער, ביזשוטעריע און דערפאַר צוגע־שטעלט עסנוואַרג. פאַרשטייט זיך, אַז אויך ער איז געווען איינגע־שטעלט מיטן לעבן פאַר אַזאַ האַנדל. ווי נאָר דער קריסט האָט מסכים געווען צו נעמען דאָס קינד, איז מיין פרוי בשלום אַדורך דעם געטאָ־טויער אויף אַ פאַלשער קאַרטע, נישט מיט איר בילד. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ הוט מיט אַ געדיכטן וואַל, צו פאַרשטעלן איר יידישן אויסזען. אַזוי איז זי אַוועק צו צעשען אָפּריידן דעם טאָג און שעה ווען זי וועט ברענגען דאָס קינד.

אומקערנדיק זיך פון דעם באַזוך, האָט מיר באַלטשע דערציילט וועגן דעם שווערן איינדרוק וואָס אויף איר האָט איבערגעלאָזט די קליינע, שמוציקע און האַלב פינצטערע דירה פון צעשען, וווּ אונדזער קינד וועט בלייבן. קיין אַנדער אויסוואַל איז אָבער נישט געווען. דודל איז געווען אין געטאָ פון די געציילטע קינדער וואָס האָבן נאָר געלעבט און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום ספיקות, אַז ביי דער נאָענטסטער אַקציע שיקט מען אונדז קיין מיידאַנעק. נאָר האָט באַלטשע דערציילט, אַז זי האָט אָפּגערעדט מיט צעשען, אַז זיי טרעפן זיך צומאָרגנס אין מיטן טאָג אויף עק זאַמויסקע און קרולעווסקע־גאַס. איינע גייט אַנטקעגן דער אַנדערער און ביים צונויפטרעף ווערט איר איבערגעגעבן דאָס קינד...

אויפן צווייטן טאָג איז אַלץ צוגעגאַנגען ווי ס׳איז געווען אָפּ־גערעדט. אויך דאָס מאָל האָט באַלטשען אָפּגעגליקט אויף אַ פרעמ־דער קאַרטע צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. זי איז אַוועק אויף יענער זייט פאַרצאַמונג ווו ס׳האָט געוואַרט קאַנצעוווסקי מיט אַ וואַליזע, אין וועלכער ס׳איז געלעגן אונדזער דודל. די וואַליזע האָט דער פּאָלאַק באַקומען מיט אַ פערטל שעה פריער פון מיין מאַמען דורך אַ דורכ־

ברוך אין דער געטאָ־פאַרצאַמונג. מיט דעם „אַרישן“ אויסזען (צו־ליבן פאַרשטעלטן פּנים מיט דער וואָל) האָט זי אַדורכגעמאַכט דעם לאַנגן וועג ביז עק זאַמויסקע. אָט קומט אַנטקעגן צעשע, זי נעמט ביי איר איבער דעם טשעמאָדאַן און — — — זיי געזונט, דודל, אונדזער איינציק קינד! זאָלן די ברכות פון דער מאַמען און די תפילות פון טאַטן דיך באַגלייטן דעם גאַנצן וועג.

באַלטשע איז צוריק געקומען אין געטאָ אַ דערשלאָגענע, פאַר־ביטערטע און שטאַרק אומרויִקע. זי, ווי איך, האָבן געפילט, אַז מ׳האָט פון אונדז צוגענומען אַ לעבעדיקן אבר. וואָס קומט איצט פאַר מיטן קינד? אין ווען״נס העגט האָבן מיר אים געלאָזן?

די דאָזיקע פראַגן און ענלעכע האָבן דערנאָך געעקבערט אין מוח די גאַנצע צייט. אַ מאָל אויך האָט געפייניקט דאָס געוויסן: האָבן מיר געמעגט טאָן אַזאַ זאַך? איז זיך פאַרצושטעלן, אַז יידישע טאַטע־מאַמע זאָלן זיך אייגנוויליק אָפּזאָגן פון זייער קינד און עס איבער־געבן אין נישט־יידישע הענט?

באַלטשען איז שווער צו באַרויִקן. נישט געקוקט אויף די לויערנ־דיקע געפאַרן, פאַרלאָזט זי דאָס געטאָ עטלעכע מאָל, כדי גיין צו צעשען אין וווינונג און אין פאַרלויף פון אַ שעה־צוויי זיין צוזאַמען מיטן קינד. תמיד האָט זי געטראָפן דודלען אַ נאַסן, אַ פאַראומריי־ניקטן און אַ הונגעריקן. די גאַנצע צייט האָט ער נישט אויפגעהערט מאַנען, אין פּויליש פאַרשטייט זיך: „יעשטשע פּאַפּו!“ („נאָך עסן“).

פון איבער פערציק טויזנט יידן — געבליבן צוויי טויזנט

אָקטאָבער 1942. אַפילו די וואָס האָבן ביז איצט זיך דערהאַלטן ביים לעבן אין מיידאַן־טאַטאַרסקי זענען זיכער, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. אַן אויסנאַם איז די מ׳שטיינס־געזאָגטע געטאָ־

„עליטע״: דער פּרעזעס פון יודענראַט, ד״ר מאַרעק אַלטען; דער אויסוווּרף שמאַי גראַיער, דער עלטסטער פון דער יידישער פּאָליציי, מאַניעק גאָלדפּאַרב און אַנדערע. וואָס שייך די אַנדערע, איז אויך זייער צאָל געוואָרן איינגעשרומפּן, ווייל שמאַי גראַיער האָט געשיקט צום טויט דעם רוב פון זיינע ,גוטע ברידער׳, די אַזוי גערופענע ,בלאַטע׳. אין יענע טעג איז שמאַי געווען דער אַליינהערשער. זיין פרוי, די טאָכטער פון אַן אויסגעזידלטן אויבערשלעזישן ראַבינער, האָט געשוואָנגערט. מ׳האָט געשמועסט, אַז די ס.ס.־אָפיצירן שטורם און ווערטהאָף האָבן אַ „חלק״ אין דער שוואַנגערשאַפט... אויף שמאַי גראַיער איז אַלץ געווען צו גלויבן. די גדולים אין געטאָ האָבן מיט אַ באַזונדערער הנאה גערעדט וועגן געבורט פון זיין יורש.

נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרבעט אין לאַגער ליפּאָווע 7, האָב איך אָפּט באַמערקט, ווי ביים אַריינגאַנג־טויער אין געטאָ זענען געשטאַנען ד״ר אַלטען, שמאַי גראַיער וואָס האָט געהאַלטן אויף די הענט אַ פּודעל־הינטל, זיין מעוברתדיקע פרוי מאַניע מיט אירע עלטערן, וואָס האָבן, אגב, נישט געוואָלט הערן פונעם שידוך פון זייער טאָכטער מיט דעם אונטערוועלטניק, ווייל אַזאַ איידעם איז זיי לגמרי נישט געווען צום האַרצן, אָבער זיי האָבן געמוזט נאָכגעבן. דאָסמאָל, האָב איך געהערט, איז זייער געשפּרעך געפירט געוואָרן אין אַ לייכטן טאָן, ווייל מ׳איז דאָך געווען איבערצייגט, אַז יידן ווערן טאָקע געמאָרדעט מיט אויסרעכענונג, מיט אַ פּלאַן, אַז דער טויט־אורטייל איז אַרויסגעטראָגן אויפן גאַנצן פאָלק — אָבער זיי מיינט מען נישט. זיי וועלן אַלע איבערלעבן; עס וועט אַפילו נישט בלייבן אַן עדות, וואָס זאָל זיי קאָנען באַשולדיקן.

פון די פאַרשידענע אַרבעט־פּלעצער אין שטאָט דערטראָגן זיך טרויעריקע נייעסן. די שקלאַפן־אַרבעטער, וואָס מ׳האָט געמיינט אַז די דייטשן נייטיקן זיך אין זיי אַזוי שטאַרק, ווערן צוגענומען — און מען ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. בעצם,

ווייסן ווייסט מען יאָ, נאָר ס׳איז גיכער זיך אָנגעשטויסן, געלערנט זיך טרעפן, ווייל די רוצחים האָבן דאָך נישט געמאָלדן אָפיציעל, אַז מ׳גייט אומברענגען. נאָר לויט געוויסע סימנים איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז מען גרייט די ליקווידאַציע. ביי דער גרופּע עלעקטריקערס אויף ליפּאָווע, צו וועלכע איך האָב געהערט, האָט מען פּלוצום צוגענומען די גוטע צווענגלער, שרויפנציערס, בויערערס און העמערלעך. די כלים האָבן מיר געטראָגן מיט זיך, אין די רוקזעק, נאָר לעצטנס הייסט מען אַלץ איבערלאָזן. אונדז שיינט, אַז מן הסתמא וועט מען אויך די אַרבעטער הייסן בלייבן, כדי זיי טראַנס־פּאָרטירן אין מיידאַנעק.

יעדער טאָג איז פול מיט איבעראַשונגען און אומגליקן. פאַר־שידענע מחשבות לויפן אַרום אין קאָפּ. צוריקגיין אין געטאָ, זיין צוזאַמען מיט דער משפּחה איבער נאַכט? מען שמועסט, אַז מאָרגן דאַרף זיין אַן אַקציע. אַזאַ נייעס מאַכט שוין נישט קיין שטאַרקן איינדרוק אויף די אומגליקלעכע יידן, ווייל אַ טייל האַלט, אַז איידער לעבן מיט צרות, פּיין און אומזיכערקייט, זאָל בעסער קומען דער טויט און אַ סוף מאַכן צו דעם אַלעמען!

איך מיין, אַז אַלע יידן וועט דער צורר נישט אומברענגען. ס׳וועט זיך דאָך ראַטעווען אַ געוויסע צאָל, אַז די וועלט זאָל האָבן וועמען פאַרצוואַרפן אַלע חטאים... אפשר וועל איך זיין איינער פון די ניצול געוואָרענע? נאָך די אומצאָליקע סעלעקציעס, דער־שיסונגען און אַקציעס, זענען פון די איבער פערציק טויזנט יידן אין לובלין, געבליבן אין מיידאַן־טאַטאַרסקי נישט מער ווי אַ צוויי טויזנט. פאַרלויפיק באַלאַנג איך און מיין משפּחה צו די איבער־געבליבענע — אפשר וועט מען דערלעבן דעם סוף פון קריג און אויך דעם ווייסטן סוף פון היטלערן?

נאָר אויב באַטאַג, אויף די אַרבעט־פּלאַצוווקעס, האָט מען נאָך געטראַכט ווי אַזוי זיך ראַטעווען, איז געננג געווען זיך אומצוקערן אין געטאָ, כדי אַריינצופאַלן אין פולשטענדיקן יאוש און מיט הכנעה

וואַרטן אויפֿן טויט. אַפֿילו די גדולים, וואָס שטייען אָפּט ביים טויער, זענען איצט נישט אַזוי פֿריילעך און האָפֿערדיק. די דערשלאָגנקייט לאָזט זיך פֿילן אין דער לופֿט. נישט אַנדערש — דער סוף איז נאָענט.

צוויי מעת־לעת אין אַ בונקער

אין יענע האָפֿענונגלאָזע טעג, פֿאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אויסגראָבן אַ בונקער, באַזאָרגן מיט אַ באַהעלטעניש די מאַמען, באַלטשען, מיין ברודער שלמה און זיך.

— אַ בונקער? — פֿרעגט די מאַמע אַ דערשטוינטע. — ווער וועט באַזאָרגן עסן? און ווי איז מעגלעך זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון די מערדערס? מיטן ליקווידירן דאָס געטאָ, וועלן זיי זוכן און נישטערן אין יעדער שטוב, בוידעם, קעלער...

מיר האָבן געוווּסט, אַז די מאַמע איז גערעכט. ווי דערפֿאַרענע, וואָס האָבן אַליין דורכגעמאַכט עטלעכע אַקציעס, האָבן מיר געזען, ווי די רוצחים האָבן ממש אונטערגעהויבן פּאָדלאָגעס און געהאַקט ווענט, אויב זיי האָבן געהאַט אַ פֿאַרדאַכט, אַז דאָרטן באַהאַלטן זיך יידן. אויך באַלטשען איז נישט געפֿעלן דער פּלאַן פֿון אַ בונקער. דאָך איז מיר געלונגען זיי איבערצוצייגן אין דער נויטווענדיקייט פֿון אַזאַ באַהעלטעניש. איך האָב געגלויבט, אַז אַזאַ געוואַגטער פּלאַן, וואָס פֿלעגט אָפּט אויפֿבליצן אין מיין געדאַנק זינט דעם מלחמה־אויסברוך, מוז געלינגען.

שלמהלע און איך נעמען זיך צו דער אַרבעט. אין דעם קליינעם קיך־שטיבל פֿון דער צוויי־צימער וווינונג וועלכע מיר האָבן באַקומען אין געטאָ, נעמען מיר אַרויס די אונטערשטע פּאַליצע פֿון אַן איינ־געמויערט קרעדענסל וועלכן ס׳האָט געלאָזן דער פֿריערדיקער איינוווינער און מיר הייבן אָן גראָבן די ליימיקע ערד. בשעת מעשה

טראַכט איך: ווער ווייסט צי מיר גרייטן נישט דאָ אַ קבר פאַר דער משפּחה, ווייל די דייטשן האָבן מיט הינט אָדער מיט קלאַפּן פון זייערע שטיוול און טאַנצן אויף דער פּאָדלאָגע, געפּרוווט אַנטדעקן, צי איז נישט דאָרט הויל. מיר אַרבעטן פלייסיק מיט די לאָפּעטעס, בעת די פרויען טראָגן אַוועק די ערד אין דרויסן און צעשאַרן זי אַרום דער הייזקע, צו לאָזן וואָס ווייניקער שפּורן. נאָך עטלעכע שעה שווערע אַרבעט, זעען מיר די קאָנטורן פון בונקער — צוויי מעטער די טיף און אַנדערהאַלבן מעטער די ברייט, אָבער נאָך נישט אויפגעמפּעיק. עס האָט זיך געפּאָדערט נאָך עטלעכע נעכט, ביז די באַהעלטעניש איז געווען פאַרטיק פאַר די פיר מענטשן, איזאָלירטע פון דרויסן, אָן דער קלענסטער האָפענונג, אַז עמעץ וועט דערלאַנגען עסן, אַ ביסל וואַסער, הילף.

איין נאַכט איז געפאַלן אַ רעגן און פאַרווישט די שפּורן פון דער צעשאָטענער ערד. דעם סוד פון בונקער האָבן נאָר געוווּסט מיר פיר — און געוואַרט אויפן מאָמענט דאָרט אַריינצוגיין און זיך „באַגראָבן לעבעדיקערהייט", ווי די מאַמע האָט זיך אָפט אויסגעדריקט.

דער מאָמענט איז געקומען — נאָך די ימים נוראים, אין אַ קאַלטן נאָוועמבער־טאָג. אין דרויסן איז נאָך געווען ווייט צום טאָג־שיין, נאָר אין געטאָ און אויסער איר האָט זיך גענומען רודערן. די ליטווינער און ס.ס.־רוצחים שטעלן אַרום דאָס געטאָ, יידישע פּאָליציי קלאַפּט אין די טירן און פענצטער:

— אַלע אַרויס צום זאַמל־פּונקט!

אַלע?! ניין, מיר נישט. אייניציקווייז לאָזט מען זיך אַראָפּ אינעם בונקער, מיט אַ גאַר קליינעם זאַפּאַס עסן, אַ סלאָי וואַסער און ליידיקן עמער פאַר די באַדערפעניששן. דאָס קרעדענסל פאַרדעקט אונדז, צו אונדזערע אויערן דערטראָגן זיך אָבער אָפּהילכן פון ביקסן־שאָסן, געשרייען און אַ געיאָמער. יעדע מינוט זעט אונדז אויס ווי אַ שעה, און יעדע שעה — אַן אייביקייט. מיט אַמאָל הערן

מיר גאָר נאָענט אַ טומל, אַ גערעדערייַ, וואָס דויערט נישט לאַנג. די דייטשן פאַרלאָזן אונדזער דירה און מיר בלייבן אין דער באַהעלטעניש.

ווידער אַ נס — טראַכט איך. פון וואַנען דער אײַנפאַל צו גראָבן אַ בונקער, אָן דרויסנדיקער הילף, אָן דער האָפענונג צו באַזאָרגן זיך מיט שפּייַז און וואַסער אויף אַ לענגערער צייט, אָן געווער צו פאַרטיידיקן זיך, אין פאַל מען אַנטדעקט אונדז? איצט זעט מיר אויס דער גאַנצער פּלאַן אַוואַנטוריסטיש, נאַריש, אומבאַרעכנט, אָן דער קלענסטער האָפענונג דאָ איבערצולעבן. מיר קומט פאָר, ווי קליינע קינדער וואָלטן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. איין קינד האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן, בעת די אַנדערע האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, אַ קאַמער, אַ קעלער — אָבער תמיד האָט מען זיי אַנטדעקט, אָדער זיי האָבן זיך אַליין אַנטפּלעקט. אויך מיר וועלן טאָן דאָס זעלבע — פאַרלאָזן דעם בונקער, אויפהערן זיך שפּילן אין באַהעלטעניש מיטן אַכזריותדיקן דייטש.

נאָכן אָפּזיין אין בונקער צוויי מעת־לעת, אָן וואַסער און ברויט, האָב איך גאַנץ פרי ריזיקירט און דורכן פענצטערל פון אונדזער וווינונג געכאַפּט אַ בליק אין דרויסן. אַזוי טאַקע האָב איך זיך פאַרגעשטעלט דעם אויסזען אין געטאָ: אַלע טירן־פענצטער זענען געווען אויפגעפּראַלט, די גאַסן — ליידיק. פּלוצום דערזע איך ווי אַ באַוואָפנטער ליטווינער פירט אַ פרוי, וועלכע ער האָט אַנטדעקט ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש. אַ דייטש ווידער עסקאָרטירט אַן עלטערן ייד מיט זיין פרוי. ביים טויער שטייט שוין אַ גרופּע געכאַפּטע מענער, פרויען און יוגנטלעכע, וואָס מ׳וועט זיי אַוודאי באַלד אַוועקפירן אין שכנותדיקן מיידאַנעק. לויט די באַזונדערע שאָסן וועלכע איך הער איצט, איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז מן הסתמא שיסט מען אַ ייד, וועלכן מ׳האָט נאָר וואָס אַרויסגענומען פון אַ באַהעלטעניש.

ווידער באַפאַלט מיך אַ יאוש: אפשר איז די דערשאָסענע און אומגעקומענע בעסער פון אונדז? צו זייערע ליידן און פּיין האָט

גענומען אַ סוף. ווי נאָך לאַנג וועלן איך מיט דער משפחה זיך מאַטערן אין שטענדיקן ציטער און פּחד פאַרן מאָרגן? וואָס איז דער אונטערשייד, צי דער טויט קומט היינט, אָדער מאָרגן? ער איז דאָך במילא אומפאַרמיידלעך! ווידער פאַלט אַ שנעלע דעציזיע. איך הייב אויף די פּאַליצע פון קרעדענסל און שריי אַריין אין בונקער:

— קינדערלעך, קומטס!

איך האָב נישט לאַנג באַדאַרפט וואַרטן אויף דער מאַמען, פרוי און ברודער. אויך זיי זענען דערגאַנגען צום זעלבן אויספיר, אַז עס האָט נישט קיין זין צו באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט, אָן דער אויסזיכט אויסצומיידן די מערדערישע הענט.

מיר זענען אַרויס אין דרויסן און פאַר אַלעמען טיף־טיף איינגע־אָטעמט אין זיך אַ ביסל פרישע לופט, אָפּגעווישט דעם שוויס פון פּנים, אָפּגעשאָקלט דעם ליים און שטויב פון די בגדים. איך נעם די מאַמען אונטערן אָרעם, באַלטשן נעם איך אָן מיט דער צווייטער האַנט — און אַלע פיר לאָזן זיך צום טויער, ווו עס וואַרטן די יידן צום אַוועקשיקן אין דער גאַז־קאַמער פון מיידאַנעק...

אונטערגעקויפט דעם ס.ס.־מאַן ביים טויער

מיר האָבן נישט קיין סך צו גיין, ווייל אונדזער הייזקע איז געשטאַנען נישט ווייט פונעם הויפּט־אַריינגאַנג אין געטאָ. מיר דער־נענטערן זיך צו די אומגליקלעכע, פאַרצווייפלטע, צעבראָכענע מענטשן, וואָס האָבן געוווּסט וואָס זיי דערוואַרט. אויך אַ קליין קינד האָב איך באַמערקט צווישן דער גרופּע, וואָס אַ טייל פון זיי האָט זיך אייגנוויליק צוגעשטעלט צום טויער, ווי מיר. דערזעענדיק דאָס קינד, האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער דוד׳לען, וועמען מ׳האָט

ערשט ניט לאַנג אַנגעטרויט אַ קריסטלעכער פרוי. צי די דערינערונג װעגן קינד, צי עפּעס אַן אַנדערער אימפּולס האָט מיך געגעבן אַ שטויס — איך דערנענטער זיך צום דײַטשן װאַכמאַן ביים טויער, װעמענס מונדיר זאָגט אויס, אַז ער געהערט צו דער פאַרברעכערישער ס. ס. נישט אַרויסריידנדיק קיין װאָרט, שטופּ איך אים אַרײַן אין האַנט אַ פּעקל באַנקנאָטן, עטלעכע הונדערט זלאָטיס, מײַן גאַנצער פאַרמעגן דעמאָלט — — — און אַלע פיר גייען אַרויס פון טויער, גלײַך נישט אונדז מיינט מען.

אַן װעלכן פּלאַן, אָן אַפילו אַרויסריידן צווישן זיך אַ װאָרט, נאָכן אָפּגיין עטלעכע צענדליק מעטער אויף אַ פעלד — לאָזט זיך יעדער באַזונדער זײַן װעג. איך בין געפּלעפט פון דעם װאָס ס׳איז געשען. איז מעגלעך, אַז דער ס.ס.־מאַן האָט אַלע פיר געלאָזט אַרויסגיין פון געטאָ? האָט אים אַ מלאך פאַרשטעלט די אויגן, אָדער האָט דער זעלבער מלאך אונדז פאַרוואַנדלט אין „זייערע" מענטשן, אַז קיינער פאַרהאַלט אונדז נישט?

איך האָב ניט געוווּסט ווו האָבן די מאַמע, מײַן פרוי און ברודער זיך געלאָזט, יעדער באַזונדער, נאָך דער צעשיידונג, פּונקט ווי איך האָב נישט געוווּסט, אין װעלכער ריכטונג זיך װענדן. צו װעמען האָב איך דען צו גיין? די שטאָט איז שוין אויסגעליידיקט פון יידן. קיין געלט האָב איך נישט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן די ערשטע נאַכט — אויך נישט. נאָר אַ געהיימער כוח שטויסט מיך פאָרויס: „גיי, גיי, עס וועט שוין גוט זײַן"!

איך גיי אַדורך די פאַבריטשנע גאַס, קום צו צו דער בריק איבערן טײַך ביסטזשיצע און ווי נאָר איך טרעט אַרײַן אין דער זאַמויסקע־גאַס, גייט מיר אַנטקעגן אַ בחור װאָס טראָגט אויפן קאָפּ אַ מאַטשעיוווקע, אַ קיילעכיק היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, מיט װעלכן ס׳האָבן זיך באַנוצט פּויערים און דאָס פּשוטע פאָלק. איך בין זיכער, אַז דער גוי וועט מיך נעמען שאַנטאַזשירן און איבערגעבן די דײַטשן. ער דערנענטערט זיך, איך װאַרף אַ בליק און דערקען

גלייך מיין חבר יוסף ראָזען, מיט וועמען כ׳האָב געלערנט אין כהנ׳ס בית־המדרש. הגם מיר האָבןביידע געהאַט די היטלען אַראָפּגעלאָזט נאָענט צו די אויגן, האָט אויך ער מיך דערקענט. ער דרייט זיך אויס און נעמט שפּאַנען צוזאַמען מיט מיר. ער פרעגט:

— ווּ גייסטו?

— איך ווייס נישט — איז מיין ענטפער.

— איך ווייס אויך נישט — זאָגט יוסף. — לאָמיר נישט קיין סך ריידן צווישן זיך. די פּלאַקן אין גאַס וועלן אונדז אַנטדעקן און אויסליפערן די היטלעריסטן. לאָמיר גיין אויפן בית הקברות אויף דער אוניצקע גאַס, דאָרט איבערנעכטיקן די ערשטע נאַכט און דערנאָך באַשליסן וואָס ווייטער.

מיר שפּאַצירן געמיטלעך איבער דער זאַמויסקע און קרו־לעווסקע גאַס און קומען צו צום שטאָט־זייגער. עס איז 5 פאַרנאַכט. מיט אַמאָל באַפאַלט מיך אַ הונגער, ווייל שוין עטלעכע טעג ווי כ׳האָב כמעט נישט געגעסן. נאָר אַז מען נעמט טראַכטן אין וועלכער לאַגע איך געפין זיך, פאַרגעסט מען אינעם עסן.

דורך די גאַסן נאָווע און לובאַרטאָווסקע צוגעקומען צו דער געביידע פון דער באַרימטער ישיבת חכמי לובלין, ווּ דער לימוד התורה איז שוין פון לאַנג פאַרשטומט געוואָרן. פון דאַנען איז שוין נישט ווייט צום בית עלמין. קומענדיק אַהין, דערזע איך ווי שאָטנס דרייען זיך אַרום צווישן די מצבות. נאָך אַזעלכע אומגליקלעכע ווי איך, זוכן דאָ אַ מקלט. די זון נעמט זיך זעצן און ווי נאָר עס ווערט טונקל, טרעפן זיך עטלעכע יידן אינעם טהרה־שטיבל. די פאַראָס־טעטע טיר פאַרמאַכט זיך מיט אַ שטאַרקן סקריפּען. איינער זעצט זיך אַוועק אויפן טהרה־ברעט, אַן אַנדערער — אויף דער צעמענ־טענער פּאָדלאָגע, אַ דריטער — אויפן פענצטער, ווּ עס שטייען נאָך עטלעכע נישט אויסגעברענטע ליכט פון דער לעצטער לווייה, וועלכע איז אַוודאי פאַרגעקומען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, ווייל

די דייטשן האָבן שוין פון לאַנג געהאַט פאַרבאָטן קובר צו זיין אויף דעם בית־עלמין.

אויפן טאַטנס קבר

איידער ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, גיי איך אַרויס פון טהרה־שטיבל, קום צו צום אהל פון לובלינער רב הרב מאיר שאַפּירא זצ"ל, ווו דערנעבן, אויף דער לינקער זייט, האָב איך דאָ נישט לאַנג געברענגט צו קבר ישראל מיין טאַטן, וואָס איז נפטר געוואָרן אין מיידאַן־טאַטאַרסקי. איך לאָז זיך אַראָפּ אויף דער ערד, ביים טאַטנס קבר און מיט טרערן און געוויין דערצייל איך דעם נפטר וואָס מיט אונדז איז פאָרגעקומען אין די לעצטע 3 טעג, ווי אַזוי די משפחה איז זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען, איינער ווייסט נישט פון אַנדערן. זיי זענען אָן געלט, אָן עסן, געפאַרן לויערן אומעטום. „טאַטע, העלף אונדז! דו קאָנסט אונדז העלפן!" — בעט איך דעם פאָטער, גלייך ער וואָלט געשטאַנען פאַר מיר אַ לעבעדיקער און מיר שמועסן זיך אויס ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן.

מיט אַ לייכטערן געמיט בין איך צוריק אַריין אין טהרה־שטיבל. איינער פון אונדז איז געלעגן אויף דער קאַלטער פּאַדלאָגע און געשמאַק געכראָפּעט. די וואָס זענען געוועזן וואַך, באַראַטן זיך: וואָס טאָן, ווו גיין? קיינער האָט נישט קיין דעצידירנדיקן ענטפער. יוסף דערציילט, ווי אַזוי ער איז דורך דער דראָט־פאַרצאַמונג אַרויס ביינאַכט פון געטאָ אומבאַמערקט פון די היטערס און שוין 2 טעג ווי ער דרייט זיך אַרום אין גאַס אָן אַ ציל, אָן אַ תכלית. דער דאַמען־שניידער טורנער וואָס געפינט זיך מיט אונדז אין טהרה־שטיבל דערציילט, אַז צומאָרגנס נאָך דער גרויסער ליקווידאַציע, האָט מען אַלע יידן אַוועקגעפירט אין מיידאַנעק. ער מיט נאָך עטלעכע יידישע

שניידערס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער געסטאַפּאָ, האָבן געוואַרט אין מיידאַן טאַטאַרסקי מען זאָל זיי נעמען אויף זייער אַרבעטס־פּלאַץ, ליפּאָווע 7. וואַרטנדיק, האָט ער געזען ווי מ׳האָט אין מיידאַן טאַטאַרסקי דערשאָסן דעם פּרעזעס פון יודענראַט ד״ר אַלטען און זיין פרוי, שמאי גראַיער מיט זיין פרוי און דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, מאַניעק גאָלדפאַרב. זייערע רוצחים זענען געווען זייערע נאָענטסטע „גוטע ברידער״ פון דער געסטאַפּאָ. אַלע זענען אומגעקומען ביי שמאי גראַיערס רעסטאָראַן, וווּ מ׳האָט צוזאַמען געגעסן און געשיכורט. אויפן צווייטן טאָג האָבן די דייטשן אָוועקגעפירט אויף אַ לאַסט־אויטאָ אַלע יידישע פּאָליציאַנטן.

איך נעם דערציילן ווי אַזוי כ׳בין מיט נאָך דריי מענטשן אַרויס פון געטאָ — נאָר מיינע צוהערערס טענה׳ן: „אומגלויבלעך, אומגלויבלעך״. אָבער טורנער באַשטעטיקט, אַז ער האָט אַליין געזען ווי איך מיט דער משפחה זענען אַרויס פון טויער, הגם ער און אַנדערע האָבן בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי איז דאָס געשען. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט נאָך אַ ייד געוואָלט פאַרלאָזן דאָס געטאָ אויף אַזאַ אופן, נאָר דער זעלבער ס.ס.־מאַן וואָס האָט אונדז אַרויסגעלאָזט, האָט ביי יענעם ייד גענומען דאָס געלט און אים דערשאָסן.

מיר שטעלן ווידער די פראַגע: וואָס ווייטער? וווּ געפינט מען אַ זיכערן אָרט?

דער שלאָפנדיקער ייד וועקט זיך איבער, אַ צאָן אין אַ צאָן קלאַפּט ביי אים פון קעלט. ער הערט ווי מיר פרעגן: וווּ זיך אַהינטאָן? — איז זיין ענטפער:

— מיינער אַ שוואָגער איז באַשעפטיקט אין דער שמאַטשאַרניע ביי דעם ייד גרין. דאָרט זענען קאָשאַרירט עטלעכע צענדליק יידן, וואָס אונטער דייטשישער אויפזיכט סאָרטירן זיי און פּאַקן די בגדים פון די אויסגעמאָרדעטע יידן. אויפזעער איז לייבעלע אַהראָנסאָן,

דער זון פון ר׳ אַהרון ברוך אהראָנסאָן, אַ באַוווּסטער חסידישער ייד און בעל־צדקה פון פאַר דער מלחמה.

דערהערנדיק דעם נאָמען, איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ, ווייל מיט לייבעלע אַהראָנסאָן האָב איך אָנגעהערט צו דער אָרגאַניזאַציע צעירי אגודת ישראל. מיר זענען זיך צונויפגעקומען אין בית־המדרש פון די מאַלאַרעס אויף שעראָקע גאַס נומער 34. איך באַשליס גאַנץ באַגינען צו לאָזן זיך מיט הינטערגאַסן צו גרינען.

מיר ווילן זיך אַוועקלייגן אויף דער פאָדלאָגע און פּרובירן שלאָפן אַ שעה־צוויי. דערהערט זיך אַ סקריפּ פון דער טיר. אין דער פינצטערניש באַווייזט זיך אַ געשטאַלט. מיר פרעגן דערשראָקענע: „ווער איז דאָרט?״ דער יונגערמאַן שטעלט זיך פאָר:

— שטאַגעל. מיין טאַטע האָט געהאַט אַ געשעפט פון פאַרטיקע מלבושים אויף דער נאָוואָלי־גאַס.

איך האָב געקענט די משפחה. זיין פאָטער און ער האָבן געדאַוונט אין דער מהר״ם־שיל, וווּ מיין פאָטער איז אַ סך יאָרן געווען בעל־מוסף און איך האָב אים אונטערגעהאָלפן, ווי איינער פון די משוררים. מיט דעם יונגערן שטאַגעל זענען מיר געווען באַפריינדעט. איך האָב אים פאַרבעטן צו דער „סעודה״, וועלכע איז באַשטאַנען פון רויטע אַגרעס און ווייַנפּערלעך, וואָס זענען ווילד געוואַקסן אויפן בית־הקברות און מיר האָבן באַוויזן אָנצורייסן פולע קעשענעס. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט קיינער נישט גענומען אין מויל אַריין די דאָזיקע געוויקסן, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, זייער ביטערקייט און אומרייפקייט. צווייטנס, האָט דערציילט אַ לעגענדע, אַז די רויטע ווייַנפּערלעך און אַגרעס זענען בעצם דאָס בלוט פון די מתים וואָס רוען אויפן בית עלמין — און ווער וועט דאָס וואַגן צו דערנערן זיך מיטן בלוט פון געשטאָרבענע? איך האָב זיך דערמאָנט, ווי יעדן תשעה באָב זענען מיר געגאַנגען אויפן אַלטן בית החיים אין לובלין, אויף די קברים פון די גדולי הדור און דאָרט

געזאָגט תהילים. אַז אַ קינד האָט זיך פאַרגלוסט אָפּצורייסן אַגרעס צי אַ שטענגל ווײַנפּערלער, האָט מען אים געוואָרנט, ער זאָל עס נישט טאָן. איצט אָבער מאַכט מען זיך פאַרגעסן דעם פאַרבאָט פון טאַטע־מאַמע. דער הונגער נאָגט און אויך מאָרגן און אין די ווײַטערדיקע טעג — אויב מען וועט לעבן — זעט זיך נישט פאַר אַ נאָרמאַלער פרישטיק, צי אַ מיטאָג.

שטאָגעל אַנטפּלעקט מיר אַ סוד, אַז אויך ער האָט באַשלאָסן זיך אַרײַנצובאַקומען צו די שמאַטעס — און מיר דעצידירן ביידע זיך לאָזן אין וועג אַריין, ווי נאָר ס׳וועט אָנהייבן טאָגן.

ביי גרינ׳עץ פון די שמאַטעס

איבער אַ שעה האָט געדויערט דער וועג, אויף וועלכן מיר האָבן געטראָפן עטלעכע פויערטעס וואָס האָבן געטראָגן זייערע פּראָדוקטן צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. זיי האָבן זיך געשושקעט און ס׳איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס מיינען זיי אונדז. איינע האָט אפילו געוואָרנט:

— „אוואָזשייטשע, לאַפּיאָן זשידווו״... („טוט אַכטונג, מען כאַפּט יידן״).

צוגעקומען צו דער שמאַטשאַרניע, איז ניט געווען קיין פּראָבלעם אַרײַנצוגיין אינעווייניק. יידן האָבן אונדז אַרומגערינגלט און געוואָלט וויסן וואָס איז פאַרגעקומען אין געטאָ. מיר האָבן זיי אַלץ דערציילט. רופט זיך אָן איינער:

— מיינט נישט אַז דאָ איז אַ פעסטונג, וואָס וועט אייך ביידע און אונדז באַשיצן. אויך מיר דערוואַרטן יעדן טאָג, מ׳זאָל אונדז נעמען אין מיידאַנעק. נאָר אַ דאַנק דעם וואָס אונדזער בעל־הבית, דער דייטש איז אַ גוטער ברודער מיטן פּאָליציי־שעף גלאָבאָצניק,

לאָזט ער דערווייל דאָ זיין די קאַשאַרירטע יידן, בפרט, אַז מיר האָבן נישט געענדיקט סאָרטירן אַלע שמאַטעס.

איך זוך אויף לייבעלע אַהראָנסאָן, דערצייל אים וואָס ס׳האָט פּאַסירט און בעט ער זאָל מיך לאָזן אַרבעטן. מיין חבר דערקלערט, אַז ס׳איז אַן אוממעגלעכע זאַך, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ גענויער רעגיסטער פון די באַשעפטיקטע, 2 מאָל אין טאָג קומען פאַר אַפּעלן און אויב מען וועט אַנטדעקן אַן אומלעגאַלן ייד, וועט ער און אַנדערע באַצאָלן דערפאַר מיטן לעבן.

ער גיט איבער מיך מיט שטאַגלען צו עטלעכע יידן, וואָס דערלאַנגען עפּעס אָפּצועסן און באַהאַלטן אונדז צווישן גרויסע באַלן שמאַטעס, דער דייטש זאָל אונדז נישט באַמערקן, אַנדערש דערוואַרט אונדז דער זעלבער גורל וואָס די בערך הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך דאָ אַריינבאַקומען אומלעגאַל און מען דאַרף זיי היינט־מאָרגן טראַנספּאָרטירן צום אומקום.

מיר זענען געלעגן אַ געוויסע צייט באַהאַלטן צווישן די שמאַ־טעס, דערנאָך פּרובירט פאַרפירן אַ שמועס, נאָר די יידן האָבן געציטערט קוים ווערן מיר אַנטדעקט און וועלן ברענגען אויף זייערע קעפּ נייע צרות.

אַרום 7 אָוונט איז פאַרפאָרן אַן אויטאָבוס מיט זשאַנדאַרן און עטלעכע דזשיפּן מיט געסטאַפּאָ־לייט. מען האָט אַרויסגעטריבן אַלע אומלעגאַלע יידן, געהייסן זיי אויסשטעלן אין רייען. איך האָב זיך געשטעלט אין דער אונטערשטער ריי, נאָר מיר איז נישט שווער געווען צו דערקענען די גוט באַקאַנטע רוצחים פון ליפּאָווע 7: מאָהרווינקעל, שראַם, האַנטקע, פאַספּעשיל און אַנדערע. צומערשט האָבן זיי געפרעגט איינצלנע יידן פון וואַנען זיי קומען, ווי אַזוי איז מען אַנטלאָפן און אַנדערע פראַגן. נאָר די אויספאָרשונג האָט נישט גענומען קיין סך צייט. זיי האָבן אַרויסגענומען די רעוואָלווערן און גענומען שיסן אין די אויסגעשטעלטע יידן.

דעם אמת געזאָגט, בין איך יענעם מאָמענט געווען רואיק

און גלייכגילטיק וואָס ענדלער נעמט אַ סוף צו דיליידן. וויפל איז דער מענטש מסוגל אויסצוטראָגן? מיין משפחה איז נישטאָ, ווו צו אַנטלויפן — האָב איך נישט. די אויסזיכטן צו באַקומען אַ שטיקל ברויט, אַ נאַכטלעגער, אַ גוט וואָרט — זענען פאַרשווונדן צוזאַמען מיט די קדושים, וועלכע דער נאַצי־מערדער האָט אומגעבראַכט.

מיט יעדן שאָס זע איך ווי עס פאַלט אַוועק אַ קרבן — רעכטס, לינקס, אויפן רוקן, אַמאָל ציט ער זיך אויס פאַרויס, אין דער גאַנצער לענג. די רוצחים גייען קאַלטבלוטיק אָן מיט זייער מאָרד־מלאכה, גיבן נישט אַפילו אַ פינטל מיטן אויג.

איך שעפטשע אַ תפילה: אשמנו, בגדנו, גזלנו — אַ מין ווידוי, נאָר קלאַפּ נישט מיטן האַנט אין האַרץ. בעת מען שיסט לעבן מיר יידן, ברענגט מען גלייכצייטיק נאָך אויסבאַהאַלטענע, וועלכע מען האָט אַנטדעקט אין דער שמאַטשאַרניע. לעבן מיר שטייט דער לובלינער ייד האַלצבערג, אַן איידעם פונעם זאַלץ־סוחר פרידמאַן פון דער שוויענטאָדוסקע גאַס, נאָענט פון מיין פאָטערס געשעפט. מיר ווייסן ביידע וואָס אונדז דערוואַרט אין אַ מינוט אַרום, נאָר עס זעט אויס ווי אַן אייביקייט. פלוצום דערהערן מיר ווי אַ דייטש באַפעלט:

— דאָס איז אַללעס!...

דעם באַפעל גיט דער געסטאַפּאָ־אָפיציר קליין. אים רינגלען אַרום עטלעכע ס.ס.־לייט, זיי פאַרפירן אַ געמיטלעכן שמועס מיט איינדרוקן פון עטלעכע עקזעקוציעס, אַדורכגעפירטע אין דער לעצ־טער וואָך: וויפל ווער ס'האָט געשאָסן, ווי אַזוי די קרבנות האָבן רעאַגירט און פאַרפעלן נישט צו דערבייצו דערציילן אויך קאָמישע מאָמענטן. דערביי לאַכט מען אויפן הויכן קול, ווי אויף אַ פרייליכער פאַרוויילונג.

דער מערדער מאַהרווינקעל באַרימט זיך, ווי ער האָט מיט אַ נאַכט פריער שווער געאַרבעט מיט זיין געווער, ביים אומברענגען עטלעכע טראַנספּאָרטן יידן פון שטעטלעך אַרום לובלין. איין יודען־

עלטסטער, דערציילט מאַהרווינקעל, מיט זייערן אַ יידישן פּאָליציי־עלטסטן בעטן אַ דערלויבעניש צו שטעלן אַ פּראַגע. איך ענטפער זיי „ביטע" — און די צוויי דערציילן, אַז אין זייער שטעטל האָט דער אָרטיקער דייטשער קאָמענדאַנט פאַרשפּראָכן, אַז די יידן ווערן געשיקט אין אַן ערהאָלונגס־לאַגער. „אַ, יאַוואָל" — האָב איך זיי געענטפערט. — „איר גייט אַלע זיך ערהאָלען" — און כ'האָב זיי גלייך דערשאָסן.

זיינע מיטשמועסערס צעלאַכן זיך ווידער.

נישט ווילנדיק, בין אויך איך אַ צוהערער פון די גרויל־געשיכטעס, וואָס ביי מיר מאַכן זיי גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן, אָבער די רוצחים זענען זיך גאָר משמח. איך כאַפּ אַ בליק אַרום מיר און זע אַ סך באַקאַנטע פּנימער פון לובלינער יידן, נאָענטע שכנים און פריינד — און טראַכט: רבונו־של־עולם, נו, ווייז עפּעס אַ נס!

ווידער הערן מיר ווי די רעוואָלווערן ווערן געעפנט און גלייכצייטיק אַ שטילן געפּליסטער פון יידן אַרום מיר: „שמע ישראל"! מיט אַמאָל — אַ שיסעריי, געדיכט, מיט אַ סך פייער, איינער פּאַלט אויפן אַנדערן. איך באַקום אַ קויל אין קאָפּ, נישט וויסנדיק געוויי אויף וועלכן אָרט. בלוט נעמט שטראָמען פונעם פּנים, דער קערפּער ווערט שווער, איך פאַל אום מיטן פּנים אַראָפּ און בלייב ליגן אומבאַוווּסטלאָז. דער טויט איז געקומען...

תחית המתים...

עס נעמט טאָגן. די בלאַסע שטערן לעשן זיך אויס, כדי מאַכן אָרט פאַר דער אויפגייענדיקער זון. איך פּרוביר אַ ריר געבן אַ פוס — ער באַוועגט זיך! איך הייב אויף די רעכטע האַנט — הייסט עס, איך לעב! איך לעב! — שרייט אין מיר אַלץ, נאָר אינעווייניק,

בקול דממה דקה. איך לעב! — רעדט שוין מיין מויל אַרויס מיט אַ העכער קול.

— איך לעב! — הער איך ווי אַן עכאָ נאָענט פון מיר. דערהערט אַזאַ קלאַנג ווי פון יענער וועלט, וויל איך עטוואָס אויפהייבן דעם קאָפּ, ער איז אָבער שווער ווי בליי. איך פיל אויך, ווי מיין מויל איז פול מיט בלוט וואָס פליסט אינעווייניק, נאָר איך שלינג עס אַראָפּ. איך וויל זיך אַ דריי געבן אויף אַ זייט, נאָר אַרום ליגן טויטע קערפּערס און האַלטן מיך אין קלעם. איך האָב נישט גענוג כוח צו באַפרייען זיך פונעם באַרג דערשאָסענע וואָס אויף מיר און אַרום מיר.

איך פאַרשטיי, אַז דאָס קול פון מיין לעבעדיקן שכן איז געקומען פון דער נאָענט. איך וועל אים פרעגן, אפשר קאָן ער מיר העלפן זיך אויפהייבן?

— באַלד, וואַרט צו, איך וועל פּרובירן — הער איך אַן ענטפער.

נחום גרין, אַ זון פונעם פאַרמלחמהדיקן אייגנטימער פון דער שמאַטעס־סאָרטירערײַ (מיט וועלכער ס׳האָט איצט אָנגעפירט אַ דייטשער קאָמיסאַר), האָט באַמערקט ווי איך באַוועג זיך. ער העלפט מיר זיך אויפזעצן, ברענגט פון ערגעץ אַ קישעלע, כ׳זאָל האָבן אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. איך פרעג אים, אפשר האָט ער אַ סידורל, כ׳וויל זאָגן ווידוי. נחום ענטפערט, אַז אַזעלכעס איז נישט בנמצא אין דער גאַנצער אונטערנעמונג. ער באַרואיקט מיך:

— דו פילסט זיך גוט, וועסט זיך נאָך ראַטעווען. הער אויף ריידן וועגן ווידוי...

ער גייט אַוועק — און שטאַגעל און איך שטייען אויף די פיס, נאָר אין לוזשעס בלוט, וואָס איז נאָך נישט פאַר־טרוקנט געוואָרן. אַרום אונדז — די דערשאָסענע פון דער נעכ־טיקער עקזעקוציע. אין דרויסן ווערט ליכטיקער און ערשט איצט דערזע איך נאָר טויטע און בלוט, בלוט און טויטע, וואָס ליגן מיט פאַרגלייזטע אויגן, אויפגעריסענע מיילער, געביילטע פויסטן, איינ־

געקאָרטשעטע פּיס. אויסגעלאָשענע יידישע לעבנס וואָס האָבן אַוודאי געהאָפּט, אפשר וועט מען אויסמיידן דעם טויט־אורטייל, וועלכן היטלער האָט אַרויסגעטראָגן אויף אונדזער פאָלק; אפשר וועט מען נאָך דער מלחמה זיך טרעפן מיט דער ניצול געוואָרענער משפחה. איך זע אָבער אַרום זיך דערמאָרדעטע קרבנות, וואָס זייער בלוט שרייט צום הימל, ווי אין פּסוק שטייט, נאָך דעם ווי קין האָט דערמאָרדעט הבל׳ן: „קול דמי אחיך צועקים אלי"... איך חזר איבער די ווערטער מיט אַ צוגאָב: בלוט, בלוט, בלוט...

שטאַגעל האָט אין דער אויבערשטער ליפּ באַקומען די קויל וואָס איז אַרויס דורכן רוקן, נישט ווייט פון קאַרק. ער, ווי איך, זענען דאָך ערשט נעכטן געקומען אַהער פון בית הקברות צו געפינען אַ רעטונג, נאָר אַנשטאָט דעם געטראָפן דעם מלאך המות.ביידע האָבן מיר פאַרלוירן אַ סך בלוט, אָבער מיט איבערמענטשלעכע כוחות איז דאָך געלונגען צו באַפרייען זיך פונעם באַרג טויטע. מיר איז שווער צו שטעלן אַ טריט, נאָר שטאַגעל דערמוטיקט מיך און וואָרנט:

— לאָמיר זיך שוין אָפּטראָגן פון דאַנען. די דייטשן וועלן אַוודאי קומען אַהער צונעמען די טויטע. אויב זיי געפינען אונדז דאָ — זענען מיר געענדיקט.

שטאַגעל איז גערעכט, נאָר איך קאָן נישט שטעלן קיין טריט. אין משך פון דער נאַכט האָב איך געהאַט אַ שטאַרקן בלוט־שטורץ, ווייל די קויל איז דורך מיין מויל אַרויס פון קאָפּ, אונטן. אַ גליק איז געשען, וואָס אויף מיר זענען געלעגן אַנדערע קערפּערס, וואָס האָבן צוגעדריקט דאָס פּנים צו דער ערד און געהאַמעוועט דעם בלוט־אָפּפלוס. איך האָב געגלויבט, אַז אויב כ׳בין מסוגל זיך אויפצוהייבן, וועל איך אויך באַוועגן די פיס.

מיר ביידע שאַרן זיך צום אַרויסגאַנג פונעם אָפּגעצוימטן שטח, ווו מ׳האָט געהאַלטן די קאַשאַרירטע יידן. מען זעט נישט קיין לעבעדיק נפש. די עלעקטרישע לאָמפּן אַרום פאַרצוימטן שטח

לויכטן נאָך און אַרום די באַראַקן הייבט זיך אָן אַ באַוועגונג. מיר פאַרשטייען, אַז נעכטן האָט מען אומגעברענגט נאָר די „אומ־לעגאַלע" יידן. דאַקעגן די רעגיסטרירטע צו סאָרטירן די שמאַטעס, האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט.

מיר לאָזן זיך אין ווייטערן וועג. בעצם, איך קריך מער ווי איך גיי. נאָך יעדע עטלעכע שריט, מוז מען זיך אָפּרוען. אָבער וווּ גייט מען? צוריק אין טהרה־שטיבל? דערוויל דאַרף מען זען וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. אַז מיר דערנענטערן זיך צום שאָסיי, דערזע איך עטלעכע ס.ס.־לייט וואָס שטייען דאָרט און היטן. מיר ציען זיך צוריק, כדי נישט באַמערקט צו ווערן פון די דייטשן.

מיר רוקן זיך צו צו איינעם פון די באַראַקן און גייען אַריין אינעווייניק. מיר וואַשן אָפּ דאָס בלוט, טוען זיך איבער אין נייע, גוטע מלבושים וואָס האָבן דאָרט נישט געפעלט, וועלכע ס'האָט אונדז געברענגט אַ פּרוי. מען איז אונדז אויך מכבד מיט וואַרעמע קאַווע, נאָר איך האָב זי נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען צוליבן פאַר־וווּנדעטן מויל. דער רוב יידן אין באַראַק רוקן זיך פון אונדז אָפּ ווי פון מצורעים, ווייל זיי, די „לעגאַלע", האָבן מורא צו שטיין אין די ד' אמות פון די „אומלעגאַלע", קוים וועלן זיי דערפאַר באַצאָלן מיט זייערע לעבנס.

אין באַראַק קומט אַריין לייבעלע אַהראָנסאָן. איך בעט אים אונדז העלפן, ער צעפּירט אָבער הילפלאָז די הענט, ווי איינער זאָגט: ביים בעסטן ווילן, קאָן איך, ליידער, גאָרנישט טאָן. איך פאַרשטיי אים, אונדזער זיין דאָ שטעלט זיין לעבן אין געפאַר, ער האָט אַ שטרענגן אָנזאָג פון די דייטשן נישט האַלטן ביי אים יידן וואָס געהערן נישט צו דער „שמאַטעס־קאָמאַנדאָ".

— דאָס איינציקע, ישראל, וואָס איך קאָן טאָן פאַר אייך ביידע איז דאָס, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט מען די געשאָסענע אָוועק־פירן אויף אַ זאַמל־פּונקט נישט ווייט פון דאַנען. פאַרשטייט זיך,

אַז אַלץ וועט געמאַכט ווערן אונטער דער אויפזיכט פון די רוצחים. לייג איך פּאַר, אַז דו און שטאַגעל וועלן זיך אַרויפפּלייגן אויף אַ וואָגן מיט טויטע, נאָר פון אויבן — און ביי דער ערשטער געלע־גנהייט וועט איר אַראָפּ פון וואָגן און אַנטלויפן.

אין אַ שעה אַרום זענען געקומען די באַלעגאַלעס מיט פורן וואָס האָבן געפירט באַלן און פּעק סאָרטירטע מלבושים צו מאַגאַ־זינירן. דאָס זענען געווען די פערד־און־וועגענער, וועלכע מ׳האָט צוגענומען ביי די אויסגעמאָרדעטע יידישע באַלעגאַלעס. מען נעמט וואַרפן די טויטע אויף די פורן, באַגלייט מיט די דייטשע באַפעלן „לאָז! לאָז״! מיר שטייען נישט ווייט פון אַ וואָגן, מען באַמיט זיך וואָס ווייניקער צו וואַרפן אין די אויגן און וואַרטן אַז דער טראַנספּאָרט זאָל רירן פון אָרט. איין ייד זאָגט צו מיר:

— פּעטער, טוט מיר אַ טובה און רוקט זיך אָפּ פון דאַנען. איר זעט דען נישט, אַז איר שטערט מיר אַרויפפּלייגן די טויטע...

איך ענטפער גאָרנישט. דער דייטש באַפעלט „אַפּפאָרן״! לייבעלע אַהראָנסאָן שטעלט אויס ביי יעדער וואָגן פינף באַגלייטערס, נאָר צו די ערשטע צוויי וועגענער שטעלט ער צו מיך און שטאַגלען ווי די זעקסטע. דער לוויה־צוג רירט. איך פיל, אַז כ׳באַגלייט איצט צו אייביקער רו איינע פון די שענסטע יידישע קהילות אין פּוילן.

ווידער אויפן בית־הקברות

די וועגענער פאַרקערעווען אין דער ריכטונג פון אַלטן הייליקן אָרט, אין אָנהייב פון דער פאָרשטאָט וואָליע. מיר נעמען זיך דערווייטערן פון דעם צוג, לאָזן זיך אַריין אין אַ זייטיק געסל און זענען איבערצייגט, אַז די וואַכזאַמע, שפּיזיקע אויגן פון די דייטשן, האָבן אונדז נישט באַמערקט. לייבעלע אַהראָנסאָן האָט גוט געעצהט. עס נעמט נישט קיין סך צייט און איך געפין זיך ווידער אין דער

גוט באַקאַנטער „אַכסניה" — דאָס טהרה־שטיבל אויפֿן בית־הקברות. מיט וועלכן כוח מיר זענען אַהין דערגאַנגען — ווייס איך נישט.

אַגב, שטאַגעל איז געקומען פֿריער פֿון מיר. אויסער אים, האָב איך דאָ געטראָפֿן נאָך עטלעכע ייִדן, וואָס וווּנדערן זיך פֿון דער האַרציקער באַגעגעניש פֿון מיר מיט שטאַגלען, ווייל מיר פֿאַלן זיך אין די אָרעמס און צעוויינען זיך ווי קליינע קינדער.

יחידי־סגולה, וועמען ס'איז אין פֿאַרשידענע ערטער געלונגען אַנטרונען צו ווערן פֿון דייטשישן מלאך־המות, האָבן איצט געפֿונען אַ מקום מקלט אויפֿן... בית־הקברות. יעדער איינער פֿון זיי האָט דערציילט, ווי אַזוי ר'איז ניצול געוואָרן פֿון דער שחיטה און ווי דאָסמאָל האָבן די רוצחים אומגעברענגט טויזנטער ייִדן אין קרעמ־פּיצער וואַלד, אין מיידאַנעק און אין אַנדערע ערטער — מיט אַ באַזונדערער איילעניש. מ'האָט די אומגליקלעכע צונויפֿגעטריבן אויף די עקזעקוציע־ערטער, ווו ס'זענען פֿריער פֿאַרגרייט געוואָרן מאַסן־גריבער און דאָרט זיי געטויט מיט מאַשינגעווער. פֿון די אַלע דערציילונגען, האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט אַן אויפֿשווידערנדיקע סטאַטיסטיק פֿון אַ 25—26 טויזנט אויסגעמאָרדעטע ייִדן, וואָס אַ טייל פֿון זיי איז אויך געברענגט געוואָרן פֿון אַרומיקע שטעט־לעך. דער תליין פֿון לובלינער ייִדנטום, דער פּאָליציי־שעף גלאָבאָצניק, האָט ביי די דאָזיקע אַקציעס געשיקט די קרבנות אויפֿן עולם האמת, אַנגעטוענע אין זייערע בגדים, שיך, ברילן און האַנט־באַגאַזש. קיינער פֿון אונדז האָט נישט געהאַט קיין ענטפֿער אויף דער איילעניש פֿון אומברענגען מענער, פֿרויען, קינדער...

מיר דערציילן די ייִדן וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט אין די לעצטע טעג. זיי ווידער איז געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון מיידאַן־טאַטאַרסקי. פֿון דאַנען זוכט מען אַ וועג צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, אין דער געגנט פֿון לובאַרטאָוו. אַ פּאָלאַק דאַרף זיי אַהין איבערפֿירן. (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט דער פּאָלאַק דער פֿאַרבינדלער גענומען גוט באַצאָלט פֿאַר ברענגען די ייִדן אין

וואַלד. נאָר אַנשטאַט זיי קאָנטאַקטירן מיט פּאַרטיזאַנער, האָט ער געבּרענגט די געסטאַפּאָ — און ס'איז זיך פאַרצושטעלן דער גורל פון די אויסגעליפערטע יידן.

איבערגעשלאָפן די נאַכט אין טהרה־שטיבל, שטייט צומאַרגנס ווידער די פראַגע: וואָס ווייטער? ווו זיך קערן און ווענדן?

שטאַגעל האָט אַן ענטפער בנוגע מיר:

— ישראל, דו מוזט גיין צו אַ דאָקטער! דיין פּנים איז אָנגעשוואָלן ווי אַ באַלעם, אויסגעקרומט, בלאָנעבלאָ. דיין גאַנצער אויסזען האָט זיך געענדערט.

אין טהרה־שטיבל איז נישט געווען קיין שפּיגל, נאָר לויט די בליקן פון די יידן און די שילדערונג פון שטאַגלען האָב איך פאַרשטאַנען, ווי כ'זע אויס. עס זענען שוין פאַריבער צוויי מעת־לעת ווי מ'האָט מיך געשאָסן. פאַר דער צייט האָב איך נישט געגעסן, אויך נישט געטרונקען, ווייל מיר איז געווען אוממעגלער צו שלינגען אַפילו וואַסער, נאָר דערנערט זיך מיטן אייגענעם בלוט וואָס האָט געטריפט אינעם דורכגעשאָסענעם מויל. איך פיל נישט די לינקע זייט פון מיין פּנים. אויך דאָס לינקע אויג איז אומבאַוועגלער, נישט צוצומאַכן אָדער עפענען. אַ ייד עצה'ט מיר צולייגן צום אויג אַ שמאַטקע מיט אורין. איך פאָלג אים. איך האָב אויך באַקומען היץ, מיר איז קאַלט און הייס, ס'הערט נישט אויף צו שווידערן.

ווידער אַן אימפּולסיווער, אומבאַרעכנטער שריט, וועלכן איך פלעג אונטערנעמען נאָר אין געפערלעכע אומשטענדן. איך באַשליס צו פאַרלאָזן דאָס טהרה־שטיבל, דעם בית־הקברות, כדי ווידער זיך אַ ריס געבן צום לעבן. באַזונדערס האַרציק געזעגן איך זיך מיט שטאַגלען, וואָס זאָגט מיר אויס אַ סוד, אַז ער וועט זיך באַמיען צו קומען קיין וואַרשע און דאָרט לעבן ווי אַ פּאָלאַק. ער גלויבט, אַז זיין אויסזען וועט אים נישט פאַראַטן. איך לאָז זיך אין וועג אַריין, צום קריסטלעכן שפּיטאָל אויף דער סטאַשיצאַ גאַס, מיט וועלכן ס'האָבן אָנגעפירט באַרמהערציקע קריסטלעכע שוועסטערס.

פונעם בית־הקברות אויף דער אוניצקע ביזן שפיטאָל — איז פּאָלג מיך אַ גאַנג. איך מוז אַדורכגיין די גאָר לאַנגע לובאַרטאָווסקע גאַס, וועלכע איז ביזן חורבן געווען דער האַנדלס־צענטער און איינע פון די באַלעבסטע גאַסן אין יידישן קוואַרטאַל. אַ שווער פאַרוווּנדעטער, קוים וואָס די פיס טראָגן, הייב איך אָן דעם מאַרש...

די געענדערטע שילד: יאַן פּיעליק
אַנשטאָט משה אייזענבערג...

פון דער אוניצקע גאַס פאַרקערעווע איך לינקס, אויף דער לעוואַרטאָווער גאַס. איך גיי אַריבער אויף דער צווייטער זייט, כדי פון אַנטקעגן כאַפּן אַ בליק אויף אַזעלכע צוויי יידישע אינסטיטוציעס אין שטאָט, ווי די ישיבת חכמי לובלין און דאָס יידישע שפּיטאָל. ביידע בנינים שטייען גאַנץ, אומבאַרירט, אָבער די וואָס האָבן אַמאָל זיך דאָ געהיילט אָדער געלערנט — זענען מער נישטאָ. דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט, איך וויל וואָס שנעלער זיך דערווייטערן פון דעם אָרט. נאָר עפּעס אַ געהיימע קראַפט שטעלט מיך אָפּ. איך דערמאָן זיך אין די אומאַנער חסידים, וואָס אין חודש אלול, ערב די ימים נוראים, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צונויפפאָרן אין לובלין, כדי זיך מתייחד זיין מיט די גדולי הדור, וועמענס קברים האָבן זיך געפונען אויפן אַלטן גוטן אָרט: דער חוזה פון לובלין; דער „אייזערנער קאָפּ" ר' עזריאל האָרוויץ; ר' צדוק הכהן; ר' יעקב פּאָלאַק זצ"ל און אַנדערע, זינט דער פטירה אין יאָר 1818 (תקע"ח) פון זייער רבין ר' נחמן בראַסלאָווער, וואָס האָט נישט געלאָזן קיין ממלא מקום, האָבן די אומאַנער נישט געהאַט קיין אַנדערן רבין, נאָר געלעבט מיטן זכר פון דעם נפטר. טאַקע דערפאַר האָט מען זיי אויך גערופן „די טויטע חסידים". אין די ערשטע יאָרן זענען זיי איינגעשטאַנען אין דער געוועזענער סיגאַרעטן־פאַבריק פון קראַסוצקין, אויף קראַוויעצקע־גאַס. נאָכן אויפבויען די ישיבת

חכמי לובלין, האָט דער לובלינער רב מאיר שפּיראָ זצ״ל דערלויבט די אומאַנער חסידים דאָרט זיך איינצואָרדענען, בעת זייער פאַר־ברענגען אין שטאָט. די אומאַנער, הגם קבצנים אין זיבן פּאָלעס, זענען געווען אַ פריילעכע חברותא. אַז מ׳האָט וועמען פון זיי פאַר־בעטן אַלס אורח אַ היים, האָט ער אָפּגעזאָגט מיט דער טענה, אַז ער קאָן נישט זיצן ביי אַ טיש און עסן צו דער זעט, בעת אַנדערע חסידים וועלן הונגערן...

די דערמאָנונג פון די אומאַנער ווערט איבערגעריסן צוליבן ווייטיק וועלכן איך דערפיל אין מויל. איך גיי דאָך איצט זוכן רעטונג ביי אַ קריסטלעכן דאָקטער אין אַ פּויליש שפּיטאָל — טאָ צו וואָס אין מיטן דערינען מחשבות וועגן יידישן לובלין?

עק רוסקע־לובאַרטאָווסקע האָט זיך געפונען ביירער קיפּמאַנס בית־המדרש, ווו בחורים מיט שאַרפע קעפּ זענען געזעסן יום ולילה און געלערנט, ביז זיי זענען געוואָרן איידעמס אויף קעסט. אָט בין איך ביי קאַצענעלנבויגנס הויז, לובאַרטאָווסקע 24. דאָ האָט זיך געפונען דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַריין און דער צענט־ראַלער קלוב פון „בונד״, די שטאַרקסטע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס אין לובלין. מיטן סעקרעטאַר פון פאַריין, אהרון ניסענבוים, האָט מיין פאָטער דער שניט־סוחר געהאַט אָפט סיכסוכים, ווייל ער האָט געדראָט מיט אַ שטרייק, אויב מען וועט נישט גוט באַלוינען די אָנגעשטעלטע. אויף רוסקע 34, דערמאָן איך זיך, איז געווען טעטיק דער טראַנספּאָרט־פאַריין, וועלכער האָט אַרומגענומען דעם רוב יידישע טרעגערס און פורמאַנעס פון שטאָט. פון די טרעגערס האָט דער „בונד״ און די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען געשאַפן אַ שטאַרקע באַיוווקע, וועלכע איז תמיד געגאַנגען פאָרויס בעת דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט מאַרשירט איבער די גאַסן שעראָקע, לובאַרטאָווסקע, רוסקע, נאָווע — ביז דעם שטאָט־זייגער, ווו מ׳האָט זיך פאַרייניקט מיט דער דעמאָנסטראַציע פון דער פּוילישער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). אַז פּאָלאַקן פון די רעכטע פּאַרטייען

זענען באַפֿאַלן די פּוילישע סאָציאַליסטן, איז זייער איבערגעוויכט געווען אַזוי לאַנג, ביז עס האָבן זיך נישט באַוויזן חברים פון דער בונדישער באַיוווקע. זיי האָבן שוין געוווסט ווי אַזוי אָנברעכן די ביינער די אַנטיסעמיטן און אויך זיי פאַרטרייבן.

איך קום צו צום הויז לובאַרטאָווסקע 18. אין דעם הויז האָב איך אַ סך יאָרן געדאַוונט און געלערנט. אַנטקעגן דעם הויז — דער טאַרג־פּלאַץ מיט די יידישע יאַטקעס (אַמאָל, אַמאָל...). די יידישע קצבים זענען זייער אָפט שיקאַנירט געוואָרן פון די פּאָ־ליציאַנטן. מ׳האָט דערציילט אין שטאָט, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט זיך באַוויזן אין אַ יידישער יאַטקע, זענען די ערשטע ווערטער זיינע געווען:

— פּאַניע מאָשקו, פונעם פלייש טראָגט זיך אַ שלעכטער ריח.

האָט דער ייד אויף דעם געענטפערט:

— פּאַניע סטאַרשי, נישט מיין פלייש שפּירט זיך, נאָר נישט ווייט פון דאַנען שמירט מען די דעכער מיט סמאָלע — און פון דעם איז דער ריח.

אויף דעם טאַרג איז אויך אָנגעגאַנגען (אַמאָל, אַמאָל...) דער הורט־האַנדל מיט אויבסט. דער גרעסטער פּרוכטן־סוחר איז געווען איטשע פּאָמפּ, וואָס פלעגט די יידישע סאַדאָווניקעס באַצאָלן פּאָרויס און ביי זיי אָפּקויפן די פרוכטן פון די סעדער, וועלכע זיי האָבן אויף זומער געדונגען ביי די פּויערים. די סאַדאָווניקעס זענען אין רוב געווען בעלי־מלאכות, וואָס פונעם שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי, קאָמאַשן־שטעפּעריי, איז שווער געווען אויסצואַרבעטן פּרנסה און מ׳האָט אויך געמוזט אַרענדירן סעדער אין די דערפער.

נענטער צו דער שווינטאָדוסקע גאַס האָבן זיך געפונען די געשעפטן פון שניט־סחורות. דאָ פלעגט מען ברענגען פון באַן רי־זיקע באַלן מאַנופאַקטור פון די ביאַליסטאָקער, לאָדזשער און וויד־זעווער פאַבריקן. פון די גרויסע פּלאַטפאָרמעס פון די ברידער אַברהם און וועלוועל הויזשיבאָ, האָבן קרעפטיקע יידישע טרעגערס גענומען

אויף זייערע פּלייצעס די באַלן און זיי אַריינגעטראָגן אין די געשעפטן. איצט זע איך נישט די דאָזיקע טרעגערס, מיט די אָרום־געבונדענע שטריק אויף די לענדן. ליידיק זענען די גאַסן ווו ס׳האָט געשפּרודלט און געראַוישט מיט יידישן מסחר און מלאכה. איצט געהערן די אַלע געשעפטן צו פּאַלאַקן, וואָס האָבן פון די דייטשן באַקומען אַ מתנה, צי דערפאַר וואָס מ׳האָט טריי געדינט דעם אָקופּאַנט, אָדער זיינע אַ טאָכטער צי ווייב האָבן נושא חן געווען ביי אַ דייטשן אָפיציר...

איך בין שוין ביים הויז לובאַרטאָווסקע 4. דאָס הויז איז דאָך אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיטן נאָמען פון מיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן. אויפן צווייטן שטאָק האָט זיך געפונען דאָס בית־המדרש פון חברה נושאים, ווו מיין פאָטער האָט מיט צענדליקער יידן געלערנט יעדן אָוונט דעם דף יומי. ביים אַריינגאַנג אין הויז, זענען געזעסן יידישע טרעגערס און אויסגעקוקט אַ פאַרדינסטל. אָט זע איך ישראלקע בויאַק, וואָס טראָגן ביי אים אַ שווערן קאַסטן אָדער זאַק, איז געווען אַ שפּילעכל. פראַים פרנסה, וואָס אויסער דעם צונאָמען, האָט ער געהאַט נאָך איינעם: מאַנדרי (דער קלוגער) און געווען באַקאַנט מיט זיין ווערטל „גיי אַוועק, לאָז נאָר מיך צו״, בעת פּאַלאַקן זענען באַפאַלן אַ ייד און ער האָט זיך געוואָלט פאַר אים אָננעמען. נישט נאָר פאַר אַן איינצלנעם ייד האָט פראַים זיך געאיילט אָנצונעמען. אַז אויפן אויטאָבוסן־פּלאַץ הינטערן מאַגיסטראַט נישט ווייט פון די פייערלעשער אויף דער נאָווע גאַס, איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן יידן און קריסטן, האָט וועלוועל אייכנבוים אַלעמען געצויגן נידעריקער, אַראָפּ צו דער לובאַרטאָווסקע, ווו חברה טרעגערס האָבן אַזוי אָנגעלערנט די אַנטיסעמיטן, אַז יענע האָבן פאַרזאָגט אַ צענטן נישט אָנצוהייבן מערער מיט יידן. צו דער חברותא האָט אויך געהערט הערשעלע סטאַניק. ער האָט יעדן פרייטיק זיך פאַרנומען מיט טיילן געלט די פרויען פון קראַנקע און אַלטע טרעגערס, וואָס זענען נישט געווען מער פעיק אַליין צו פאַרדינען אויפן שטיקל

ברויט. הערשעלע האָט פאַר זיי געזאַמלט נדבות ביי פאַרבייגייענ־
דיקע סוחרים און סתם יידן. אַז איינער פון זיי האָט געשאָנקען אַן
אָנגעזעענע מטבע, האָט הערשעלע געגעבן דעם נדבן אַ קניפּ אין
באַק און אויפן הויכן קול אויסגערופן:

— מענטשן, זעט נאָר וועמען איך האָב דאָ — אַזוי פיל
געלט!...

אַזאַ ייד איז געבליבן שטיין אַ געפלעפטער, אַ פאַרוויטלטער,
אָבער צופרידן פון דעם פשוטן אופן פון אויסדרוקן דאַנקבאַרקייט.
ביי מיין פאָטער אין געשעפט האָט הערשעלע געלאָזט שטיין אַ גאַנ־
צע וואָך אַ פושקע פון קאַווע, אין וועלכער ס'איז געלעגן דאָס געלט
פאַר די נויטבאַדערפטיקע טרעגערס. אַז אים האָט אַמאָל אויס־
געפעלט געלט צו פאַרטיילן אַלעמען, האָב איך אים אויסגעבאָרגט
עטלעכע זלאָטיס און ער האָט שוין געזאָרגט דעם נאָענטסטן פרייטיק
אומצוקערן דעם חוב. די גאַנצע בוכהאַלטעריע האָט ער געפירט
אויפן קאָפּ, אַלץ און אַלעמען געדענקט, נאָר פון צייט צו צייט
האָט ער מיך אַ בעט געטאָן:

— ישראל, פאַרשרייב וויפל ס'איז דאָ געלט, איך האָב געלאָזן
מיין פעדער אין שטוב...

די אַלע דערמאָנונגען איצט, אויפן וועג צום שפּיטאָל, מאַכן
פאַרגעסן די ווייטיקן פונעם דורכגעשעסענעם מויל און פונעם
נאָגנדיקן הונגער. דער זכרון „מאַכט אַ שפרונג" צו די קינדער־יאָרן,
ווען איך פלעג באַוווּנדערן די מיטאָג־שעה פון די טרעגערס. זייערע
אויסגעפוצטע און ריין אָנגעטוענע פרויען, מיט קיישלעך אין די
הענט, ווו עס זענען געשטאַנען טעפּלעך אָפּגעקאָכט עסן, אָרומ־
געוויקלטע מיט אַ האַנטעך אָדער שמאַטע צו האַלטן די וואַרעמקייט,
האָבן זיך באַוויזן פאַר אונדזער געשעפט ווו די טרעגערס זענען
געזעסן און זיי פאַרבעטן אין דערבייאיקן הויז, ווו מ'האָט זיך אויס־
געזעצט אויף די טרעפּ און מיט הנאָה געשלונגען די וואַרעמע זופּ,
וועמענס ריחות האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויז. נאָר פריער

האָט דער אויסגעהונגערטער טרעגער אַרויס גענומען פון קיישל דאָס האַלבע ברייטל, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל און נאָכן „המוציא לחם מן הארץ״, אַ ביס געגעבן פון ברויט און באַלד דערנאָך זיך געקוויקט מיט אַ לעפל געקעכטס. איך פלעג לאַנג-לאַנג אָבסערווירן זייער אופן פון עסן, גאָר אַנדערש ווי איך בין געוווינט געווען צו זען ביי אונדז אין שטוב און אין אַנדערע באַלעבאַטישע היימען. אַן ווייסע טישטעכער, אָן סערוועטן, אָן אַ פולן באַשטעק, אָן דאָפּלטע טעלערס. מיין קינדערישער שכל האָט געשטעלט אַ פראַגע: ווי לעבט אַזאַ טרעגער ביי זיך אין שטוב? ווי אַזוי פירט ער זיך מיטן בני-בית? נישט איינמאָל האָב איך געוואָלט צוגיין צו אַ טרעגער און אים בעטן ער זאָל מיך לאָזן איבערנעכטיקן ביי אים כאָטש איין נאַכט, אַזאַ נייגיר איז מיך באַפאַלן צו וויסן זייער לעבנס-שטייגער.

נישטאָ מער די יידישע טרעגערס. אויך זייערע היימען זענען חרוב געוואָרן. איך אַליין בין איצט היימלאָז, מיט אַן אומזיכערן מאָרגן. זייענדיק פאַרזונקען אין די אַלע מחשבות, האָב איך פאַר־געסן אַ קוק צו געבן אויף דער שילד פון מיין טאַטנס געשעפט אויף לובאַרטאָווסקע 4. עס האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן, דער קאָפּ איז געוואָרן נאָך שווערער. אַנשטאָט דעם נאָמען משה אייזענ־בערג לייען איך איצט איבער: **יאַן פּיעליק.**

דער געענדערטער נאָמען אויף דער שילד האָט מיר קלאָר געמאַכט, ווי איך האַלט איצט מיט אונדזער יידישער לובלין...

אַ דאָקטער וואָס העלפט נישט
און אַ סטרוזש וואָס לויפט מסר'ן

...ענדלעך דערגאַנגען צום שאַריטקעס-שפּיטאָל. איך קום אַריין אין אַ לאַנגן, טונקעלן און קילן קאָרידאָר. ביים שרייבטיש זיצט אַ קראַנקן-שוועסטער אַ נאָנע, מיט אַ ווייסן, ברייטן הוט אויפן קאָפּ און אַ לאַנג, בלוי קלייד. זי פרעגט מיך וואָס איך פאַרלאַנג?

איר פראַגע זעט מיר אויס מאָדנע. איז דען נישט גענוג אַ בלויזער קוק אויף מיין פנים, כדי צו וויסן אין וואָס איך נייטיק זיך? איך האָב אָפּגעוויקלט דעם שאַליק מיט וועלכן ס'איז געווען פאַרדעקט די לינקע באַק — און נישט ריידנדיק מער קיין וואָרט, פירט זי מיך אַריין אין אַ צימער, וווּ עס שטייט אַ בעטל איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך און אויפן וואַנט הענגט אַ שענקל מיט מכשירים און מעדיקאַמענטן. איבערן בעטל — אַ גרויסער צלם מיטן געקרייציקטן יעזוס. עס קומט אַריין דער דאָקטער, אַן עלטערער מענטש, באַקוקט מיין פנים און דערקלערט שטיל, אַז דאָס איינציקע וואָס ר'איז אימשטאַנד פאַר מיר צו טאָן, איז: לאָזן פון דאַנען אַוועקגיין, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, ווייל קיין מעדיצינישע הילף טאָר ער נישט געבן קיין ייִד, לויט אַ שטרענגן אָנזאָג פון דער געסטאַפּאָ. ער באַגלייט מיך ביז דער טיר און געזעגנט מיך מיט די ווערטער „אידזש ז'באָגיעם" („גיי מיט גאָט"). איך באַוויייז נאָך צו וואַרפן אַ בליק אויפן ווייסן בעטל און אויפן באַרמהערציקן גאָט זייערן, אַן אויפגעקלאַפּטן אויפן צלם...

די שוועסטער באַגלייט מיך ביזן טויער און רעדט נישט קיין וואָרט. אויס מיט דער האָפענונג צו באַקומען דאָ אַן איינשפּריץ, אַ באַנדאַזש, אַ רעצעפּט.

פון דער סטאַשיצא גאַס ריזיקיר איך צוצוגיין אויף דער קראָלעווסקע גאַס נומער 13, אונדזער אייגן הויז, וווּ מיר האָבן געוווינט יאָרן. אין שכנותדיקן הויז, נומער 11, האָט זיך באַדאַרפט געפינען ביי דער קריסטין אונדזער דוד'ל. איז זיך פאַרצושטעלן וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם מאָמענט, ווען כ'בין געשטאַנען ביי די צוויי הייזער. אָט באַוויייזט זיך דער סטרוזש פון אונדזער הויז, פראַנטשישעק. ער איז איבערגעשראָקן נישט ווייניקער פון מיר.

— אָלאַ באָגאַ, פּאַניע גאָספּאָדאַשו, צאָ שיען סטאַלאָ?! (אוי גאָט, וואָס איז געשען, הער בעל־הבית?)

פון דער פראַגע פאַרשטיי איך, אַז ער האָט זיך איבערגענומען

מיט מיין דעפּאַרמירטן געזיכט. ער פּאַרבעט מיך צו זיך אין וווינונג, העלפנדיק מיר אַראָפּגיין פון די טרעפּ, נאָר לייגט מיר פאָר זיך אָפּרוען אין קאָרידאָר, און מען וועט שפּעטער זען וואָס צו טאָן. זיין איבערגעטריבענע העפלעכקייט און פאַלשע פריינדלעכקייט — געפעלן מיר נישט. איך זאָג אים, אַז אויב ער דאַרף ערגעץ צוגיין, וועל איך וואַרטן, ביז ער וועט זיך אומקערן. ער לאָזט מיך טאַקע איבער אין קאָרידאָר און טראָגט זיך אָפּ. איך קלער נישט לאַנג און מיט די לעצטע כוחות גיי איך אַריבער אויפן צווייטן טראָטואַר, ווו עס געפינט זיך די קאַטעדרע, דער גרעסטער און שענסטער קלויס־טער פון שטאָט. איך זעץ זיך אַוועק צווישן די ביימער און אָבסערוויר דאָס הויז וואָס איז אַמאָל געווען אונדזערס. ס'האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, ווי איך זע אַ דזשיפּ מיט געסטאַפּאָ־לייט פאַרפאָרן פאַרן הויז. אויך אַ פּוילישער („גראַנאַטענער״) פּאָליציאַנט איז דאָ מיט זיי. ער רעדט מיטן סטרוזש, זיי שטייען נאָך עטלעכע מינוט און פאָרן אַוועק, נאָר אָן דעם ייִד, וועמען פראַנטשישעק האָט געוואָלט אויסליפערן אין דייטשישע הענט.

ווידער אַ גרעאַטעוועטער — נאָר די שטענדיקע פראַגן עגבערן דעם מוח: ווו אַהין גיין? און ווו איז איצט די מאַמע? באַלטשע? אונדזער קינד? שלמה'לע?

די באַגעגעניש מיט באַלטשען און מיט דער מאַמען

זיצנדיק אַזוי צווישן די ביימער, דערזע איך אויף דעם קעגנ־איבערדיקן טראָטואַר אַ פרויען־געשטאַלט, מיט אַ שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ און אַ וואַל וואָס באַדעקט דאָס פּנים. דער אויסזען אירער איז פון אַ געבוירענער קריסטין, נאָר ביי מיר איז נישט פאַראַן דער מינדעסטער ספק: דאָס איז מיין באַלטשע! איך גיי צו איר צו און זאָג שטיל: „בעלו״! מיר ווייזן נישט אַרויס קיין צערטלעכקייט ביי דעם צונויפטרעף. זי דערקענט מיך גיכער לויטן קול, ווי פון

אויסזען. מיר גייען אַריין אין הויז, שטעלן זיך אַוועק אין קאָרידאָר אויפן ערשטן שטאָק. איך דערציייל אויף שנעל וואָס כ׳האָב איבער־געלעבט פון אונדזער צעשיידונג אין מיידאַן־טאַטאַרסקי. זי דער־ציילט, אַז זי איז אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פּאָלאַק אויפן זאַמד, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע. די בעלי־הבתים פאַרשליסן זי יעדן אין דער פרי, ווען זיי גייען צו דער אַרבעט. היינט האָבן זיי פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר, האָט זי אויסגענוצט די געלעגנהייט און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן, ווייל מיט אַ נאַכט פריער איז איר נישט געפעלן די האַלטונג און געוויסע רייד זייערע. נאָר איצט, זעענדיק מיך אין דעם צושטאַנד, באַשליסט זי צו ענדערן דעם גאַנצן פּלאַן. מיר גייען אַרויס אין גאַס, באַלטשע שטעלט אָפּ אַ דאָראָזשקע, וועלכע פירט אונדז אַוועק צו קאַספּערעקן, ווו מיין מאַמע איז אויסבאַהאַלטן. ביי אים, אין לעצטן צימערל, וועט אויך פאַר מיר זיין אַ שטיקל באַהעלטעניש.

מיר האָבן גלייך באַמערקט, אַז דעם קאַספּערעקן איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, ווען ער האָט דערזען מיין צעקאַלעטשטן פּנים און די ציטעריקע באַלטשע. ער האָט זיך אַוודאי געטראַכט, אַז האַלטן אַן איינזאַמע, עלטערע פרוי — איז נאָך אַ האַלבע צרה. אָבער אויך אויפנעמען אַ שווער פאַרוווּנדעטן ייִד מיט זיין פרוי — איז אַ גרויסע ריזיקע פאַר אים, זיין פרוי און קינדער. מיר הערן בפירוש ווי די קינדער פאָדערן פון טאַטן, ער זאָל אונדז אַרויסטרייבן, זיי ווילן נישט אומקומען צוליב אַ ייִד.

נאָר איידער דער בעל־הבית הייסט פאַרלאָזן די וווינונג, באַקום איך אַ קאָמפּרעס פון באָראָוו־וואַסער קעגן געשווילעכץ און אַ ביסל קאַלטע, זיסע טיי, וועלכע איז מיר שווער געווען צום שלינגען. קאַספּערעקס טאָכטער איז געווען אַן אַקושערין און געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל, האָט זי פעסטגעשטעלט, אַז די קויל וועלכע כ׳האָב באַקומען איז נישט געבליבן אינעווייניק און אַלץ וועט זיך פאַרהיילן. דערנאָך לייגט זיך קאַספּערעק איבער און באַשליסט מיך לאָזן אויף

ביינאַכט. ער גרייט מיר צו אַ געלעגער אויף אַ קאַנאַפּע און באַלטשע גייט זיך לייגן אין דער קאַמער אויפן הויף.

אַדורכשלאָפן יענע נאַכט אויף אַ ווייכן געלעגער, אין אַ שטוב, צוגעדעקט מיט אַ וואַרעמער קאָלדרע — איז פאַר מיר געווען אַ היילונג און אויך אַ דערמוטיקונג. ווי נאָר כ׳האָב זיך איבערגעוועקט, זע איך ווי עס שטייען איבער מיר די מאַמע, באַלטשע און די קאַס־פּערעקס. די לעצטע ווילן בפירוש פון אונדז פּטור ווערן וואָס שנע־לער, נאָר פריער ווי האַלב צוועלף ביינאַכט איז נישטאָ אַ באַן קיין ראַדאָם. דאַקעגן באַלטשע וועט פאָרן מיטן באַן וואָס גייט אָפּ 12 בייטאָג, כדי נישט רייצן צו פיל דעם פּאָלאַק, ביי וועמען די מאַמע האָט באַדאַרפט בלייבן.

אַרום 11 אַ זייגער געזעגנט זיך מיט אונדז באַלטשע. די געזע־גענונג גייט צו שטיל, אָן געוויין אָדער געשרייען, אָן איבעריקע רייד. קאַספּערעק באַגלייט זי צום באַן און עס ווערט לייכטער אויף דער נשמה, ווען ער קומט צוריק און דערציילט, אַז זי איז בשלום איינ־געשטיגן אין וואַגאָן. ער האָט שוין אויך געקויפט פאַר מיר אַ בילעט אויפן ביינאַכטיקן צוג, ווייל די קאָסירערס אויף די וואָקזאַלן האָבן נישט פאַרפעלט אָנצוווייזן דער פּאָליציי אָדער זשאַנדאַרמעריע אויף אַ פאַרדעכטיקטן פּאַסאַזשיר.

ביים געזעגענען זיך מיט דער מאַמען, האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון אויסברעכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין. אָבער נישט אויף לאַנג. מיר צעקושן זיך, איך זאָג אָן קאַספּערעקן ער זאָל אַכטונג געבן אויף דער מאַמען, ער וועט דערפאַר באַלוינט ווערן. איך באַדאַנק דעם פּאָלאַק פאַר דער גוטער אַכסניה אין משך פון צוויי טעג, וואָס האָט מיך אַ ביסל געשטעלט אויף די פיס.

איך לאָז זיך איצט צום לובלינער וואָקזאַל, צו דער באַן, וואָס דאַרף מיך פירן קיין ראַדאָם.

צווייטע טייל:

אין ראַדאָמער דיסטריקט

באַרמהערציקע פּרויען אין ראַדאָמער געטאָ

דעם 20סטן נאָוועמבער 1942 בין איך מיטן צוג פון לובלין אָנגעקומען קיין ראַדאָם. אויפן וועג איז די באַן פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער סטאַציע דעמבלין־מאָדזשיץ, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ שטרענגע קאָנטראָל פון דאָקומענטן (און פנימער) פון די פּאַסאַזשירן. אויב ווער פון די רייזנדע איז נישט געפעלן געוואָרן דעם דייטשן זשאַנדאַר אָדער פּוילישן פּאָליציאַנט, האָט מען אים אַראָפּגענומען פון באַן און מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן אין דער פינצטערער נאַכט זיך געהערט ביקסן־שאָסן. אין דער קופּע ווו איך בין געפאָרן, האָב איך זיך צוגעזעצט צו אַן עלטערער פרויערטע וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל. צופוסנס האָט זי געהאַלטן צוויי קוישן. הגם איך האָב געליטן פון שרעקלעכע ווייטיקן צוליב מיין דורכגעשאָסענעם מויל, האָב איך ריזיקירט מיט אַ גענוג ווייטער רייזע — אָן פּאַפּירן, אַ פאַרוואונדעטער, געררודפטער ייד, אויף וועמען עס האָבן געלויערט טויזנטער געפאַרן. איצט איז די סכנה אַ ממשותדיקע, ווייל אויב מען פרעגט מיך אויף דאָקומענטן, בין איך אַ געענדיקטער. איך רוק זיך צו נאָענט צו דער פרויערטע און מיט איר דיקער שאַל אין וועלכער זי איז איינגעהילט, פאַרשטעל איך מיר דאָס דעפאָרמירטע פנים. די מונדירטע און נישט־מונדירטע קאָנטראָלערן גייען עטלעכע מאָל פאַרביי די באַנק אויף וועלכער איך זיץ מיט דער פרויערטע, זיי וואַרפן דערביי בליקן וואָס שפּיזן דורך און דורך — נאָר קיינער קאָנטראָלירט מיך נישט. אַ שעה צייט וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי אַן אייביקייט איז דער צוג געשטאַנען, נישט איין קרבן איז דעמאָלט געפאַלן, נאָר ענדלעך דערהערט זיך דער גוט באַקאַנטער פייף, אַ באַפעל אויף פּויליש „איינשטייגן", דער לאָקאָמאָטיוו נעמט סיטשען, די רעדער קלאַפּן — איך פאָר קיין ראַדאָם. וועל איך אַהין דערפאָרן?

אַרום 4 פאַרטאָג בין איך אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל אין

ראַדאָם. איך האָב פאַרגעסן, אַז ביז 6 פרי עקזיסטירט אַן אַרויסגאַנג־פאַרבאָט פאַר דער פוילישער, ווי פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. איך לאָז זיך איבער די ליידיקע גאַסן זוכן דאָס געטאָ, נישט ווייסנדיק ווו עס געפינט זיך און נישט קענענדיק אַפילו די שטאָט. פּלוצים דערזע איך אַ הויכן פאַרקאַן פון ברעטער און דורך די שפּאַרעס באַמערק איך ווי הינטער דער פאַרצאַמונג דרייען זיך אַרום מענטש־לעכע שאָטנס. אויף דער ריח פון יענער זייט פאַרקאַן איז פאַר מיר אַ סימן, אַז דאָרט איז דאָס געטאָ, אין וועלכן די דייטשן האָבן אַריינגעטריבן די אומגליקלעכע יידן. מיט די לעצטע כוחות, ווייל אין די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך צוליב דעם פאַרווונדעטן מויל נישט געקענט עסן און טרינקען, האָב איך זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פאַרקאַן און אַראָפּגעשפּרונגען (בעצם — אַראָפּגעפאַלן) אויף דער צווייטער זייט. איך בין געלעגן אויף דער ערד אַ צען מינוט, ביז כ׳בין געווען אימשטאַנד זיך אויפצוהייבן. דאָס אויפהייבן זיך איז אויך געקומען נאָך דער וואָרענונג פון אַ פאַרבייגייענדיקן ייד:

— פּעטער, הייבט אייך אויף און טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען. קוים וועט אייך באַמערקן אַ יידישער פּאָליציאַנט, פון די וואָס היטן די פאַרצאַמונג, וועלן זיי אייך איבערגעבן די דייטשן.

דער ייד האָט מיר געהאָלפן זיך אויפשטעלן און אַריינגעפירט אין דער „קראַנקען־שטובע" אין געטאָ. בשעת מעשה האָב איך געטראַכט, אַז דער ייד מוז זיין אַ מלאך פון הימל, וואָס זאָרגט פאַר מיר ווי פאַר אַן אייגן קינד. ער האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט מיט מוטער־לעכער זאָרג מיך אויסגעפרעגט ווען און ווו איך האָב באַקומען די קויל און אָנגעזאָגט, איך זאָל קיינעמען נישט דערציילן אַז איך קום פון דער פרעמד און וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט. אויף דעם דאָקטער זאָל איך נישט דערציילן קיין סך. ליידער, זענען פאַראַן געגנוג מוסרים, באַזונדערס די פּלייסיקע יידישע פּאָלי־ציאַנטן — און מ׳דאַרף זיך פאַר זיי היטן. אויף איר פראַגע צי

כ׳האָב געגעסן, איז מיין תשובה געווען, אַז זינט די קויל האָט דורכגעלעכערט מיין מויל, קאָן איך נישט עסן, אַפילו ווען כ׳וואָלט געהאַט וואָס. „איך דערנער זיך פונעם בלוט וואָס טריפט אינע־ווייניק, אין מויל״...

די דאָזיקע גוטהאַרציקע יידישע טאָכטער האָט באַדויערט וואָס זי קאָן מיך נישט לאָזן אין דעם שפּיטעלעכל, ווייל 7 פּרי ענדיקט זי איר אַרבעט. זי לייגט מיר פאָר מיטצוגיין אַהיים צו איר פאָטער, ווו כ׳וועל האָבן אַ מעגלעכקייט צו קומען צו זיך. ערשט ווען מען האָט מיך אַריינגעלאָזט אין דעם קעלער, ווו כ׳האָב געפונען אַ געלעגער, איז מיר באַוווּסט געוואָרן, אַז די קראַנקן־שוועסטער הייסט סאָניאַ און זי איז די טאָכטער פון באַרימטן ראַדאָמער רב, הרב זלאָטניק.

אין דער וווינונג פון רב האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ צען יידן וואָס האָבן געאַרבעט אויף וויכטיקע פּלאַצוווּקעס, דעריבער האָט די געטאָ־פּאָליציי נישט געזוכט דאָ צו אָפּט אויסבאַהאַלטענע, צי אומלעגאַלע יידן. נאָכן אַדורכשלאָפן זיך עטלעכע שעה, בין איך אַרויס אין געטאָ און זיך דערפרעגט, מיט אַ סך פאָרזיכטיקייט, ווו ס׳געפינט זיך די קיך, ווו מ׳האָט געקאָכט אין גרויסע קעסלען זופּן פאַר די יידן, וואָס האָבן פאַרנאַכט זיך אומגעקערט פון דער שקלאַפן־אַרבעט. איך האָב אויך געפונען אַ בלעכענע מענאַזשקע און זיך געשטעלט אין דער ריי ביים פענצטערל, ווו כ׳האָב טאַקע באַקומען אַ הייסע זופּ. נאָך אַזאַ לאַנגן הונגער און דורשט, האָב איך זיך דערקוויקט דאָס האַרץ מיט דער וואַרעמער פליסיקייט, ווייל כ׳האָב נישט באַדאַרפט קייען און שלינגען, וואָס איז פאַר מיר געווען אוממעגלעך, צוליב דער אָפענער וווּנד.

אויך די פּרוּוען אין קיך האָבן נישט געפאָרשט ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. די דורכגעשאָסענע באַק און דער נעבעכ־דיקער אויסזען, האָט זיי מערער דערציילט ווי מיינער אַ ווידוי. אויך דער פאַרוואַלטער פון קיך, דער געוועזענער אַנגעזעענער

פּאַפּיר־סוחר אין ראַדאָם, מענטליק, האָט נישט געוואָלט צו פיל זיך פאַרנעמען מיט דעם פרעמדן ייד, הגם כ׳בין זיכער, אַז ער האָט יאָ געוווּסט אַז כ׳געהער נישט צו זיינע לאַנדסלייט. אויף אַזאַ באַ־ציִונג אין יענע צייטן האָט מען געזאָגט „זעקס״, דאָס הייסט — מאַך זיך נישט וויסן, פאַרזע די זאַך... און די גוטהאַרציקע פרויען וואָס האָבן געטיילט די זופּ דורכן פענצטערל האָבן שוין געוווּסט אַריינ־צושטעקן דעם לאַנגן לעפל עטוואָס טיפער אין קעסל, כדי פון דאָרט אַרויסבאַקומען נאָך אַ קאַרטאָפל צי מייערל פאַר דעם „דורכגע־שאָסענעם יידן״. אַ דאַנק זייער באַרמהערציקייט, בין איך נאָך עט־לעכע טעג טאַקע געקומען צו זיך, געפילט זיך אַ סך בעסער אויף פונעם גוטן געלעגער אין קעלער פון הרב זלאָטניק.

אַ געוויסן אָוונט באַוויַיזט זיך אין קעלער אַ ייד און בעט אים לאָזן איבערשלאָפן די נאַכט. נאָך אַ קורצן געשפּרעך ווייס איך, אַז ער הייסט פאַסטערנאַק און איז אַנטלאָפן פון אַ לאַגער הינטער ראַ־דאָם. ווי נאָר מיר האָבן זיך אָוועקגעלייגט אויף די בעטלער, דער־הערן מיר איבער אונדזערע קעפּ אַ טומל, געשרייען, באַפעלן אין דייטש, אויך עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן. דערנאָך הערשט אַ טויטע שטילקייט אין גאַנצן הויז. איך מיט פאַסטערנאַקן ריזיקירן צו פאַר־לאָזן דעם קעלער און אַרויפגיין אין דער הייך, אויפן ערשטן שטאָק. מיר כאַפּן אַ בליק אין די צימערן — ווי נאָך אַ פּאַגראָם: אַלץ אי־בערגעקערט, צעבראָכן, צעשטערט. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש. אויפן טיש איז פאַרבליבן עסנוואַרג. אַ סברה, אַ נישט פאַרענדיקטער אָוונט־ברויט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די געסטאַפּאָ האָט צוגענומען די אַלע יידן צום אומברענגען אין איינעם פון די לאַגערן, אויב דער נאַכט־איבערפאַל האָט נאָך זיך געלאָזן אַזעלכע ברוטאַלע, צעשטערערישע שפּורן. מיר ביידע קלערן נישט לאַנג. קודם נעמט מען מיט זיך דאָס פאַרבליבענע עסן. ווי עס זאָל נישט זיין, וועט עס תמיד צונוץ קומען. אויך אַנדערע זאַכן האָבן מיר גענומען, כלומרשט זיך געמאַכט פאַרגעסן וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט איייניקע שעהען צוריק...

די יידישע פּאָליציי ווייזט אירע נעגל

ווי נאָר מיר זענען צוריק אַראָפּ אין קעלער, דערהערן מיר אי־בער אונדז אויסגעשרייען און טריט פון באַשטיוולטע פיס. מיר שטויסן זיך אָן, אַז יידישע פּאָליציאַנטן זענען געקומען זוכן און נישטערן אין די וווינונגען פון וועלכע די דייטשע רוצחים האָבן צוגענומען זייערע קרבנות. מיר האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז ווען די דאָזיקע פּאַר־שווינען אַנטדעקן אונדזער באַהעלטעניש מיט צוויי יידן, וואָס אַנ־שטאָט אַרבעטן בייטאָג פאַר די דייטשן, רוען זיי זיך אויס אין אַ זיכערן אָרט — איז אונדזער גורל אַ געחתמעטער. מיר האָבן גע־הערט זייערע געלעכטערס, פּרעכע רייד און פריידיקע אויסגעשרייען, ווי נאָר זיי האָבן אין די אויפגעריסענע שופלאָדן, אָדער צעטרייבער־טע קישנס און קאָלדרעס געפונען געלט אָדער גאָלד.

בדרך כלל האָבן די יידישע פּאָליציי־לייט געוווּסט ביי וועמען און ווו צו זוכן. אין געטאָ האָט מען געשמועסט, אַז די גאַרבערס זענען „פעטע" יידן, מיט אַ סך געלט. אויב מ'האָט נאָך צוגעגעבן „מיט אַ באָמבע", האָט עס געמיינט, אַז זיי פאַרמאָגן אויך דאָלאַרן, צירונג, גאָלד־רובלס. אַ וואָסער אוצר די יידישע משרתים פון די דייטשן האָבן געפונען אין דער ליידיקער דירה — האָבן מיר נישט געוווּסט. נאָר לויטן געפילדער און געלעכטער מיט וועלכן זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז איז געווען קלאָר, אַז זיי גייען נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט.

אויסערלעך, לויטן אָנטאָן, האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן אין ראַדאָמער געטאָ זיך נישט אונטערשיידעט פון זייערע „קאָלעגן" אין לובלינער געטאָ. די זעלבע היטלען מיטן רויטן לאַמפּאַס אַרום און אַ מעשענער קנאָפּ (אָדער נאָך איינער, צי צוויי, אָפּהענגיק פונעם „ראַנג") איבערן גלאַנציקן דאַשיק; שיינע קורטקעס, ברייטע, „באַ־ניאַסטע" הויזן, אַריינגעלאָזט אין הויכע שטיוול, די א.ג. „אָפיצער־

קאַלער״, וועלכע עס האָבן גענייט די בעסטע שניידערס און שוסטערס אין געטאָ. נאָר בעת אין לובלין איז די מערהייט יידישע פּאָליציאַנטן באַשטאַנען פון ווילע יונגען, פון דער גאַנצער און האַלבער אונטער־וועלט, ווי לייבל מאַסקע, „פּאַראַ־ניע־פּאַראַ״ און אַנדערע — איז דער מענטשן־מאַטעריאַל אין ראַדאָם געווען אַן אַנדערער: זונד־לער פון רייכע היימען, סטודענטן און געענדיקטע גימנאַזיסטן, וואָס האָבן אויפן פּשוטן פאָלק געקוקט פון אויבן אַראָפּ און דערביי טריי און פלייסיק געדינט די דייטשן. זיי האָבן געוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ, ווי יידן באַהאַלטן געלט און ווערטזאַכן און וועלכע פּאָרטלען ווענדן אָן די יידן, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן בעת אַקציעס און גירושים. איך האָב אָבער געוווּסט פון אייגענער דערפאַרונג, אַז דער גורל פון די יידישע פּאָליציאַנטן אין ראַדאָם וועט נישט זיין קיין אַנדערער ווי אין לובלין, ווו בעתן ליקווידירן דאָס געטאָ, האָט מען אויך דערשאָסן דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, מאָניעק גאָלדפאַרב און דעם „קיניג פון געטאָ״, דעם אונטערוועלטניק שמאי גראַיער.

די יידישע פּאָליציאַנטן אין ראַדאָם, מענטשן געבילדעטע און אָפּשטאַמיקע פון בכבודיקע היימען, האָבן זיך נישט באַנוצט מיט גראָבקייטן און זידלערייען, ווי אַנדערע אין זייער מעמד. אַ ראַדאָ־מער פּאָליציאַנט האָט בדרך כלל גערעדט פּויליש, באַמיט זיך צו באַנוצן מיט פיינע ווערטער, קולטורעל, איידל — נאָר אונטער די אַלע אויסערלעכע מאַניערן האָט זיך באַהאַלטן אַ סך גיפט, ציניזם און שנאה צו די אייגענע, שווער־געפּרוּווטע ברידער און שוועסטער. נישט איין מאָל האָט מיך אָנגענומען אַ חשק צו זאָגן אַזאַ חברהמאַן: „אַרבעט נישט אַזוי שווער און געטריי פאַר די דייטשן. זיי מיינען אויך דיך, נאָר אַ ביסעלע שפּעטער, נאָך דעם אַז וועסט זיי העלפן אומ־ברענגען דיינע אייגענע״... פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב נישט געוואַגט צו זאָגן אַזעלכע רייד וועמען פון די פּאָליציאַנטן. זיי וואָלטן מיר נישט געגלייבט און כ׳וואָלט אויך באַצאָלט מיטן לעבן פאַר אַזאַ

חוצפה. זיי זענען צו פיל געווען אַריינגעטאָן אין זייער מיאוסער אַר־בעט און נישט געפילט ווי טיף זיי זינקען אין אָפּגרונט.

ביים געטאָ־טויער האָבן זיי געהאַט אַן אייגענעם קאָמיסאַריאַט, וווּ מ׳האָט ביז די שפּעטע נאַכט־שעהען געשפּילט אין קאָרטן, גע־שיכורט אָדער פאַרבערענגט מיט פרויען וועלכע זיי האָבן אויסגע־קליבן אין געטאָ. דער ראַדאָמער חזן ראָנטאַל, וואָס האָט געאַרבעט אין דער אַמוניציע־פאַבריק, איז אָפט געצווּנגען געוואָרן צו זינגען יידישע לידער און תפילות, ווען די אויסוווּרפן האָבן אין די נעכט געפּראַוועט זייערע אָרגיעס.

מ׳האָט מיר נישט געוואָלט גלויבן

אין די יאָרן 1942—43 האָבן זייער אָפט זיך געביטן די איינוווי־נערס פון ראַדאָמער געטאָ, ווייל אין יענער תקופה האָט די דייטשישע מאָרד־מאַשין געאַרבעט מיטן פולן דאַמף. די אויסגעליידיקטע דירות פון די נעכטיקע קרבנות זענען צומאַרגנס פאַרפולט געוואָרן מיט אַנדערע יידן פון נייע טראַנספּאָרטן. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָב איך און פאַסטערנאַק געהערט ווי אין דער דירה איבער אונדז איז אָנגעקומען אַ גרופּע יידן. איינער דעם אַנדערן האָט דערציילט ווי אַזוי מ׳האָט פון זיי צוגענומען די פרויען, קינדער, טאַטע־מאַמע — און זיי, די אומגליקלעכע מענער, איבערגעלאָזן מיט צער, ווייטיק און טרויער נאָכן פאַרלירן די נאָענטסטע מענטשן און אומזיכערקייט מיטן מאָרגן.

איך האָב יאָ געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען — נישט נאָר פאַר זיי, נאָר אויך פאַר אונדז אַלע. אָבער גרויסע טיילן איינ־ווינערס אין געטאָ האָבן זיך באַצויגן מיט אומגלויבן און אומצוטרוי צו די פאַרשידענע ידיעות און קלאַנגען. זיי זענען נישט געווען גרייט צו הערן אַפילו אַזאַ באַגלויבטן עדות ווי איך, וואָס האָט אַדורכגע־

מאַכט אַלע שבעה מדורי גהינום אין לובלינער געטאָ, ביז דער ענד־גילטיקער ליקווידאַציע.

די ניי־געקומענע זענען געבראַכט געוואָרן פון לאַגער וואָלאַ־נאָוו און מורא געהאַט צו דערציילן וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט זיי און זייערע משפּחות, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז אין געטאָ זענען פאַראַן מוסרים, וועלכע גיבן איבער די דייטשן וואָס יידן ריידן.

אויפן הויף ווו איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן האָט זיך געפונען דאָס איינציקע בית־המדרש אין געטאָ. אַהער זענען יידן געקומען גאַנץ באַגינען, כדי באַוויין אָנצוטאָן טלית און תפילין, דאַוונען שחרית, און דערנאָך איילן צום געטאָ־טויער, ווו פּינקטלעך 6 פרי האָט מען אויסגעשטעלט די אַרבעט־גרופּן צום אָפּמאַרשירן אויף די פאַרשידענע פּלאַצוווקעס. אַ געוויסן זונטיק האָט די געסטאַפּאָ באַ־פוילן איר צושטעלן אַ רשימה פון יידישע דאָקטוירים, אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן און בכלל אינטעליגענץ, ווייל... ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכ־קייט צו שיקן זיי קיין ארץ־ישראל. מיט דער הילף פון געלט, פּראָ־טעקציע און כּוח האָבן אין דער רשימה זיך אַריינבאַקומען אויך אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו דער דערמאָנטער קאַטעגאָריע יידן. כדי צו געבן מער באַגלויבטקייט דער ידיעה האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז צוליב דעם ווייטן וועג זאָל מען מיטנעמען אַ קליינעם באַגאַזש, נאָר די נייטיקע זאַכן. די רוצחים האָבן אַפילו צוגעשטעלט צוויי לאַסט־אויטאָס און אין זיי אַריינגעזעצט די רעגיס־טרירטע יידן. דאָס מאָל — אָן געשרייען, זידלערייען אָדער קלעפּ. אין דעם טראַנספּאָרט האָט זיך אויך געפונען הרב זלאָטניק און זיין משפּחה.

שפּעטער איז געוואָרן באַוווּסט דער גורל פון די כלומרשטע עולים קיין ארץ־ישראל. ווי נאָר די יידן האָבן זיך דערווייטערט פון שטאָט, האָט מען זיי אָוועקגעפירט אויפן בית עלמין אין שידלאָוועצ און אויסגעשאָסן די מענטשן פון ערשטן אויטאָ. דער פאַראַנטוואָרט־לעכער ס.ס.־מאַן פאַרן צווייטן אויטאָ, קאָפּקע, האָט דערלויבט עט־

לעבע יידן זיך אומצוקערן אין געטאָ, נאָר דערביי זיי געוואָרנט נישט צו דערציילן וואָס זיי האָבן געזען. די ניצול געוואָרענע האָבן לאַנג נישט געהאַלטן אַזאַ סוד און אין געטאָ איז שנעל באַקאַנט געוואָרן דער ביטערער גורל פון די אַוועקגעפירטע יידן.

אויך נאָך דעם פאַל האָבן געוויסע יידן געהויבן די אַקסלען און תמימותדיק געפרעגט:

— ס׳טייטש, ווי איז דאָס מעגלעך צו נעמען אומשולדיקע מענטשן, דערצו נאָך אינטעליגענץ און סתם אַזוי אַוועקשיסן?

איך האָב ווידער אַ מאָל איינגעזען, אַז די פּאַסירונגען אין ראַדאָמער געטאָ חזרן זיך איבער מיט דייטשישער פּינקטלעכקייט ווי אין לובלינער געטאָ. אַז כ׳האָב אַ מאָל פּרובירט איבערציייגן אַ ראַדאָמער ייד וואָס אונדז דערוואַרט פון די היטלעריסטישע פאַרברעכערס, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און מיך אָפּגעפטרט מיט אַ „גיי שוין, גיי״...

די מאַמע, שוועסטער און פרוי — אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט

אַ געוויסן טאָג איז מיר באַוווּסט געוואָרן, אַז מיין שוועסטער ריווטשע מיט איר מאַן געפינען זיך אין אַרמיי־פאַרפלעגונגס־לאַגער (A.F.L.), נישט ווייט פון ראַדאָם. אין דעם לאַגער זענען געווען באַשעפטיקט יידישע פּאַכלייט וואָס האָבן פאַרריכט מיליטערישע שיך און שטיוול, גענייט מונדירן און היטלען, ווי אויך באַדינט די ציווילע דייטשן וואָס האָבן געוווינט אין ראַדאָם און אומגעגנט. אויף יענעם אָרט איז אויך געווען די פאַרזאָרגונג־שטעלע פון שטרוי, האָבער און היי פאַר די פערד פון דער דייטשער אַרמיי. אין די אַלע ערטער האָבן געאַרבעט יידן, ווי אויך אַ צאָל פּוילישע

פרויען און מענער. מיין פרוי, וואָס איז אָנגעקומען קיין ראַדאָם אַלס קריסטין, אויף אַרישע פּאַפּירן, איז אויך געלונגען זיך איינצו־אָרדענען אין דעם לאַגער. נאָר וועגן איר זיין דאָרט, איז מיר באַוווּסט געוואָרן שפּעטער.

אַ געוויסער דייטש מיטן נאָמען שאַש האָט געפירט יידן פון געטאָ צו אַרבעטן אין דערמאָנטן לאַגער, ווו מ'האָט באַקומען בעסער עסן און אַ ניט שלעכטן געלעגער. האָב איך געטראַכט: ווי אַזוי קומט מען צו צו דעם שאַשן, ער זאָל מיך דאָרט מיטנעמען, הגם כ'האָב געוווּסט, אַז ס'איז אוממעגלעך, ווייל איך האָב דאָך באַלאַנגט צו די „הענגערס" (ד. ה. די פרעמדע, צוגעקומענע פון אַ צווייט אָרט אין ראַדאָמער געטאָ). און אַזעלכע ווי איך, אָן געלט און פּראָטעקציע, זענען געווען די ערשטע קאַנדידאַטן צום אויס־זידלען — און נישט געשיקט צו ווערן אויף אַ בעסערער אַרבעט־פּלאַצוווקע. פון דעסטוועגן איז מיר איינמאָל יאָ געלונגען, אַז שאַש זאָל מיך צוטיילן צו אַ גרופּע פון הונדערט פופציק יידן, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן צו אַרבעטן אין יענעם לאַגער.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויפלאָדענען אויף לאַסט־אויטאָס שווערע באַלן פון געפּרעסטן שטרוי. די באַלן האָב איך געמוזט טראָגן פון דער פּרעס־מאַשין צום אויטאָ און זייער אָפט בין איך געפאַלן פון די פיס, ווייל דאָס פאַרווונדעטע פנים איז נאָך נישט געווען פאַרהיילט און פאַרשאַפט גרויסע יסורים. איך האָב מיט די לעצטע כוחות געאַרבעט, כדי וווילגעפעלן שאַשן ער זאָל מיך איבערלאָזן. אויסער דעם, האָט אַ ייד אים עפּעס געגעבן אין האַנט אַריין — און איך בין עטלעכע חדשים געבליבן אין אַ.פ.ל.־לאַגער, ווו ס'איז געווען אַ מעגלעכקייט זיך צוצוקויפן עסן ביי די פּאָלאַקן און שמוגלערס. אויך מיין פרוי האָט דעמאָלט געאַרבעט ביים פאַריכטן זעלנערישע מונדירן — און איז נישט געוואָרן פאַרהונגערט. איך האָב נאָר געהאַט אַ הייסע תפילה צום רבונו־של־עולם, אַז דאָס אַלץ זאָל אונדז נישט פאַרשטערט ווערן;

מיר זאָלן נישט דאַרפן צום צווייטן מאָל אַדורכמאַכן די ליקווידאַציע פון געטאָ...

נאָר מיך דערוואַרט אַ גאָר באַזונדערע איבעררעאַשונג: איך באַמערק איינמאָל, ווי די יידן וואָס אַרבעטן מיט מיר ביים לאָדענען דאָס שטרוי, הייבן אָן זיך שושקען און וואַרפן אַ בליק דאָ אויף מיר, דאָ צום טויער פון לאַגער, אויף דער רעכטער זייט. אַ סברה, אַז אויך דעם דייטשן זעלנער וואָס האָט אונדז געהיטן, איז נישט געפעלן געוואָרן דאָס איבעררייסן די אַרבעט אויף אַ סעקונדע — און ער צעשרייט זיך:

— לאָז, לאָז, אַרבייטן, פערפלוכטע יודען!

דאָס סודען זיך האָט מאָמענטאַל אויפגעהערט, נאָר איין ייד זאָגט מיר שטילערהייט:

— כאַפּ אַ בליק אויף רעכטס!

איך דריי אויס דעם קאָפּ אין יענער ריכטונג און דערזע ווי יאַנקל לעדערמאַן פון פּיאַנקי דרייט זיך אַרום מיטן בעזים אין האַנט איבערן גרויסן הויף און, ווי תמיד, טוט ער אַכטונג עס זאָל זיין ריין אומעטום. אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַ גרויסע שופלע, אויף וועלכער ער נעמט צונויף מיסט און אָפּפאַל. דאָס האָט ער באַוויזן צו זאָגן עמעצן פון מיין גרופּע, אַז אויף יענער זייט דראָטן שטייט אַ פרוי וואָס טענהט, אַז אין דעם לאַגער געפינט זיך איר זון וואָס הייסט ישראל אייזענבערג, ווי אויך איר טאָכטער. די דאָזיקע פרוי גיט זיך טאָקע אָן פאַר אַ קריסטין, זי האָט אפילו די נייטיקע פּאַפּירן, נאָר יאַנקלען האָט זי אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז זי איז די מאַמע פון דער טאָכטער און זון. מיר האָט אַזש פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ס'האָט מיך גענומען טרייסלען פון שרעק. פון וואַנען האָט די מאַמע זיך גענומען אַהער? זי איז דאָך געבליבן אין לובלין, ביי אַ שכן אַ פּאָלאַק וואָס האָט זיך אונטערגענומען זי אויסצובאַהאַלטן פאַר אַ גוטער באַלוינונג. האָט ער זי אַרויס־געטריבן? ווו איז זי — אויסער דעם געטאָ, אָדער אינעווייניק?

איך אַרבעט ווייטער, נאָר די מחשבה איז דאָרט, ביים טויער, ווו די מאַמע פרעגט זיך נאָך און וואַרט אויף אונדז. מיר געלינגט צו זאָגן יאַנקל לעדערמאַן, צי לאָזט זיך עפּעס מאַכן מיטן דייטש פון דער וואַרטע, אַז פאַר אַ גוטן כּאַבאַר, זאָל ער זי אַריינלאָזן אין לאַגער און זי איינאָרדענען אין קיך. ליידער, פון מיין פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן. לעדערמאַנען איז בלויז געלונגען איבערצו־געבן מיין שוועסטער, אַז די מאַמע שטייט אין דרויסן. דער שוועס־טער האָט זיך איינגעגעבן פאַרבייצוגיין די לאַגער־פאַרצאַמונג און זאָגן דער מאַמען עטלעכע ווערטער — און מיט אַ צעבראָכן האַרץ און שווערן געמיט, האָט זי געמוזט זיך אומקערן אין לאַגער. דערנאָך האָבן מיר ביידע געזען ווי די מאַמע דערווייטערט זיך פון לאַגער, איבערלאָזנדיק אירע צוויי קינדער הינטער די שטעכל־דראָטן. איך האָב זיך דערמאָנט דעם טאַטנס לעצטע ווערטער, ווען ער האָט געגוסעט אין געטאָ אין מיידאַן־טאַטאַרסקי: „ביי ווועמען לאָז איך אייך איבער?!" נישט אַנדערש, ער האָט זיך פאַר אַלעמען געמיט, ווייל אויך מיין מאַמען איז געלונגען איבערצולעבן דעם ימח־שמוניק היטלער.

אַ לייטער ראַטעוועט מיך פון אַ זיכערן טויט

נאָכן אָפּאַרבעטן עטלעכע וואָכן ביים שטרוי, האָט מען מיך צוגעטיילט צום שטיוול־מאַגאַזין. דער שוסטער־וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אויפן פערטן שטאָק פון אַ גרויסן בנין, האָבן מיר געמוזט שלעפּן אין דער הייך אַ זאַק מיט 25 פּאָר שטיוול צום פאַרריכטן — און דערנאָך זיי אַראָפּטראָגן אין מאַגאַזין. אַזוי ווי ביי דער אַרבעט איז אויך געווען באַשעפטיקט נאָך אַ ייד, האָבן מיר ביידע אָפּגערעדט צו גנבענען שטיקלעך לעדער, דער עיקר — זוילן. געטאָן האָבן מיר דאָס אויף אַזאַ אופן: בעת יענער איז

געגאַנגען אַרויף מיטן זאַק שטיוול צום פאַריכטן, בין איך געגאַנגען אַראָפּ און געשלעפּט אויף זיך 25 פּאָר פאַראַכטענע שטיוול. אויפן וועג האָבן מיר זיך ביידע אָפּגעשטעלט און מיט שוסטער־צוואַנגען וועלכע מיר האָבן געהאַט אין טאַש, האָט מען פון אַ 2—3 פּאָר שטיוול אַראָפּגעריסן די זוילן, וועלכע מיר האָבן שפּעטער אַוועקגעלייגט אויף אַן אָפּגערעדט אָרט אויפן הויף, פון וואַנען ס'האָט זיי צוגענומען יאַנקל לעדערמאַנס העלפער, קראַכמאַלניק, אויפרוימער אין לאַגער. ער האָט שוין געהאַט זיינע פּלאַנען וועמען ר'האָט פאַרקויפט די סחורה און דערפאַר האָבן מיר געהאַט אַמאָל צו דערכאַפּן זיך די הערצער מיט אַ שטיקל ווורשט, אַ פּרוכט, אַ ברויט.

נאָר ווי לאַנג קאָן אָנהאַלטן אַזאַ גליק אין יענע שרעקלעכע צייטן? אַט שלעפּ איך אַ געוויסן טאָג דעם זאַק מיט די שטיוול און דערזע דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק, ווי עס פאָרן אַריין עטלע־כע לאַסט־אויטאָס מיט די שוואַרץ־מונדירטע ס.ס.־לייט, באַוואָפנטע מיט ביקסן און מאַשינגעווער. פאַר מיר, דעם בעל־נסיון פון די היטלעריסטישע אַקציעס און אויסזידלונגען איז געווען קלאָר, אַז איצט קומט דער סוף פון לאַגער מיט זיינע שקלאַפן־אַרבעטער. נאָר בשעת מעשה איז אין געדאַנק אַדורכגעלאָפן אַ צווייטע מחשבה: אפשר איז נאָך נישט געקומען די שעה? ווייל בדרך־כלל האָט מען געפילט אָדער געוווּסט אַ טאָג פריער, אַז עס דערנענ־טערט זיך דער סוף. און דאָ, אַזוי איבערראַשנדיק שנעל, אין אַ ריין מיליטערישער פלאַצווּקע, וועלכע האָט באַדינט די ווערמאַכט. ניין, איצט טאָר מען נישט צופיל אַריינקלערן, נאָר מ'דאַרף אָנהייבן טאָן. איך וואַרף אַוועק דעם זאַק, לויף אַראָפּ פון די טרעפּ, גיי אַרויס אויפן הויף און דערזע ביי אַ דערבייאיקן בנין אַ לאַנגע, שווערע לייטער. מיט די לעצטע כוחות הייב איך זי אונטער און הענג זי אָן אויפן רעכטן אַקסל, ווייל דער לינקער איז געווען פאַר־לעצט פון דער קויל וועלכע כ'האָב באַקומען אין לובלין. איך לאָז

זיך מיטן לייטער גלייך צום טויער, דער דייטשער וואַך־פּאָסטן פרעגט נישט אַפילו צו וואָס און ווּ אַהין איך גיי. זיי לאָזן מיך אַדורך — איך בין אויסער דעם לאַגער. איך גיי נאָך אָפּ אַ הונדערט מעטער מיטן לייטער, שטעל זיך אָפּ, דריי אויס דעם קאָפּ צום טויער און דערזע ווי מען נעמט אַראָפּ די פריערדיקע וואַך און עטלעכע ס.ס.־באַנדיטן נעמען איבער די שמירה. איך גיי שנעל אַוועק פון דעם אָרט און קום צו צו אַ בוים, אויף וועלכן איך קלעטער אַרויף מיט די לעצטע כוחות און פון דאָרט קאָן איך אָבסערווירן וואָס עס קומט פאָר. די רוצחים האָבן פון די וואַר־שטאָטן אַרויסגעטריבן אַלע מענער און פרויען, זיי אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ און דערנאָך מיט קלעפּ, געשרייען און זידלערייען זיי געטריבן אין די אויטאָס. אַז מ׳האָט פאַרלאָדנט אַלע בעלי־מלאכה׳ס אויף די אויטאָס, זענען זיי אַרויסגעפאָרן פון לאַגער.

זיצנדיק אויפן בוים, האָב איך זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. דאָס געוויסן האָט מיך געגנומען פייניקן: ישראל, ווי אַזוי האָסטו געקענט אַליין אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק אין לאַגער באַלטשען, די שוועסטער מיטן מאַן, און אפשר אויך — די מאַמען? אָבער גלייכצייטיק האָב איך געוווסט, אַז מיין בלייבן דאָרט, וואָלט זיי נישט געראַטעוועט, ווייל דער גורל פון אַלע איז געווען אַ גע־חתמעטער.

מיט אַ שווער האַרץ און אַ סך פאַרביטערונג פון אַ מאַן, וואָס האָט פאַרלאָזן זיין פרוי אין אַן עת־צרה, הגם איך האָב נישט זוכה געווען צו זען זי אין לאַגער, בין איך אַראָפּ פון בוים און זיך גע־לאָזן גיין... וואַהין? נישט געווען פאַר מיר קיין אַנדער וועג, ווי נאָר זיך אומקערן אין ראַדאָמער געטאָ, דאָס אָרט פון ליידן, פּיין, הונגער, קראַנקייטן און ווייטערדיקע אומזיכערקייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג.

אין לאַגער האָט די לייטער מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. איז פאַראַן אַ האָפענונג אויך ניצול צו ווערן אין געטאָ?

צוריק אין געטאָ

פּאַרטיפט אין געדאַנקען וואָס האָבן געפּייניקט און נישט געלאָזט רוען, בין איך צוגעקומען צו דער שטאָט און אַפילו נישט געפילט, ווי איך גיי איבער די גאַסן פון דער פּוילישער געגנט, אָן דעם מגן־דוד־צייכן. יעדער פאַרבייגייענדיקער פּאָלאַק צי דייטש האָט מיך געקאָנט אַנטדעקן און איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. צוקומענדיק צו דער געטאָ־פאַרצאַמונג, האָב איך נישט געוואָלט ריזיקירן מיט אַדורכגיין דעם הויפּט־טויער, ווו יידישע פּאָליציאַנטן האָבן שטאַרק מקפּיד געווען און געפּאַרשט אייגענע, נאָר גאָר באַזונדער — פרעמדע. זיי וואָלטן מיך גלייך אויסגעליפערט צו די דייטשע רוצחים. גייענדיק לענגאויס דעם פּאַרקאַן, האָב איך אַנטדעקט אַ ברעט וואָס האָט זיך געלאָזט אונטערהייבן — און כ'בין ווידער אין געטאָ, ווו ס'איז מיר גוט באַקאַנט יעדער ווינקל.

איך לאָז זיך אַוועק אין הויז פון הרב זלאָטניק, אין קעלער, מיין פריערדיקע אַכסניה. אין הויז באַגעגנט מיך פּאַסטערנאַק, מיט וועמען כ'האָב אַ שטיק צייט געוווינט צוזאַמען. איצט האָט ער אַ וווינונג און ער פאַרבעט מיך טאַקע צו זיך. איך האָב ווו צו שלאָפן די ערשטע נאַכט און זיך אויסרוען נאָך די לעצטע איבערלעבונגען.

די נייע זאָרג הייבט זיך אָן מיטן אָנקומענדיקן טאָג. איך בין דאָך אין געטאָ אַן אומלעגאַלער, אויסגעשטעלט אויף אַלע געפאַרן. דאָ ווייסט מען שוין וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט די מענטשן פון אַ.פּ.ל.־לאַגער. דאָרט זענען געווען באַשעפטיקט אַ סך קרובים, מענער און פרויען, קינדער און עלטערן פון די געטאָ־איינוווינערס. די לעצטע איז שוין באַוווּסט, אַז מ'האָט די קרבנות אַוועקגעפירט אין לאַגער בליזשין, ווו זיי זענען אומגעקומען — אַן אָנדייטונג צי אָנזאָג, אַז אויך די אַנדערע יידן דערוואַרט דער זעלבער גורל.

ווידער האָבן זיך געפונען גוטע יידן, וואָס האָבן מיך באַזאָרגט מיט אַן אַרבעטס־קאַרטע, ווייל אָן דעם האָב איך אויך נישט

געקענט באַקומען דעם נעבעכדיקן פּראָדוקטן־צוטייל. נאָר אַפילו מיטן דאָקומענט, האָב איך נישט געוואָלט צופיל זיך וואַרפן אין די אויגן פון די געטאָ־פּאָליציאַנטן. זיי האָבן גלייך דערשפּירט ווער ס'איז אַן אייגענער, ווער אַ פרעמדער; פון וועמען לאָזט זיך שלעפּן געלט אָדער ביזשוטעריע און פון וועמען עס וועט זיך גאָרנישט לאָזן נעמען. אַזעלכע זענען גלייך געוואָרן פאַרהאַלטן און איבערגעוויזן די דייטשע מערדערס.

די ווונד אין מויל האָט זיך גענומען ביסלעכווייז פאַרהיילן. מיר איז שוין לייכטער געווען צו עסן, באַזונדערס שיטערע זופּן. נאָר ווו נעמט מען זיי? מיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון די מ'שטיינסגעזאַגטע בגדים וועלכע כ'האָב געטראָגן אויף זיך, נאָכן אַנטלויפן פון לאַגער.

נאָר אָט באַגעגן איך אין געטאָ העניעק פּרוכטמאַן, אַ ייד פון לובלין. זיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ פּרוכטן־געשעפט אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס, ווו מ'האָט אויך געקענט באַקומען גוטע צוקער־געבעקס, קעזקוכן, פלאָדן. העניעק, פונקט ווי איך, איז נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ אין לובלין, אַנטלאָפן קיין ראַדאָם. איך לייג אים פאָר צו באַקן טשאַסטעס און זיי פאַרקויפן. זאָל ער אַריינלייגן געלט, איך — „שכל"... קיין סך געלט האָט ער נישט געהאַט. מיר געלינגט צו באַקומען אַן הלוואה און פון דער בשותפותדיקער סומע האָט מען געקויפט עטלעכע קילאָ מעל און צוקער. פונעם אַרויסגעוואָרפענעם מעבל פון די אויסגעליידיקטע דירות האָב איך צונויפגעשלעפּט האָלץ — און מיר פירן אַ בעקעריי פון זיסוואַרג אין משך פון אַ קורצער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע סחורה איז גאָר שנעל צעכאַפּט געוואָרן. מיר האָבן געמוזט אָנווענדן די גרעסטע פאַרזיכטיקייט, אַז די געטאָ־פּאָליציי זאָל נישט אַנטדעקן די בעקעריי און אויך נישט פאַרהאַלטן וועמען פון אונדז ביים פאַרקויפן. אַזאַ „פאַרברעכער" וואָלט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דעם געטאָ־קרימינאַל ביי דער פּאָליציי, ביזן איבערגעבן אים צו

די דייטשן. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז ווער פון די שיכורע רוצחים פלעגט קומען ביינאַכט אין אַרעסט, צונעמען פון דאָרט די פאַרהאַלטענע יידן און זיי שיסן אויפן אָרט, אָדער אויסער דעם געטאָ.

נאָר ווי לאַנג די אונטערנעמונג האָט געאַרבעט — איז אונדז געלונגען. איך בין געווען דער צושטעלער פון אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן און דער פאַרקויפער. העניעק איז געווען דער פאַכמאַן, דער בעקער.

אין חודש נאָוועמבער האָבן זיך באַוויזן ס.ס.־לייט, באַגלייט מיט אוקראַינער און פּוילישע פּאָליציאַנטן און באַפוילן די יידן אין געטאָ זיך אויסשטעלן אויפן פּלאַץ פאַרן יודענראַט. פון דאָרט האָט מען זיי געהייסן איבערגיין אויף דער שקאָלנע גאַס, ווו עס קומט אַ נייער באַפעל: אַלע עלטערע מענטשן, וואָס דער רוב פון זיי זענען געווען טאַטע־מאַמע פון די יידישע פּאָליציאַנטן, ווי אויך די פרויען און קינדער — זאָלן זיך אויסשטעלן אויף אַ באַזונדער אָרט. מיט אַמאָל דערהערט זיך אַ מעלדונג, אַז די פרויען און קינדער זאָלן אַריינגיין אין אַ באַראַק, ווייל זיי קאָנען זיך נאָך צוקילן אין דער פינצטערער נאַכט. דערנאָך מעלדעט דער דייטש בוכמאַיער, אַז דער עולם זאָל זיך פאַרהאַלטן רואיק, די פרויען מיט קינדער וועט מען איבערפירן אויף אַ זיכערן אָרט. אין צווישנצייט איז געקומען אַן אויטאָ מיט די א. ג. „מוזולמענער״, אויסגעדאַרטע, דערשעפּטע און פאַרצווייפלטע שקלאַפן־אַרבעטער פון דער אַמוניציע־פאַבריק („וויטוורניאַ״) — און מען באַפעלט אַלעמען צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. אייניקע יידן בעטן זיך ביי באַקאַנטע דייטשן, מען זאָל זיי לאָזן מיטפאָרן מיט די קינדער — און די דערלויבעניש ווערט געגעבן... דאָס איז געווען דער סוף פון איין ראַדאָמער געטאָ.

ביים גראָבן טאָרף

אַ געוויסן טאָג האָבן יידישע פּאָליציאַנטן מיך געכאַפּט אויפן גאַס צו דער אַרבעט. איך בין געווען זיכער, אַז איצט איז מיין סוף, ווייל מיט אַ טאָג פריער האָט מען אַ צאָל יידן גענומען פון זייערע היימען און פון דער גאַס, זיי צוגעשטעלט צום ס.ס.־עלטסטן שיפּערס. דער רוצח האָט באַפוילן די אומגליקלעכע זיך אויסצושטעלן אין צוויי רייען, יעדן צענטן אַרויסגענומען פון דער ריי און פאַר אַלעמענס אויגן זענען זיי געוואָרן דערשאָסן פאַר נישט אַרויסגיין אַרבעטן. מעגלעך, אַז אויך איצט וועלן די דייטשן אומברענגען אַ ביסל יידן פאַר כלומרשטער לייזיקגייעריי. נאָר אויך דאָס מאָל האָט מיר אָפּגעגליקט. מען שיקט מיך מיט נאָך יידן הינטער דער שטאָט, אויף אַ ריזיק פעלד, וואָס איז גוט דורכגעווייקט. מיר דאַרפן גראָבן און שניידן טאָרף אין „קאָסטקעס", ענלעכע צו ציגל און זיי צונויפלייגן אין שטאַבלען צום טרוקענען.

די דאָזיקע אַרבעט, ווי אַלע צוואַנג־באַשעפטיקונגען פאַרן דייטש, איז געווען אמתע קאַטאָרגע. און צו דעם אַלעמען — נישט קיין עסן צו דער זעט, קיין וואַסער צום טרינקען, קיין איבעררייסן צו כאַפּן דעם אָטעם און זיך אַ ביסל אָפּרוען און — — — קלעפּ, זידלערייען, ברוטאַלע באַהאַנדלונג פון דייטשע אויפזעערס און זייערע באַהעלפערס, פּאָלאַקן ווי יידן. ס'האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין דערשיסונגען אויפן אָרט.

צווישן די הונדערטער שקלאַפן־אַרבעטער ביים טאָרף זענען אויך געווען פאַלן פון קראַנקייטן, הויכע היץ, אָפּשוואַכונג. אַזעלכע האָט דער דאָקטער פאַרשריבן צו ליגן עטלעכע טעג אין שפּיטאָל. איין מאָל זענען געקומען אַהין די היטלעריסטן און צוגענומען פון דאָרט צען יונגעלייט, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן — אַן אָנזאָג, דראָונג און וואָרענונג פאַר די וואָס ווילן ליגן אין שפּיטאָל, אַנ־

שטאַט אַרבעטן. פון יענער רציחה האָט מען בעת די אַפּעלן אויפֿגעהערט זיך צו מעלדן צום דאָקטער, אַפילו קראַנקע מיט 38 גראַד היץ און מערער.

איך, ווי אַ געקומענער אין ראַדאָמער געטאָ פון דער פרעמד, האָב באַלאַנגט צו די אַזוי גערופענע „הענגערס״, וואָס זייער גורל איז געווען באַזונדערס שווער, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין פריינד אָדער באַקאַנטן, וואָס זאָל זיי איינאָרדענען אויף לייכטערע אַרבעטן. בין איך אַן אויסגעווייקטער פון וואַסער, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, געווען באַשעפטיקט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג ביים גראָבן, שניידן און אויסלייגן צום טרוקענען דעם טאָרף, וועלכער האָט באַדאַרפט דערוואַרעמען די היימען פון די פּאַלאַקן. אַ פאַרצווייפלטער האָב איך געטראַכט, אַז דאָ, אויף די נאַסע טאָרף־פעלדער, וועט זיך ענדיקן מיין יונג לעבן. נאָר יעדעס מאָל, ביי אַ באַזונדערס שווערער סיטואַציע, איז ווי מיט אַ נס פון הימל, פאָרגעקומען אַן ענדערונג, הגם ביסט קיין מאָל נישט געווען זיכער, צי וועט די ענדערונג זיין צום גוטן.

אָט באַווייזט זיך אַ דייטש און נעמט אַוועק אַ צוואַנציק יידן פון די טאָרף־פעלדער. אין אויסגעווייקטע בגדים, נאַסע פיס און פאַרבלאָטיקטע שיך, שטיי איך צוזאַמען מיט די אַנדערע און וואַרט מיט האָפענונג (אפשר נעמט מען אונדז צו אַ לייכטע אַרבעט) און מורא (קוים דערשיסט מען אַלע). עס הערט זיך אַ באַפעל „מאַרשירן״. מיר קומען צו צום פעלד וווּ עס געפינט זיך דער אויסגעטרוקנטער טאָרף און מען הייסט אונדז אויפלאָדן דעם הייץ־מאַטעריאַל אויף צוויי גרויסע לאַסט־אויטאָס. בעת דער אַרבעט דערוויס איך זיך, אַז דער טאָרף איז באַשטימט פאַרן לאַגער בליזשין, ווו ס׳געפינט זיך מיין פרוי זייט אונדזער צעשיידונג. זי איז דאָרט באַשעפטיקט אין די ניי־וואַרשטאַטן וועלכע אַרבעטן פאַר דער אַרמיי (A.F.L.).

נאָר מיך דערוואַרט נאָך אַן איבעררעשונג. צווישן די צוויי יידן

וואָס זענען באַזאַמען מיט דער דייטשער וואַך געקומען פון בליזשין, געפינט זיך אויך מיינער אַ גוטער באַקאַנטער פון לובלין, האַלבער־שטאַט, דער זון פונעם פאַרבן־סוחר אַהרון האַלבערשטאַט פון דער נאָווע־גאַס. מיר האָבן אַמאָל געדאַוונט אין ראַדזינער שטיבל אויף לובאַרטאָווסקע 18. איך בעט ביי אים אַ געפעליקייט, וואָס אין יענע שרעקלעכע צייטן איז עס געווען ריזיקאַליש און דראָענדיק, אַפילו ביז טויט־שטראָף: ער זאָל פאַר מיין פרוי אין בליזשין מיטנעמען אַ ברויט. דער דאָזיקער ייד האָט זיך נישט געוואַקלט קיין רגע און גלייך איינגעשטימט דאָס צו טאָן.

איך האָב אין געטאָ געקויפט אַ ברייטל פון צוויי קילאָ, אויסגע־בויערט דערין אַ שמאָל לעכל און דאָרט פאַרשטעקט אַ בריוול צו באַלטשען — די ערשטע עטלעכע ווערטער נאָך אַ צעשיידונג, וואָס מיר האָבן נישט געוווּסט צי מ'לעבט. אַ סברה, אַז מיין אַנטלויפן פון A.F.L. לאַגער איז געווען אַ נס מן השמים, איך זאָל איצט קענען באַזאָרגן מיין פרוי מיט ברויט, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, איז דאָס ברויט גאָר דערגאַנגען צו דער פרוי בראַנקע ליפּסמאַן פון זוואָלין. זיי האָבן עס טאַקע גענומען עסן מיט אַפּע־טיט, ביז מ'איז צוגעקומען צום בריוול. נאָכן איבערלייענען האָבן זיי אויפגעזוכט באַלטשען אין פרויען־לאַגער און איר איבערגעגעבן אַ האַלב ברויט — די טייערסטע מתנה פאַר אַן אויסגעהונגערטן מענטש. אומקערן דעמאָלט באַלטשען דאָס ברויט איז נישט נאָר געווען אַן השבת אבידה, נאָר אַ הומאַניטאַרער אַקט פון דער העכ־סטער מדריגה).

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז האַלבערשטאַט ווידער גע־קומען קיין ראַדאָם און כ'האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שיקן באַל־טשען נאָך אַ ברויט.

אין דער אַמוניציע־פאַבריק

אַ געוויסן פרימאָרגן שטיי איך מיט נאָך צענדליקער שקלאַפן־אַרבעטער ביים געטאָ־טויער און וואַרטן אויפן באַפעל פון ס.ס.־מאַן „מאַרש!״ נאָר דאָס מאָל איז עפּעס אַן אָפּהאַלט. מען ציילט די יידן איין מאָל, נאָך אַ מאָל, צום פינפטן מאָל — עס שטימט נישט מיט דער צאָל. ווי באַוווּסט, מוז ביי די דייטשן שטימען... עס פלעגט פּאַסירן, אַז איינעם אָדער צוויי יידן איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער ריי און זיך אַריינבאַקומען צווישן דער גרופּע פּוילישע אַרבעטער, באַשעפטיקטע אויף אַנדערע פּלאַצוווקעס. נאָר אויב איינער האָט געפעלט, האָבן יידישע פּאָליציאַנטן צוגעשטעלט אויפן אָרט פון אַנטלאָפענעם אַן אַנדערן ייד, מיט אַ צולאָג פון נאָך עטלעכע, געכאַפּטע אין געטאָ. איצט בין איך געווען צווישן די געכאַפּטע און נישט געוווּסט אויף וועלכן אַרבעט־פּלאַץ איך ווער צוגעטיילט.

ענדלעך דערהערן מיר דעם באַפעל „מאַרש!״. עס נעמט נישט קיין סך צייט ווי מיר קומען צו צו אַ גרויסער אַמוניציע־פאַבריק, וועלכע האָט נאָך געאַרבעט פאַר דער פּוילישער אַרמיי ביזן אויסברוך פון קריג („וויטוווּרניאַ בראָני״). אויך דאָ איז געווען פאַר מיר אַ קאַטאָרגע, גאַנצע 12 שעה, כמעט אָן איבעררייס. די פאַבריק האָט געאַרבעט 24 שעה אין מעת־לעת, אין צוויי שיכטן. דעם ערשטן טאָג האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן, צי וועט מען מיך צוריק ברענגען אין געטאָ, אָדער איך בלייב אויפן אָרט. נאָר אין ביידע פאַלן ביסטו נישט זיכער צי מען בלייבט לעבן.

מיין אַרבעט איז געווען ביים „צעלאָווניק״, ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט עטלעכע הונדערט יידן. אונדזערע אויפזעערס זענען געווען: אַ דייטש אַ סאַדיסט און אַ פּאָלאַק אַן אויסוואָרף, זיין פאַרטרעטער. מיט זיין איזדעקעווען זיך איבער די יידן האָט דער פּוילישער קאַלאַבאַראַנט געוואָלט זיך חנפענען צום נייעם הערשער, זיין איי־

גענעם באַצווינגער. מיר האָבן יעדן טאָג באַדאַרפט אויסאַרבעטן די נאַרמע — עטלעכע קעסטלער מיט אַמוניציע און פאַרשידענע טיילן. נאָר צו דעם איז צוגעקומען אַ צווייטע „נאַרמע" — פון קלעפּ, זידלערייען און אַפּילו שיקן צום טויט די וואָס ביי די אויפזעערס האָבן זיי אויסגעזען ווי „מאַרקעראַנטן", ד.ה. אַזעלכע וואָס פוילן זיך כלומרשט ביי דער אַרבעט. איך, ווי די אַנדערע שקלאַפן, האָבן פון זיך אַרויסגעיאָגט די נשמה צו דערגיין צו דער איינגעשטעלטער נאָרמע — ביז איך בין געפאַלן אויף אַן המצאה: אַראָפּנעמען פון יעדער קעסטל איין אויסגעאַרבעטן טייל און אים באַהאַלטן אונטער דער מאַשין און אַזוי אַנזאַמלען אַ זאַפּאַס אויף יענע טעג, ווען כ'וועל נישט זיין מסוגל צו פּראָדוצירן די פולע נאַרמע. אַזעלכע טעג האָב איך געהאַט נישט איין מאָל — און תמיד האָט דער מוח באַדאַרפט טראַכטן און קאָמבינירן ווי אַזוי עטוואָס פאַרלייכטערן דאָס שווערע, ביטערע לעבן. ווייל אַך־און־וויי איז געווען צו די וואָס האָבן נישט געקענט זיך „אַ דריי טאָן" אין יענע פינצטערע צייטן.

אַ געוויסן טאָג האָט מען געברענגט אַ נייע גרופּע אַרבעטער פון בודזין, אַ לאַגער ביי קראַשניק. צווישן די יידן האָב איך דערקענט מיינעם אַ פריינד פון שטעטל זאַקשעוועק, גדליהו עהרענבערג, וועמען מ'האָט צופעליק אַוועקגעזעצט ביי אַ מאַשין נעבן מיר. ער איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט און דערשלאָגן, אַז ס'האָט נישט געקענט זיין קיין רייד ער זאָל אין די ערשטע טעג מצליח זיין אויסצואַרבעטן די נאָרמע. האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן מיט מיינע „זאַפּאַסן", ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו די נייע באַדינגונגען. פון די עטלעכע טויזנט יידן אין דער „וויטוורניע" בין איך און גדליהו געווען די איינציקע פון לובלין און אומגעגנט. מיר האָבן אָפּגעשטימט אַז גאַנץ פרי, איידער די דייטשע און פוילישע אויפזעערס באַווייזן זיך און איידער די טראַנסמיסיעס ווערן געלאָזט אין גאַנג, וועל איך פאַר עטלעכע יידן זאָגן אויפן הויכן קול איינציקע ברכות פון תפילת שחרית. איך האָב גענוי נאָכגעמאַכט קלמן שמש פון חברה נושאים

בית־המדרש אין לובלין, וואָס פלעגט פון די ערשטע דאַוועגען גאַנץ פרי, ווען שטערן האָבן נאָך געפינקלט אויפן הימל. זיין קול האָט דעמאָלט געקלונגען אויף דער פאַרשלאָפענער לובאַרטאָווסקע־גאַס ווען ער האָט געלויבט גאָטס נאָמען. „ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם אשר נתן לשכוי בינה להבחין בין יום ולילה...״ — און מיין שכן גדליהו האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ הויכן „אָמן!״.

ניט לאַנג איז מיר אַויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער „וויטוואַר־ניע״. נאָך דעם ווי כ׳האָב אין געטאָ געפונען אַ „יודען־קאַרטע״ אויפן נאָמען פון ישראל וואַלמאַן, ווען די רוצחים האָבן צוגענומען אין איינער פון די אויסזידלונגען, האָב איך עטלעכע נעכט זיך אויסבאַהאַלטן, נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט אין דער אַמוניציע־פאַבריק און דערנאָך געוואָרן אַ „נאָרמאַלער״ געטאָ־ייד אַ דאַנק דעם געפונענעם דאָקומענט. איך וועל אויס „הענגער״ און הייב אָן זוכן אַ בעסערע אַרבעט — און טאַקע זי דערגרייכט.

מיר שטעלן אויף אַ דרוקעריי

אָנהייב זומער 1943 האָבן די דייטשן געבראַכט קיין ראַדאָם אַ דרוקעריי פון וואַרשע. אַ סברה, אַז דאָס זענען געווען די דרוק־מאַשינען, אותיות און אַנדערע איינריכטונגען פון דער דרו־קעריי וועלכע האָט געהערט צו דער יידישער טאָג־צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך — „נאַש פשעגלאָנד״, וואָס איז דער־שינען ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. און גיי ווייס, אַז צוליב דער געשעעניש, וועט מיר ווידער צושפּילן דאָס מזל אויף אַ שטיקל צייט און כ׳וועל באַקומען סיי אַ בעסערע אַרבעט, סיי בעסער עסן.

אַ געוויסן פּרימאַרגן האָט די יידישע פּאָליציי מיך אַרויס־גענומען פון דעם שווערן שלאָף, אין וועלכן כ׳בין געווען פאַרזונקען נאָך דער קאַטאָרגע־אַרבעט אין דער „וויטוורניע״. אַ גרופּע פון הונדערט פופציק געכאַפּטע יידן, ווי איך, אַלע „הענגערס״, ד״ה נישט קיין ראַדאָמער יידן, האָט מען אויסגעשטעלט ביים טויער און מיר האָבן אָפּמאַרשירט צו דער באַן־סטאַציע. דאָרט האָבן מיר פון די וואַגאָנען אויסגעלאָדן קאַסטנס מיט טיילן פון די מאַשינען און קעסטלעך מיט די בלייענע אותיות, וועלכע מ׳האָט אין גרויסער אָרדענונג אויסגעשטעלט ביי די לאַסט־אויטאָס און דערנאָך אַלץ אַוועקגעפירט אין דער געביידע פון אַ פאַבריק פון פּאַפּיר־אויסאַרבעטונגען, וועלכע האָט פאַרן קריג געהערט צו אַ ראַדאָמער ייד.

הגם דאָס שלעפּן די קאַסטנס און קעסטלעך איז נישט געווען פון די לייכטע אַרבעטן, איז עס פאַרט געווען פאַר מיר אַ דער־לייכטערונג. 12 בייטאָג, האָט דער יידישער אויפזעער אויפצושטעלן די דרוקעריי, ווינאַגראַדזקי, געברענגט פאַר אונדז הייסע, שוואַרצע קאַווע פון ציקאָריע און צו דעם צוגעגעבן אַ פּערטל ברויט. אַלץ צוזאַמען האָט אונדז אויסגעזען ווי מן פון הימל.

אַלע מיינע יאָרן האָב איך געהאַט אַ נטיה צו פאַרריכטן, מייסטרעווען און ברענגען אין אָרדענונג פאַרשידענע שטוב־זאַכן. ווינאַגראַדזקי האָט אַוודאי באַמערקט די דאָזיקע שוואַכקייט מיינע און מיך באַשטימט ווי זיינער אַ געהילף צו מאָנטירן די מאַשינען. האָט ער באַפוילן דעם יידישן פּאָליציאַנט, ער זאָל אויך מאָרגן מיך צושטעלן צו דער גרופּע.

נאָך עטלעכע טעג פון אויפשטעלן די דרוקעריי, האָט מען אין ראַדאָמער געטאָ געברענגט הונדערט יידן פון טויטן־לאַגער מיידאַנעק, זיי זאָלן אַרבעטן פאַר די דייטשן. דאָס זענען געווען דרוקער־אַרבעטער — פאַכלייט. די ראַדאָמער יידן האָבן זיך דער־שראָקן פונעם בלויזן אויסזען פון די ניי־געקומענע, ווייל אַזעלכעס

האָבן זיי ביז איצט נישט געזען אין געטאָ, צי אויף די פאַרשידענע פלאַצווקעס. די הונדערט יידן האָבן דערמאָנט לעבעדיקע מתים: דאַרע, אָפּגעצויגענע פּנימער, איינגעפאַלענע אויגן און אַרויס־שטאַרצנדיקע ביינער איבערן גאַנצן קערפּער. די קיילעכיקע היטע־לעך אויף זייערע אָפּגעגאָלטע קעפּ, די געשטרייפטע הויזן און רעקלעך אין וועלכע זיי זענען געווען אָנגעטאָן, די הילצערנע טרעפּאַקעס אויף די פיס — האָבן געשאַפן דעם איינדרוק פון מענטשן וואָס זענען געקומען פון אַן אַנדערער פּלאַנעטע. דאַקעגן מיר זענען די דאָזיקע געשטאַלטן געווען גוט באַקאַנט, איך האָב זיי טאָג־טעגלעך געזען פון מיידאַן־טאַטאַרסקי אין לובלין, אין נאָענטער שכנות פון מיידאַנעק, ווו עס האָבן זיך געפונען די רעשטלעך יידן פון געטאָ.

נאָך עטלעכע טעג אַרבעטן אין דער דרוקעריי, זענען די דאָזיקע יידן עטוואָס געקומען צו זיך אַ דאַנק דעם בעסערן עסן, באַהאַנדלונג, און דער עיקר — אַ דאַנק דעם פאַרלאָזן די אַטמאָספער און רעזשים פון מיידאַנעק. מיך האָט מען צוגעטיילט אין דער שלאָסעריי, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער וואַרשעווער ייד טורעק. זיינע עלטערן האָבן געוווינט נאָענט פון מיין זיידנס פוטער־געשעפט אין וואַרשע, אויף דער נאָוויניאַרסקע־גאַס. טורעקס פאָטער האָט געהאַט אַ פאַבריקל פון מעטאַל־אויסאַרבעטונגען פאַרן פוילישן מיליטער, דעריבער איז ער געווען בקי אין דער בראַנזשע. אויך די דרוקער־אַרבעטער וועלכע מ'האָט געבראַכט פון מיידאַנעק, זענען געווען געניטע פאַכלייט פון די וואַרשעווער דרוקערייען.

מערער ווי אַ יאָר האָט די ראַדאָמער דרוקעריי באַדינט די דייטשן. מיטן צוריקטריט פון דער דייטשער אַרמיי אויף די פראָנטן, איז אויך די דרוקעריי געוואָרן עוואַקואירט.

איך ווער אַ נומער — 26335

אין חודש נאָוועמבער 1943, אין אַ זייער קאַלטן פרימאָרגן, האָט מען באַפוילן אַלע אַן אויסנאַם איינוווינערס פון ראַדאָמער געטאָ, זיי זאָלן מיט זייער האַנט־באַגאַזש זיך צושטעלן צום יודענראַט. ווי נאָר די יידן זענען צו דער באַשטימטער שעה געקומען אויפן אָרט, זענען זיי געוואָרן אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרן און ס.ס.־לייט. צופוס האָט מען אונדז איבערגעפירט אויף דער שקאָלנע־גאַס (שול־גאַס) אין ראַדאָם, ווו מיר האָבן געטראָפן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, איינגעאָרדנט לויט די כללים פון דער נאַצישער פּלאַנירונג. מ׳האָט אַלעמען באַפוילן זיך אויסטאָן און אָוועקלייגן די ציווילע בגדים, וועלכע מ׳האָט געטראָגן אין געטאָ. ביי איינעם פון די טישן, ווו ס׳איז געזעסן דער קאָמענדאַנט זיגמאַן און אַ שרייבער, איז געשטאַנען אַ קאַסטן, ווו מ׳האָט באַפוילן אַריינצוואַרפן דאָס געלט, גאָלד און צירונג וועלכע מ׳האָט געהאַט ביי זיך. אייניקע יידן האָבן זיי באַפוילן גוט צו באַזוכן, צי זיי באַהאַלטן נישט קיין ווערטזאַכן אין פאַרבאָרגענע ערטער. ווי נאָר מ׳האָט עפּעס אַנטדעקט ביי אַזאַ ייד — איז ער אויפן אָרט געוואָרן דערשאָסן.

איצט האָט יעדער פון אונדז באַקומען די לאַגער־קליידונג: אַ קיילעכיק היטל, הויזן און רעקלער אין פּאַסן. ס׳איז אויף אונדז מיט איינמאָל גילטיק געוואָרן דאָס ווערטל „אַלע יוונים האָבן איין פּנים״. ווי טראַגיש מיר האָבן נישט אויסגעזען אין די „מונדירן״, האָט זיך נישט אויף איין פּנים באַוויזן אַ ביטערער שמייכל, ווען מ׳האָט זיך אָנגעקוקט. אויך די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן געמוזט אָוועקגעבן זייערע היטלען מיט די גלאַנציקע דאַשקעס און קנעפּ, די גאַליפּע־הויזן מיט די שיינע קורטקעס, די הויכע שטיוול און גוטע וועש. זיי ווערן די זעלבע לאַגערניקעס ווי מיר. „אויס קנאַקערס״ — רוימט מיר איין אַ ייד אַ סוד. „איצט זענען זיי געגליכן צום פּאָלק, עמך, ווי יעדער געטאָ־ייד״. נאָר די לאַגע פון געוועזענע

יידישע פּאָליציאַנטן איז פּאָר אונדז געווען אַ קנאַפּע טרייסט. נאָך מיין דערפאַרונג אין לובלין, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט וואָס אונדז דערוואַרט, אויך אין די נייע באַדינגונגען.

אונדזער הערשער איז ווידער זיגמאַן, מיט זיינע מאַניערן פון אַ צירק־קלאַון, וואָס האָט בעת די אַפּעלן און אינספּעקציעס אין לאַגער, אונטערגעהאַפּסלט און אונטערגעטאַנצט, אָבער דערביי נישט פאַרגעסן צו באַפרידיקן זיינע חיהשע אינסטינקטן און סאַדיזם מיט באַשטראָפן און פּייניקן די קרבנות. פון איצט אָן זענען מיר אַלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נומערן, אָנגענייט פון פאָרנט, אויף דער ברוסט און אויפן רעכטן אַרבל־הויז, אונטער דער קני. ביים נומער איז אויך געווען צוגענייט אַ רויטער דרייעק. אויך איך באַקום אַ נומער — 26335.

אייניקע פּאָליציאַנטן האָבן אויך אין לאַגער אויף דער שקאָלנע־גאַס באַשלאָסן וויטער אָנצוגיין מיט זייער אַלטער „באַשעפטיקונג". זיי האָבן זיך געמאָלדן איבערצונעמען די פונקציעס פון בלאָק־עלטסטע, קאַפּאָס, שטובע־עלטסטע. אַלס יידישער קאָמענדאַנט פון לאַגער איז באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער שיך־פאַבריקאַנט אין ראַדאָם, יחיאל פרידמאַן, וואָס אויך אין געטאָ האָט ער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אַמט אין דער יידישער פּאָליציי.

אין די ערשטע טעג האָט מען די אינטערנירטע יידן אַרויסגע־פירט אויף פיל שעהן אין פעלד, ווו מ׳האָט מושטרירט, געלערנט גיין, לויפן, פאַלן. נאָר די וויכטיקסטע לערע פון די סאַדיסטן איז געווען: אויסדרעסירן, מיר זאָלן ווי אַמשנעלסטן אָנטאָן און אַראָפּ־נעמען פון קאָפּ די קיילעכיקע היטעלעך. בעת די איבונגען האָט מען זייער אָפט געהערט די קאָמאַנדע: „מיצען אַפּ, מיצען אויף". מ׳האָט אויך געלערנט, ווי אַזוי באַגריסן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט.

פונעם פעלד זענען מיר צוריק אַריין אין די באַראַקן און מידע זיך געוואָרפן אויף די פּריטשן. די שטאַרקערע און יונגערע האָבן פאַרכאַפּט די אויבערשטע פּריטשן, דאַקעגן די פון אונטן זענען

אָנגעקומען צו די שוואַכע און אַלטע לייט. אין אָוונט האָט דער בלאָק־עלטסטער געטיילט די זופּ מיט אַ גרויסן שעפּ־לעפל. אַ סך מאָל האָט מען געהערט ווי אַ לאַגערניק בעט זיך: „טיפער דעם לעפל", ווייל ער האָט געוואָלט באַקומען אין זיין מענאַזשקע אַ ביסל געדיכטע זופּ. אָבער צו דעם האָבן זוכה געווען נאָר די וואָס זענען געווען פּריווילעגירט פונעם בלאָק־עלטסטן.

צו פאַרטיילן אַ ברייטל אויף אַכט פּאַרציעס, האָבן זיך געשאַפן גרופּן פון אַכט פּערזאָן, די וואָס זענען זיך געווען נאָענט אָדער באַקאַנט איינער מיטן צווייטן, כדי נישט ווערן באַוואָלהט ביים פּאַר־טיילן דעם פּאַיאָק. אויף דעם באָדן זענען פאָרגעקומען צוזאַמענ־שטויסן, הגם נישט צו אָפט און צו שאַרף.

בעת אין געטאָ איז נאָך געווען אַ מעגלעכקייט צו שטילן דעם הונגער מיטן קויפן אַריינגעשמוגלט עסנוואַרג, האָט דער רעזשים אין לאַגער געמאַכט אוממעגלעך אַזאַ צוגאָב־באַשפּייזונג. אויך פון דאָנען האָט מען גענומען פירן די יידן אויף פאַרשידענע אַרבעט־פּלעצער, נאָר אָן דער באַגלייטונג פון יידישע פּאָליציאַנטן. זייער אָרט האָבן איצט פאַרנומען אוקראַאינער און דייטשן.

אַ שטיקל טרייסט און פאַרגיטיקונג אין דעם לאַגער איז פאַר אונדז געווען דאָס סאָלאָ־געזאַנג פונעם טענאָר פון וואַרשעווער יידישן טעאַטער, באַק, און די פידל־קאָנצערטן פון יונגן בחור פון ראַדאָמער געגנט, ווישניאַ (אָדער ווישניאַק). אין די אָוונטן האָבן מיר זיך צונויפגעדרענגט אויף די פּריטשן און זיך צוגעהערט צו די האַרציק־זיסע טענער פון די צוויי קינסטלערס — ווער מיט אַ צעשטראָלט געזיכט, ווער מיט אַ פאַרוויינט פּנים...

צוזאַמען מיט מיין פרוי און ברודער

איינמאָל פאַרנאַכט, נאָכן אומקערן זיך מיט מיין גרופּע אַרבע־טער פון דער דרוקעריי, איז מיר געוואָרן באַוווּסט, אַז אין לאַגער אויף דער שקאָלנע־גאַס האָט מען געברענגט די קווישן־פּלעכטעריי

פון בליזשין מיט אירע הונדערט מענער און פרויען וואָס זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט ביים אויסאַרבעטן פאַר דער דייטשער אַרמיי קיישלעך צו האַלטן די לייכטע באָמבעס. באַזאַמען מיט דער פריי־דיקער מחשבה, אפשר געפינט זיך באַלטשע אין דעם בליזשינער טראַנספּאָרט, האָט אויך דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן פון שרעק, צי איז זי נישט געבליבן דאָרט, אויף אומקום. ווייל ביי אַזאַ טראַנס־פּאָרטאַציע, זענען תמיד געווען קרבנות. די דייטשן האָבן געזאָרגט פאַרן ציפער, פאַר דער פּינקטלעכקייט — אָבער נישט פאַר מענטש־לעכע לעבנס, בפרט נאָך — דאָס לעבן פון יידן. נאָר באַלד דערהער איך די בשורה: זי איז דאָ!

ווער איז דען אימשטאַנד צו באַשרייבן די טיפע איבערלעבונג פון אונדזער באַגעגעניש, זינט דער צעשיידונג אין א. פּ. ל.? איך האָב געוווּסט, אַז אין בליזשין זענען אונדזערע יידן געמאָרדעט געוואָרן, נאָר כדי צו שטילן די חיה׳שע, סאַדיסטישע אינסטינקטן פון די דייטשע רוצחים. אויך הונגער און קראַנקייטן האָבן דאָרטן שיטער געמאַכט די רייען. דאָך האָט באַלטשען אָפּגעגליקט — זי איז איצט מיט מיר אין איין לאַגער, הגם נישט אין איין באַראַק. נאָר מ׳וועט אין די אָוונטן זיך קאָנען טרעפן און שמועסן, אויב די בלאָק־עלטסטע וועלן לאָזן.

די „קאַשיקאַרניע״, ווו מ׳האָט גערופן די דאָזיקע אונטער־נעמונג, האָט אין דעם נייעם לאַגער דערפילט די זעלבע אויפגאַבע ווי אין בליזשין. מיין פרוי איז געלונגען זיך אַהין אַריינצובאַקומען אַ דאַנק דער מייסטערין גוטשע שטערן, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געקויפט זיפּן אין געשעפט פון מיין שווער אין בילגאָריי. באַלטשע איז געווען איבערגליקלעך, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעפונען ביי אַזעלכע אימשטענדן און אויף אַזאַ אָרט. נישט ווייניקער צופרידן איז זי געווען פון דעם, וואָס זי האָט ממש מיט גוואַלט מיטגענומען מיט זיך די פרוי ליפּסמאַן — די זעלבע צו וועמען ס׳האָט על־פּי־טעות פאַרבלאָנדזשעט מיין בריוועל פאַר באַלטשען, ווען כ׳האָב

געאַרבעט אויף די טאָרף־פעלדער, נאָר זי האָט נאָכן געפינען דאָס בריוול אינעם ברויט, גלייך עס איבערגעגעבן מיין פרוי. פון דער געשיכטע, האָט זיך אַנטוויקלט אַ פריינדשאַפט צווישן די צוויי פרויען. ווען מ׳האָט די אַרבעטער און אַרבעטערינס פון דער קאַשיקאַרניע אויסגעשטעלט צום אַפעל, כדי אַרויסנעמען די וואָס דאַרפן פאַרלאָזן בליזשין און איבערפאָרן קיין ראַדאָם, האָבן תמיד אין אַזאַ פאַל זיך געפונען אַ סך נישט דעצידירטע, צעטומלטע און אומזיכערע: יאָ מיטפאָרן, בלייבן, מעלדן זיך צו אַן אַנדערער באַשעפטיקונג? מ׳האָט קיינמאָל נישט געוווסט ביי די דייטשן, אַ וואָסער גורל דער־וואַרט די אומגליקלעכע מענטשן. מ׳האָט אויך מורא געהאַט צו נאַרן די רוצחים מיט דער פאַכמענישקייט, ווייל אויב זיי האָבן אַנטדעקט, אַז דער וואָס האָט זיך אָנגעגעבן ווי אַ היטלמאַכער אָדער שניידער און איז נישט מסוגל צו האַלטן די נאָדל אין האַנט — איז געוואָרן דערשאָסן. אויך די פרוי ליפסמאַן איז אין בליזשין געשטאַנען פאַר דעם הארבן נסיון: מיטפאָרן קיין ראַדאָם ווי אַ קוישן־פלעכטערין, אָדער בלייבן אויפן אָרט, קוים ווער זיין אַ מעג־לעכקייט צו אַרבעטן ביי לייכטערע באַדינגונגען. נאָר באַלטשע האָט זי פעסט געהאַלטן ביי דער האַנט, נישט געלאָזט אַרויסגיין פון דער ריי — און ביידע זענען אָנגעקומען קיין ראַדאָם. דאָס איז אָבער געווען אַן אַנטלויפן פון רעגן אונטער דער רינווע...

דאָס לאַגער־לעבן אויף דער שקאָלנע האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט. איך האָב געאַרבעט ווי אַ מעכאַניקער אין דער דרוי־קעריי, באַלטשע האָט געפלאָכטן קיישלעך. ביי אַזאַ לאַגע האָט זיך פאָרט דערוועקט אַ האָפענונג, אפשר וועט מען איבערלעבן די מלחמה?! מיט עטלעכע טעג שפעטער דערוואַרט אונדז אַן אַנגע־נעמע איבערראַשונג: מיין ברודער שלמה׳לע איז נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ אין לובלין, געלונגען זיך אַרויסצורייסן אויף דער פויל־שער זייט. אַ דאַנק זיינע בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין דער קריסטלעכער געגנט. ווו ער האָט געטאָגט,

האַט ער נישט גענעכטיקט, געפּירט אַ לעבן פון אַ גערודפטער חיה. אָבער אויך דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. אויף איינער פון די לובלינער גאַסן האָט אים דערקענט אַ באַקאַנטער פּאָלאַק. שלמה׳לע אַנטלויפט קיין ראַדאָם און ווערט מגולגל אינעם לאַגער אויף דער שקאָלנע. גראָד דאָ האָט אים צוגעשפּילט דאָס גליק. מען טיילט אים צו צו אַ גרופּע יונגע בחורים צו אַרבעטן אין דער לאַגער־קיך. מיט זופּן און קאַווע איז ער פאַרזאָרגט. פון צייט צו צייט געלינגט אים אויך מיר צו ברענגען אין אָוונט אַ מענאַזשקע זופּ, אָדער עפּעס אַנדערש פון דער קיך.

נישט איינמאָל זענען מיר ביינאַכט געזעסן אויף מיין פּריטשע און זיך אָדורכגעשמועסט וועגן דער לאַגע. וואָס מיר האָבן אָדורכגעמאַכט ביז איצט, ווי עס זעט היינט אויס — האָבן מיר געוווּסט. בלויז דער מאָרגן איז געווען אומזיכער, מיט איבעראַשונגען, וואָס בדרך כלל האָבן זיי געברענגט דעם טויט, אָדער נאָך ערגערע באַדינגונגען.

דער לאַגער איז באַשטאַנען פון אַ צוואַנציק באַראַקן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די שקלאַפן־אַרבעטער, באַשעפטיקטע אויף די פאַרשידענע פּלאַצוווקעס. 5 פאַרטאָג האָט זיך צעשפּילט דער טרומייט צום אויפשטיין און צום אַפּעל. יעדער בלאָק־עלטסטער האָט דאַן געציילט „זיינע יידן״, אָדער ווי מיר פלעגן זאָגן: „זיין סחורה״, דערנאָך אַריינלויפן אין בלאָק קאָנטראָלירן, צי האָט זיך ווער נישט באַהאַלטן, כדי זיך אַרויסצודרייען פון דער אַרבעט, אָדער ביינאַכט איז ווער אַיינגעזונקען אין אייביקן שלאָף... אַז דער ציפער האָט געשטימט, האָט ער אויפן הויכן קול, סאַלוטירנדיק, געמאָלדן דעם יידישן לאַגער־עלטסטן, פרידמאַנען, וויפל יידן ציילט זיין באַראַק. שפּעטער האָט פרידמאַן, אויך מיט אַ סאַלוט און מיט צוקנאַקן מיט די אָבצאַסן פון די שטיוול, דערביי אַראָפּגענומען זיין היטל, געמאָלדן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט זיגמאַן, אָדער זיין פאַר־טרעטער העקער:

— הערר אָבערשאַרפירער העקער — די ציפערן שטימען.
אויך די בלאָק-עלטסטע פון פרויען-באַראַק האָבן געטאָן דאָס זעלבע און דער דייטשער רוצח האָט באַפוילן אַלעמען אָנטאָן די היטלען און שנעל לויפן אין די באַראַקן, ווו מ׳האָט באַקומען שוואַרצע קאַווע מיט דעם פּענעץ ברויט. דערנאָך איז מען אַוועק אויף די אַרבעט-פּלאַצווּקעס.

ווער האָט באַגנבעט דעם אַלטן ייד?

ס׳וואָלט אָבער געווען איבערגעטריבן צו שילדערן די אַרבעט אין דער דרוקעריי ווי בלויזע אידיליע. מיר האָבן אויך געהאַט ביטערע טעג מיט שיקאַנעס, שטראָפן און אַוועקפירן, אויף שטענדיק, די וואָס זענען געפאַלן פון די פיס פון דערשעפּטקייט, אָדער מיט עפּעס-וואָס זיך פאַרזינדיקט אין די אויגן פון די אויפזעערס.

אין איינעם פון די פאַרנאַכטן, ווען די הונדערט פופציק יידן, באַשעפטיקטע אין דער דרוקעריי, האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ, האָט דער פּאָליציאַנט מאיר גוזבאַנד אַרויסגענומען פון דער ריי טורעקן און מיך, ווי נאָר מיר זענען צוגעקומען צום טויער. צומערשט האָט מען אונדז באַזוכט אויף אַ זייער ברוטאַלן אופן און דערנאָך האָבן מיר אַזוי באַקומען געשלאָגן, אַז ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך מיר זאָלן פון די קלעפּ אויסהויכן די נשמות. ערשט נאָכן פייניקן אונדז אַ געוויסע צייט, האָט מען אויסגעזאָגט דעם סוד: איך מיט טורעקן ווערן באַשולדיקט אין צוגנבענען ביי אַן עלטערן ייד, וואָס האָט געאַרבעט אין דער דרוקעריי, אַ גרעסערע סומע דאָלאַרן. פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע פּאָליציאַנטן איז נישט געגאַנגען אין לעבן אומצוקערן די גניבה דעם ייד, נאָר דאָס געלט צונעמען פאַר זיך. דעריבער זענען זיי געווען אַזוי פלייסיק בעת דער אויספאָרשונג. מיר ביידע, די געשלאָגענע און געפייניקטע, האָבן זיך געשווירן מיט אַלע שבועות, אַז מיר האָבן נישט דעם קלענסטן שייכות צו דער גניבה, מן הסתמא האָט עס ווער אַנדערש געטאָן — און כדי אָפּ-

לענקן פון זיך דעם חשד, באַשולדיקט ער אונדז אין אַ טאַט, וועלכן מיר וואָלטן קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

דערנאָך זענען זיי אַריין אין באַראַק פון די פרויען, וווּ מיין פרוי באַלטשע איז שוין געשלאָפן. זיי האָבן איר שעניק אויסגע־ליידיקט פון שטרוי, געזוכט אומעטום, אָבער גאָרנישט געפונען. ערשט שפעט ביינאַכט האָבן אונדז די יידישע סאַדיסטן באַפרייט. צעשלאָגענע, פאַרבלוטיקטע, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, האָבן מיר זיך אומגעקערט אין אונדזער באַראַק, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון מייסטער ווינאָגראָדזקי. ער האָט גאַראַנטירט, אַז נישט מיר זענען די גנבים.

דער עצם פאַרדאַכט אויף מיר, אַז כ׳בין מסוגל צו באַגנבענען אַ ייד (שוין אָפּגערעדט פון די קלעפּ), האָט מיך זייער דערשלאָגן. ווער נאָך ווי איך האָב געוווּסט, אַז אין יענע שוידערלעכע צייטן, זענען אַפילו דאָלאַרן נישט אימשטאַנד צו ראַטעווען דאָס לעבן. איך האָב דאָס געוווּסט פון דער דערפאַרונג אין לובלין, אַז די וואָס האָבן געלט און די וואָס האָבן נישט — איז איין און דער זעלבער גורל: אומקום!

(ערשט אין חודש מאַי 1946, אַ יאָר נאָך דער באַפרייונג, איז מיר באַוווּסט געוואָרן, ווער ס׳איז געווען דער גנב, ווייל ער האָט זיך צו מיר געמאָלדן און געבעטן מחילה. איך האָב זיך נאָך געפונען אינעם די. פּי. לאַגער אין שטוטגאַרט, ווו כ׳האָב געוואַרט אויף אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ זונטיק פאַר־נאַכט באַווייזט זיך אין מיין וווינונג איינער פון די דרוקעריי־אַרבע־טער אין ראַדאָם, באַקאַנט אונטערן נאָמען לעאָן דאַראַזשקאַזש — אַ באַוווּסטער גנב און אַלפאַנס אין דער פאַרמלחמהדיקער וואַרשע. אין דער ראַדאָמער דרוקעריי האָט מען אים געבראַכט פון מיידאַנעק. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער דערציילט, אַז דאָס האָט ער צוגענומען ביים אַלטן ראָזענבלאַט די דאָלאַרן און אונטערגעזאָגט די יידישע פּאָליציאַנטן, אַז ס׳איז אונדזער שטיקל אַרבעט. לעאָן

האָט צוגעגעבן, אַז ער איז שוין געווען ביי טורעקן, דערציילט אים די גאַנצע מעשה — און יענער האָט אים מוחל געווען. איצט איז ער געקומען בעטן מחילה ביי מיר. הגם איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן די גאַנצע געשיכטע [ווי די ווונדן פון יענע קלעפּ, וואָס זענען שוין געווען פאַרהיילט], איז מיר נישט איינגעפאַלן, אין ערשטן מאָמענט, מוחל זיין אַזאַ איינעם, וואָס אויסער דער גניבה ביי איין ייד, האָט ער נאָך געמסרט צוויי אומשולדיקע יידן, וואָס זענען דערפאַר מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן און מ'האָט זיי אויך געקענט דערפאַר אומברענגען. לעאָן האָט געהאַט נאָך אַ פאַרענטפער: דעם אַלטן ייד וואָלטן די דאַלאַרן במילא נישט געברענגט קיין נוצן, דאַקעגן ער האָט פאַר דעם געלט געקויפט ווורשט, ברויט, בראָנפן, וועלכע מ'האָט אַריינגעשמוגלט אין געטאָ. נאָך עפּעס: בעצם, נישט ער האָט געמסרט אין דער פּאָליציי, נאָר ראָזנבלאַט גופא, וואָס האָט מיטן פינגער דעמאָלט אָנגעוויזן אויף מיר און געזאָגט: „ער האָט מיך באַגנבעט"... ווען אונדזער לאַגער איז געוואָרן עוואַקואירט, איז דער אַלטער ראָזנבלאַט דערשאָסן געוואָרן אויף דער פּלאַט־פאָרמע, ווו עס זענען געלעגן די קראַנקע און שוואַכע. דערמאָ־נענדיק זיך יענעם „טויטן־מאַרש" בעת וועלכן עס זענען אומגעקומען אין די וואַגאָנען און אויף די פעלדער טויזנטער עוואַקואירטע יידן, איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז עס האָט נישט קיין זין זיך אַרומצוטראַגן מיט אַ שווער האַרץ אויף דעם וואָס איז געקומען בעטן מחילה, אַפילו ווען יענער איז געווען פון דער אונטערוועלט. איך האָב אים מוחל געווען...).

פרוּוון צו אַנטלויפן

אין דער דרוקעריי און שלאָסעריי האָבן מיר יעדן טאָג פאַרענדיקט די אַרבעט 6 אָוונט. גרויס איז געווען די איבעררעשונג, ווען אַרום 2 בייטאָג באַפעלט מען אַלעמען זיך אויסשטעלן אויפן

הויף און מען נעמט אונדז טרייבן, אונטער אַ דאָפּלטער וואַך, צוריק אין לאַגער, ווו אויפן אַפּעל־פּלאַץ שטייען אויסגעשטעלט הונדערטער קאַצעטלערס, פּאַרטיילט לויט די אַרבעטס־גרופּן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט זיגמאַן (מיטן צונאָמען „צירקאָוויעץ״, צוליב זיין אייגנאַרטיקן גאַנג), באַפעלט דעם צעשראָקענעם עולם בלייבן שטיל און נעמט אַלעמען דראָען: „איך וועל אייך דאָ פּערטיק מאַכן, פּערפלוכטע הונדע״. ער זידלט, שרייט און שעלט — און זיין ניבול־פּה האָבן גוט געהערט די עטלעכע טויזנט יידן, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעצויגן אויף „אַכטונג״, אָבער נאָך אַלץ נישט געוווסט צוליב וואָס דער אַפּעל און וועלכע נייע געפאַרן דראָען אונדז.

מיט אַמאָל פירט מען אַרויף אויפן פּלאַץ פינף בחורים, אין צעריסענע בגדים. אַ דייטש ברענגט אַ באַנק און איינעם פון די יונגעלייט באַפעלט מען זיך אויסלייגן אויף דער באַנק. עס דער־נענטערט זיך צו אים אַ ס.ס.־מאַן, מיט אַ גומי־רער אין האַנט. נאָך זיגמאַנס באַפעל „שמייסן!״, נעמט זיך דער דייטש צו דער אַרבעט מיט סאַדיסטישער הנאה. נאָר דער בחור לאָזט נישט אַרויס קיין געשריי, קיין קרעכץ. מיט אויסערגעוויינלעכער גבורה טראָגט ער איבער די ווייטיקן פון די באַקומענע פופציק שמיץ.

דער צווייטער יונגערמאַן האָט שטיל געוויינט, אָבער אויך אויסגעהאַלטן די קלעפּ פון אַן אַנדערן דייטש. דער דריטער בחור האָט זיך געוואָרפן ווי אין קאָנוווּלסיע, געשריגן און געוויינט. נאָך די שמיץ, האָט מען אים אַ האַלב טויטן אַריינגעפירט אין דער קראַנקן־שטובע. דער פערטער בחור האָט נאָך די ערשטע עטלעכע שמיץ זיך געוואָרפן אויפן דייטש. דער קאָמענדאַנט האָט אים נישט דערשאָסן, אויך נישט באַפוילן עמעצן אַנדערש דאָס צו טאָן, נאָר געהייסן אים אָנשמירן עפּעס אויפן רוקן און הינטן — און ווייטער שמייסן. אויך דער פינפטער האָט באַקומען זיינע פופציק שמיץ. דערנאָך האָט מען די געשמיסענע באַפוילן אָנצונייען גרויסע, געלע

לאַטעס, וואָס האָט געמיינט, אַז זיי האָט זיך פאַרגלוסט צו אַנט־לויפן.

נאָכן אָפּשטיין ביז שפּעט אין דער נאַכט אויפן אַפּעל, איז ענדלעך געקומען דער באַפעל זיך פונאַנדערצוגיין. יענעם אָוונט האָט מען שוין נישט באַקומען די שיטערע זופּ, נאָר די מידקייט און דערשיטערונג פון דער עקזעקוציע האָבן געמאַכט פאַרגעסן אין עסן. מיר זענען דערשעפּטע אַוועקגעפאַלן אויף די פּריטשעס און נאָך געהאַט אַ ביסל כוח צו קאָמענטירן די געשעענישן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פינף יונגעלייט האָבן אין פולשטענדיקער קאָנספּיראַציע, געגראָבן אין די נעבט אַן אונטערערדישן דורכגאַנג פון באַראַק, כדי צו אַנטלויפן. זיי זענען שוין דערגאַנגען ביזן שאָסיי און געהאָפט צו מאַכן אַ ויברח פון לאַגער אין די נאָענטסטע טעג. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אויף יענעם שאָסיי, נאָענט צום לאַגער, איז פאַרבייגעפאָרן אַ פויער מיט אַ שווערן וואָגן געשפּאַנט אין צוויי פערד — און מיט אַמאָל האָט דער וואָגן זיך אַרונטערגע־זעצט, גלייך ער ווערט איינגעזונקען. אויפן שאָסיי איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, די וועכטערס אין די טורעם־ביידלעך האָבן באַמערקט דעם צוזאַמענלויף — און געמאָלדן דעם לאַגער־עלצטן. נאָכן אַוועקנעמען פון יענעם אָרט דעם וואָגן, האָט זיגמאַן באַפוילן, מען זאָל אינעם אויסגעגראָבענעם טונעל אַריינלאָזן הינט, וואָס זענען דורכן אונטערערדישן אַדורכגאַנג אַריין אין באַראַק, ווו זיי האָבן געטראָפן ביי דער אַרבעט די פינף בחורים. אין אַזאַ פאַל, איז נישט נאָר זייער גורל געווען אַ געחתמעטער, נאָר אויך נאָך אַ צענדליק קרבנות וואָלטן באַצאָלט פאַרן פּרווו צו אַנטלויפן, ווייל די דייטשן פלעגן אַרויסנעמען פון די רייען יעדן פינפטן אָדער צענטן קרבן און זיי שיסן, פאַר דער כלומרשטער שותפות אינעם פּלאַנירן די אַנטרינונג.

מיר זענען געווען זיכער, אַז מאָרגן פרי וועט מען פאָרזעצן די נעכטיקע עקזעקוציע, נאָר דאָס מאָל — מיט עפּנטלעכע צעשיסונגען.

בפרט, אַז מ׳האָט אונדז געטריבן צום אַפּעל אָן דער קאָווע און ברויט. אויך גאַנץ באַגינען, ווי נעכטן ביינאַכט, האָט אין אַ ווינקל אין באַראַק זיך געשאַפן אַ מנין צו דאַווענען מנחה־מעריב, האָט מען איצט געדאַוונט שחרית. דער מנין איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע פרומע יידן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געהאָלפן איינער דעם אַנדערן. דער ראש פון דער קבוצה איז געווען דער חסידישער ייד פון קראַשניק, יואל זאַנטאַג און דער באַקאַנטער וואַרשעווער גערער חסיד און מיטגליד אין דער אגודה־פּאַרטיי, טשערוואָני־קאַמיען און אַנדערע. נאָך דער נעכטיקער עקזעקוציע פון שמייסן, האָבן די פרומע יידן אין באַראַק געבענטשט גומל, הגם מ׳איז נישט געווען זיכער, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. צום גליק, אויסער דער שטראָף פון צונעמען ביי אונדז דאָס ברויט מיט דער קאָווע — האָט מען נאָכן אַפּעל צעשיקט די יידן אויף זייערע פּלאַצוווקעס.

האָבן מיר טאַקע מאַרשירט צו דער אַרבעט מיט אַ לייכטן געמיט און אַ געפיל פון ניצול געוואָרענע פון אַ זיכערן טויט. אמת, אַ פאַרביילויפנדיקער הונט האָט ביי דיר גלייך דערוועקט אַ געפיל פון קנאה, וואָס די דאָזיקע חיה געניסט פון מערער פרייהייט, איידער מיליאָנען יידן אין דער פאַרשקלאַפטער אייראָפּע. נאָר מאַרשירנדיק אויפן שאָסיי אויסער דעם לאַגער, ווייט פון די שטעכלדראָט־פאַר־צוימונגען, האָבן מיר זיך איינגערעדט, אַז מ׳איז אָנגעקומען אויפן אַרבעטס־אָרט.

דער נאַצי־מערדער גייט מיר נאָך...

אַ שיינעם פרימאָרגן (עס רעדט זיך נאָר אַזוי, ווייל אין די נאַצישע לאַגערן זענען אַלע פרימאָרגנס געווען טרויעריק־פינצטער), ווען איך קום צו צום לאַגער־טויער מיט מיין גרופּע וואָס האָט באַדאַרפט אָפּמאַרשירן אין דער דרוקעריי, דערזע איך ווי פון דער וואַך־בודקע גייט אַרויס אַ דייטש מיט אַ גוט באַקאַנטן פאַר

מיר פּרצוף און נעמט ציילן די מענטשן וואָס דאַרפֿן פֿאַרלאָזן דעם לאַגער. דאָס האַרץ איז ביי מיר ווי אָפּגעשטאָרבן — ס׳איז דאָך דער באַקאַנטער סאַדיסט און רוצח פֿון לאַגער ליפּאָווע 7 און פֿון לובלינער געטאָ — דער געסטאַפּאָוויעץ פּאָספּעשיל. אַ סך מאָל האָט ער ביים אַריינגאַנג אויף ליפּאָווע 7 קאָנטראָלירט מיין אַרבעט־קאַרטע מיטן בילד און אויך זיך אָנגעשטויסן אויף מיר עטלעכע מאָל אין געטאָ אויפֿן מיידאַן־טאַטאַרסקי. ער וועט מיך אַוודאי דערקענען איצט, ביים ציילן, און זיך נישט קענען מוחל זיין, הלמאַי כ׳האָב זיך אַרויסגעדרייט פֿון זיינע מערדערישע הענט. מיר דוכט זיך, אַז די גאַנצע צייט קוקט ער נאָר אויף מיר — און אָט־אָט הייסט ער מיך אַרויסגיין פֿון דער ריי. איך פֿיל, אַז מירביידע פֿירן צווישן זיך אַ „דיאַלאָג" מיט די אויגן, מיט דער מחשבה. איך פֿון מיין זייט האָב אים אָנטדעקט, דערקענט — וועט ער מיר אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע? פּאָספּעשיל וואַרפֿט נאָך אַ שאַרפֿן בליק אויף די שקלאַפֿן, נעמט דאָס פּאַפּירל ביים דייטשן באַגלייטער אונדזערן צום אונטערשרייבן און גיט אַ באַפֿעל „אָפּמאַרשירן"! איך פֿאַרשטיי, אַז מיין דעפּאָרמירט פּנים צוליבן דורכגעשאָסענעם מויל, האָט דעם וואַך־קאָמענדאַנט פֿון דער לובלינער געסטאַפּאָ געמאַכט פֿאַרגעסן מיין פֿריערדיקן אויסזען.

מיר מאַרשירן צו אונדזער פּלאַצוווקע. אויפֿן וועג שטייט מיר פֿאַר די אויגן דאָס גרויליקע בילד, ווי פּאָספּעשיל, מאַהרווינקעל, שראַם, האַנטקע, קליין און אַנדערע רוצחים, האָבן פֿון זייערע רעוואָלווערן געשאָסן אין די יידן, ווו גרין האָט ביז דער מלחמה געהאַט זיין פֿאַרקויף־שטעלע פֿון שמאַטעס. דערנאָך האָבן זיי די מאָרד־מלאכה איבער די לובלינער יידן פֿאַרענדיקט אין מיידאַנעק. אָן שום ספק, אַז דער פּאָספּעשיל מיט זיינע מערדערישע קאַמעראַדן, זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן אומברענגען אַ צוואַנציק טויזנט מענער, פֿרויען און קינדער פֿון מיין היימשטאָט. איז איצט געקומען די ריי אויף ראַדאָם?

יענעם טאָג ביי דער אַרבעט, בין איך געווען אומרואיק און פאַרזאָרגט אַ סך מערער ווי אַלע אַנדערע טעג. איך בין געווען זיכער, אַז פאַרנאַכט, נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרבעט, וועט דער זעלבער פּאָספּעשיל ציילן, קאָנטראָלירן און קוקן אַלעמען אין פּנים. אויב ער האָט מיך פאַרזען אין דער פרי, איז גאַנץ מעגלעך, כ׳זאָל אַנטדעקט ווערן פאַרנאַכט. און אויב נישט היינט — איז אַן אַנדערש מאָל. כל־זמן ער וועט זיין דער ציילער ביים טויער, דראָט שטענדיק די געפאַר. איינמאָל האָב איך טאָקע געמיינט, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן. ווי כ׳האָב זיך באַמיט נישט צו טרעפן מיט זיינעם אַ בליק, האָט דיך פאָרט געצויגן, ווי עפּעס אַ געהיימע מאַגנעטישע קראַפט, צו קוקן אין זיין זייט. אין אַ האַרבסטיקן באַגינען, ווען מיר זענען געשטאַנען ביים טויער, ווו פּאָספּעשיל האָט באַדאַרפט קאָנטראָלירן און אונטערשרייבן דאָס פּאַפּירל, האָט ער צום צווייטן מאָל אָנגעהויבן ציילן די אויסגעשטעלטע פינפטלעך: „פינף, צען, פופצן, צוואַנציק. די גרויסע, עלעקטרישע לאָמפּן האָבן אונדז באַלויכטן. ווען ער איז צוגעקומען צו דעם פינפטל ווו איך בין געשטאַנען, האָט ער געמאַכט אַן איבערייס, אויפגעהערט ציילן און גוט זיך איינגעקוקט אין מיר. איך האָב ווי געהערט זיין מחשבה: „איך קען זיכער דעם יודע... אָבער פון וואַנען?“...

אויך דאָסמאָל בין איך בשלום איבערגעקומען זיין קאָנטראָל, זיין ציילן, זיינע בליקן, וועלכע האָבן מיך אומאויפהערלעך פאַרפאָלגט, ווי לאַנג פּאָספּעשיל איז געווען אין דעם לאַגער. אין אַ צייט אַרום האָט ער פאַרלאָזט ראַדאָם. נאָר דער גורל האָט אונדז שפּעטער ווידער צוזאַמענגעפירט, שוין נאָך דער באַפרייונג.

באַדינען דעם מייסטער — אַ גרויס זכות...

אַזוי ווי דער לאַגער אויף דער שקאַלנע־גאַס האָט זיך איינגע־שטעלט לויטן מאָדעל פון די היטלעריסטישע אַרבעטס־לאַגערן, מיט אַ צולאָג פון אומאויפהערלעכע ליידן, פּיין, הונגער, קראַנקייטן און טויט אויף שריט און טריט, האָב איך אויפגעהערט גלויבן, אַז מיר וועלן ווען ס'איז אַרויס פון דעם אָרט לעבעדיקערהייט. מיר פּערזענלעך איז דאָרט נישט געווען אַזוי שלעכט. ערשטנס, יעדן אָוונט האָב איך זיך געזען מיט מיין פרוי און אויך געהאַט אַ געלע־גנהייט צוויי מאָל אין וואָך זי אונטערצוהאַלטן מיט אַ ביסל זופּ צי עסנוואַרג, וועלכע מיין ברודער שלמה'לע האָט געברענגט פון דער קיך ווו ער האָט געאַרבעט. צווייטנס, אַרבעטנדיק אין דער דרוקעריי, איז עס פּאָרט נישט געווען די זעלבע קאַטאָרגע־אַרבעט אונטערן פרייען הימל, מיט אויפזעערס־סאַדיסטן. בדרך כלל האָט מען אויף די פאַרשידענע פּלאַצוווקעס נישט געליטן אַזוי שטאַרק ווי אין די ביז איצטיקע לאַגערן, וועלכע מיר איז אויסגעקומען אַדורכצומאַכן. בלויז אין דער קוזניע פון דער אַמוניציע־פאַבריק, די א. ג. „וויטוורניע", האָבן די באַשעפטיקטע דאָרט יידן דערציילט וועגן זייער שווערע באַדינגונגען.

ווי איינער וואָס איז אין ראַדאָמער געטאָ געקומען פון דער פּרעמד, האָט מיר באַזונדערס צוגעשפּילט דאָס מזל, וואָס דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער דרוקעריי, ווינאַגראַדזקי, האָט מיך באַשעפטיקט אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג. הגם ער האָט אָפּט געביטן די אַרבעטער, מיטן צונעמען אַ בן־עיר און באַזייטיקן אַ „הענגער", בין איך דאָך געבליבן אויפן אָרט. נאָר דעם פּרייז וועלכן ער האָט געפאָדערט, הגם דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן אָפן, איז געווען זייער אַ טייערער און ממש געשטעלט אין געפאַר מיין לעבן. ווי נאָר ס'איז ווינאַגראַדזקין געלונגען צו קויפן עסנוואַרג ביי ווענען

פון די פּאַלאַקן וואָס האָבן געאַרבעט אין דער דרוקעריי, האָט ער מיר געגעבן דאָס פּעקל אַדורכצושמוגלען דורכן געטאָ־טויער, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. יעדעס מאָל, ווען אונדזער גרופּע איז צוגעקומען צום אַריינגאַנג אין לאַגער אויף דער שקאָלנע־גאַס און מ׳האָט אָנגעהויבן ציילן און טיילמאָל אויך — באַזוכן, איז מיר דאָס האַרץ אַנטפאַלן. אַפילו ווען מ׳כאַפּט ביי מיר די געשמוגלטע סחורה, איז מיר נישט איינגעפאַלן אויסצוגעבן דעם וואָס האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט די שליחות. אָן שום ספק, אַז דעם דאָזיקן „חטא״ וואָלט איך גענומען אויף זיך.

אין דעם באַראַק ווו איך בין געשלאָפן, האָט ווינאַגראַדזקי געהאַט אַ באַזונדער אָפּגעצוימט ווינקל פאַר זיך, זיין פרוי און זון. אין די אָוונטן זענען זיך דאָרט צונויפגעקומען עטלעכע קאַפּאָס, דער יידישער לאַגער־קאָמענדאַנט פרידמאַן. מ׳האָט געגעסן און געטרונקען ביז די שפּעטע נאַכט־שעהן. איך בין געווען דער קעלנער, באַדינער, אויפּרוימער. אַראָפּ גענומען פון טיש, געוואַשן די כלים, דערלאַנגט זיי אָן אָנגעצונדן שוועבעלע צו פאַררייכערן אַ סיגאַרעט... סיי ווינאַגראַדזקין, ווי זיין פרוי און די געסט איז נישט איינגעפאַלן, כאָטש איינמאָל, מיט עפּעס מכבד צו זיין דעם באַדינער. זיי האָבן אַוודאי געהאַלטן (און אַ טייל באַראַק־מיטוווינערס האָבן מיך טאַקע מקנא געווען), אַז באַדינען דעם מייסטער — איז אַ גרויס זכות. געפינענדיק זיך אָפּט אין דער געזעלשאַפט פון די יידישע גדולים אין לאַגער, האָב איך געוואָלט אונטערכאַפּן אַ וואָרט, צי אַ רמז פון זייערע געשפּרעכן, אפשר ווייסן זיי מערער פון אונדז, די פּשוטע לאַגער־יידן, בנוגע דעם ווייטערדיקן גורל: בלייבן מיר אויפן אָרט, שיקט מען אונדז אַוועק? אויב יאָ — ווו אַהין? צום אומקום, צי אויף אַן אַנדערן אַרבעטס־פּלאַץ? נאָר זיי האָבן זיך אויסגעהיטן צו ריידן אויף דער טעמע, ווען איך פלעג זיך באַווייזן אין זייער אַלקערל, כדי אַראָפּצונעמען פון טיש, אָדער דערלאַנגען אויסגע־וואַשענע גלעזער צי טעלער. יחיאל פרידמאַן, זיין פאַרטרעטער

אייגער און אַנדערע, האָבן זיך געהיטן מיט אַ וואָרט, בעת איך בין געווען אַזוי נייגעריק צו וויסן וועגן זיך דערנענטערנדיקן רוסישן פראָנט, צי וועט מען ברענגען אַ נייעם טראַנספּאָרט יידן אין אונדזער לאַגער? וואָס האָט געזאָגט דער „צירקאָוויעץ" זיגמאַן?

אויב מיר איז יאָ געלונגען ווען ס'איז אונטערצוכאַפּן אַ ידיעה, האָב איך זי באַלד איבערגעגעבן מיינע נאָענטסטע פריינד. אַז ווער פון די צוהערערס האָט מיך געפרעגט, צי מ'האָט מיר געגעבן צו פאַרזוכן פון די גוטע מאכלים, האָב איך געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין", ווי ס'איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. די פאַרטרויעבע מענטשן, וואָס האָבן געוווּסט אַז איך ברענג אין געטאָ עסנוואָרג פאַר ווינאַגראַדזקין, איז נישט איינגעפאַלן, אַז מיר איז אוממעגלעך עפּעס צו נעמען פאַר זיך, ווייל זיין זון, אַ נישטאַנטוויקלטער, האָט בעתן מאַרש פון דער דרוקעריי ביז דעם לאַגערטויער, און דערנאָך — ביז דעם באַראַק, גוט אַכטונג געגעבן, איך זאָל גאָרנישט נעמען פון די גוטע זאַכן. נאָר דעם אמת געזאָגט, בין איך אין יענער תקופה געווען צופרידן פון מיין לאַגע. יעדער אָוונט האָב איך געהאָט אַ מעגלעכקייט צו זען זיך און ריידן מיט מיין באַלטשען און מיטן ברודער, ווי אויך געניאָסן פון אַ רואיקער אַרבעט. דעריבער איז דאָס פערטל ברויט און די זופּ געווען פאַר מיר איבערגעגעבן.

אַ געוויסן הייסן אָוונט, ווען די חברותא איז זיך ווידער צונויפגעקומען אין ווינאַגראַדזקיס צימערל, האָב איך באַמערקט, אַז אַנשטאָט זיך אויסזעצן צו דער סעודה, ווי זיי האָבן דאָס שטענדיק געטאָן, איז מען איצט געשטאַנען און זייער הייס דיסקוטירט צווישן זיך. מיט מיין אַריינקום, זענען זיי געוואָרן שטיל, נאָר איך האָב אונטערגעכאַפּט אייניקע ווערטער און פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אונדז פון דאַנען יאָ אַוועקשיקן. זיי דאַקעגן, ווילנדיק האַלטן דעם סוד, האָבן מיך משלח געווען אין באַראַק.

אַלע האָבן שוין געוווּסט דעם סוד

איך בין שנעל געלאָפן אין באַראַק צו נעמען די פּאַרציע ברויט מיט דער זופּ און אויך דערציילן מיינע נאָענטסטע, אַז מ'שמועסט וועגן איבערפירן די מענטשן פון לאַגער אויף אַ צווייט אָרט. מיין פרוי, דער ברודער און אַנדערע, וועמען כ'האָב אָנפּאַרטרויט די ידיעה, האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שוין נישט קיין סוד וועגן ליקווידירן דעם לאַגער. נאָר ווער וועט זוכה זיין צו פאָרן ווייטער — איז נאָך אַ גרויסע פראַגע. אין יענער צייט איז שוין געווען באַקאַנט, אַז מיטן איבערפירן אַ לאַגער אויף אַן אַנדער אָרט, פירן די דייטשן אַדורך אַ סעלעקציע. די וואָס בלייבן אויפן אָרט, ווערן אומגע־ בראַכט. איז אויך איצט געווען אַן אומזיכערקייט און זאָרג: מי לחיים, מי למוות. נאָר ס'איז געווען קלאָר, אַז מען וועט צעשיידן די פרויען מיט די מענער. און טאַקע די האָבן זיך אַמיינסטן גע־ שראָקן פאַר דער ענדערונג.

מיין סוד האָט קיינעמען נישט איבעראַשט. די קאַצעטלערס וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער זשאַנדאַרמעריע און אַנדערע דייטשן האָבן געוווּסט פיל מערער פון מיר. אין די וואַרשטאַטן פון די שניידערס און שוסטערס, ווו מ'האָט גענייט מלבושים און שטיוול פאַר די רוצחים, זענען די באַשטעלונגען אָפּגענומען געוואָרן נישט פאַרענדיקטע. די פרויען פון די דייטשן האָבן שוין געפּאַקט זייערע וואַליזן, מיט די צוגערויבטע זאַכן פון יידן. עס אונטערליגט נישט קיין ספק — מען גרייט זיך צו עוואַקואַציע.

נאָך פריער איז געווען באַוווּסט, אַז די לאַגע אויף די פראָנטן ווערט פאַר די דייטשן ערגער פון טאָג צו טאָג. מ'האָט געזען אויף דער באַן־סטאַציע עשעלאָנען מיט פאַרוווּנדעטע דייטשע זעלנער און פון גאַנצע איינהייטן וואָס האָבן זיך צוריק געצויגן. מעגלעך, אַז עס דערנענטערט זיך די מפּלה פון היטלער־דייטשלאַנד, אָבער וואָס דערוואַרט אונדז, די צום טויט פאַרמשפּטע יידן?

מ׳האָט אין לאַגער זיך געסודעט וועגן אַנטלויפן — נאָר ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

אַפילו ווען עס געלינגט אָפּצונאַרן די וואַך און מען באַקומט זיך אַרויס אויף דער פריי — ווו נעמט מען ציווילע קליידונג? אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין די געשטרייפטע לאַגער־רעקלער און הויזן. אויף די פיס — האָלץ־טרעפּאַקעס. אָן פריינד צי באַקאַנטע אין דער געגנט, וועט מען נישט אַוועק ווייט פון לאַגער, וועלכער איז די לעצטע טעג געהיטן געוואָרן מיט אַ פאַרשטאַרקטער שמירה. מיין באַשלוס איז געווען: איך אַנטלויף נישט! דאָך בין איך נישט געוואָרן איבערראַשט, ווען מיין יִינגערער ברודער שלמה׳לע האָט מיר דערציילט, אַז אין קיך ווו ער אַרבעט, זענען זיי זיכער אויף הונדערט פּראָצענט, אַז מען עוואַקואירט דעם לאַגער, ווייל דער ס.ס.־מאַן וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קיך האָט באַפוילן גוט אויסרייניקן די קעסלען און זיי אויפלאָדן אויף די וועגענער, אין וועלכע איטשעלע בעל־עגלה האָט געברענגט פּראָוויאַנט פאַרן לאַגער. די פערד זענען געשפּאַנט און מען וואַרט יעדע מינוט אויפן באַפעל. ער, שלמה׳לע, איז דעצידירט צו אַנטלויפן און ר׳איז געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. דערנאָך זענען מיר ביידע אַוועק אין פרויען־לאַגער, ווו ער האָט זיך אויך געזעגנט מיט באַלטשען. ער האָט דערציילט, אַז באַזאַמען מיטן עלטערן קיך־אַרבעטער קוי־פער, וועלן זיי דורך די דראָטן זיך אַרויסבאַקומען פון לאַגער, נאָענט פון דער אַמוניציע־פאַבריק, ווו יידן האָבן צוגעגרייט אַ בונקער מיט אַ טונעל. זיי וועט אָפּוואַרטן אַ פּאָלאַק און צופירן צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

איך האָב נישט געוואָלט אָפּריידן מיין ברודער פון דעם געוואַגטן פּלאַן, הגם כ׳בין געווען איבערגענומען מיט ספיקות סיי וועגן דער הצלחה פון אַזאַ ריזיקאַלישן שריט, סיי אויך בנוגע מיין ניט אַנטשלאָסנקייט צו לויפן מיט אים צוזאַמען. מיר האָבן זיך אָפּגע־רעדט, אַז אויב מיר דערלעבן די באַפרייונג, וועט מען זיך טרעפן אין לובלין.

די עוואַקואַציע פון לאַגער

צומאָרגנס גאָר פרי האָט מען די בערך דריי טויזנט מענער און אַ פינף הונדערט פרויען פון לאַגער אויף דער שקאָלנע, באַפוילן זיך אויסצושטעלן אויפן אַפעל־פּלאַץ. יעדער האָט געהאַט אין האַנט אַ פּעקל מיט עטלעכע זאַכן. מיין פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ בלעכענער מענאַזשקע, אַ צעבראָכענעם לעפל און אַ שטיקל ברויט. אויך מיין פרוי האָט גאָרנישט געהאַט מיט זיך. איך האָב צווישן דער גרופּע פון די קיך־אַרבעטער געזוכט מיטן בליק מיין ברודער, אָבער נישט געפונען. איך האָב געבעטןביים רבונו־של־עולם, אַז שלמה׳לע זאָל ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים, זאָל כאָטש איינער בלייבן לעבן פון אונדזער פאַרצווייגטער משפחה. אפשר וועט ער זוכה זיין אָפּצונעמען ביי דער קריסטין אין לובלין אונדזער דוד׳לען.

נאָר אַפילו טראַכטן אַזעלכע מחשבות לאָזט מען דיך נישט אין די באַדינגונגען אין וועלכע כ׳געפין זיך איצט. מיר שטייען אויס־געשטעלט אויפן אַפעל־פּלאַץ, אַלע מאָל ברענגט מען פון די באַראַקן אַן אַנדערן ייד וואָס האָט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. די דייטשע רוצחים מיט זייערע אוקראַינישע העלפערס נישטערן און זוכן אין יעדן באַראַק. דער ״צירקאָוויעץ״ זיגמאַן לויפט אַרום ווי אַ פאַרסמטע מויז. ער שרייט:

— איך וויל אייך איבערפירן אין אַ גוטן לאַגער, נאָר איר, פערפלוכטע יודען, ווילט גאָר אַנטלויפן...

בשעת מעשה האָב איך געטראַכט, הלמאי בין איך אויך נישט אַוועק צוזאַמען מיט שלמה׳לען. ווייל איידער מיר האָבן דערהערט דעם באַפעל „אָפּמאַרשירן!״, האָט זיגמאַן באַפוילן צו צעשטערן דעם באַראַק פון די קראַנקע און שוואַכע, די „קראַנקן־שטובע״. מיט אַ נאַכט פריער האָט מען פון דאָרט אַרויסגענומען אַלע קראַנקע און זיי דערשאָסן. צי דערוואַרט נישט אויך אונדז דער זעלבער

גורל, נאָכן פאַרלאָזן דעם לאַגער ? הגם פאַרשטאַנען האָט מען, אַז דאָס ליקווידירן דעם באַראַק איז דערפאַר, וואָס זיי ווילן נישט לאָזן קיין שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס. דער פראַנט דערנענטערט זיך — דאָס האָבן מיר געוווּסט און דערפאַר אויך געווען זיכער, אַז די עוואַקואַציע וועלן מיר אַדורכמאַכן צופוס. די רוצחים נייטיקן זיך אין די באַנען אויף איבערצופירן מיליטער.

מיט אַמאָל דערהערט זיך דער באַפעל : „מאַרש !". די עטלעכע טויזנט יידן פאַרלאָזן דעם לאַגער. מיר גייען איבער די גאַסן פון ראַדאָם, באַוווינט פון פּאָלאַקן. זיי שטייען אויף די טראָטואַרן און קוקן מיט הנאה אויף די אומגליקלעכע קרבנות, אַרומגערינגלט מיט ס.ס.־לייט, אוקראַינער און הינט. אַ טייל יידן פון ראַדאָם האָבן צווישן די פּאָלאַקן אויף די טראָטואַרן דערקענט זייערע שכנים, צי באַקאַנטע און פריינד פון פאַר דער מלחמה — און זוכן איצט ווי זיך אויסצובאַהאַלטן פון זייערע בליקן. איינעם אָדער מערער יידן האָט זיך פאַרגלוסט זיך אַרויסצודרייען פון דער ריי און זיך אויסמישן מיט די קריסטן וואָס זענען געשטאַנען ביי די זייטן. מ׳האָט די יידן געכאַפּט און אויפן אָרט דערשאָסן.

אין אָוונט איז אונדזער קאָלאָנע צוגעקומען צו אַ קליין שטעטל. מ׳האָט אַלעמען באַפוילן זיך אויסצוזעצן אויפן נאַסן פעלד, וואָס איז געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַ שטאַרקער וואַך. דאָך איז צוויי יידן געלונגען זיך צו פאַרשטעקן — און מ׳האָט זיי טאַקע נישט געפונען, נאָך לאַנגע זוכענישן פון די דייטשן, וואָס האָבן אַלעמען געציילט, ווען מיר האָבן אין דער פרי זיך אויסגעשטעלט אויפן שאָסיי צום ווייטערדיקן מאַרש.

הגם מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט געררוט אויפן פעלד, האָבן אַ סך נישט געהאַט קיין כוח צו גיין. אַנשטאָט צו שיסן די קראַנקע און שוואַכע, האָבן די דייטשן רעקווירירט עטלעכע פערד־און־וועגענער אויף וועלכע מ׳האָט אַרויפגעזעצט די אָפּגעשוואַכטע יידן.

דער טויטן־מאַרש

די אויסגעהונגערטע, דאַרשטיקע און דערשלאָגענע קאַצעט־לערס מאַרשירן איצט אויפן שאָסיי. די זון וואַרעמט אין דער פרי, אָבער שפּעטער הייבט זי אָן ברענען. די וואָס ווערן מיד און שוואַך, בעטן זיך מ׳זאָל זיי דערלויבן זיך אַרויפזעצן אויף די פורלער. נאָר מיר באַמערקן, ווי די פויערים פאַרקירעווען די פערד אין דער זייט, דערנאָך פאָרן זיי אַריין אין אַ וועלדל — און קערן זיך צוריק פון דאָרט, נאָך אַ שטיקל צייט — ליידיקע. ס׳איז ניט שווער צו פאַרשטיין וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די יידן וואָס האָבן געוואָלט געניסן פון דער כלומרשטער דייטשישער באַרמהערציקייט מיטן צושטעלן טראַנספּאָרט פאַר אַלטע לייט און שוואַכע. נאָך דעם פאַל, לויפט מען שוין נישט אַזוי שטאַרק צו די וועגענער. נאָר דער פיינלעכער מאַרש הערט נישט אויף, די מענטשן זענען נישט בכוח מער צו באַוועגן די באָרוועסע פיס, אָדער די וואָס טראָגן נאָך אויף זיך די הילצערנע טרעפּאַקעס, דערצו נאָך האָט מען אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן און אויך אַ ביסל וואַסער צום פאַרטרוקנטן גומען איז נישט געווען — וויל מען געניסן פון אַ ביסל אָפּרו און מען בעט זיך ווידער אויף די וועגענער. ווייזט אויס, אַז די זענען שוין אַזוי מיד און נאָך מערער פאַרצווייפלט, אַז זיי איז אַלץ איינס. במילא וועט מען אומקומען, טאָ זאָל כאָטש זיין אַ ביסל אויסגערוט.

אָט באַווייזט זיך אויפן שאָסיי אַ געשפּאַנטער וואָגן מיט אַ גרויס פאַס וואַסער. דער געלויף און געשטופּעריי ביים פאַס איז אַזוי גרויס, אַז זעלטן עס קאָן ווער געניסן פון דעם מים־חיים. עס ווערט מערער פאַרגאָסן אַרום דעם פאַס פון דעם, וואָס די אומגליקלעכע באַווייזן צו טרינקען. אין אַזאַ פאַל האָבן די רוצחים זייער מעטאָד ווי אַזוי איינפירן אָרדענונג: זיי עפענען אַ שיסעריי — און דאָס פאַרגאָסענע וואַסער אויפן שאָסיי מישט זיך אויס מיטן פאַרגאָסענעם בלוט. דערשראָקענע און צעטומלטע, לויפן די מענטשן

אויף צוריק, מען וויל נישט פאַלן פון אַ קויל. די בהלה איז גרויס, איינער טרעט אויפן צווייטן.

מיר גייען ווייטער מיטן טויטן־מאַרש. אויפן שאָסיי בלייבן ליגן די קרבנות פונעם פעסל וואַסער און פון די דייטשע קוילן. קינדער טראָגן אויף די פּלייצעס זייערע אַלטע טאַטעס, אַבי זיי זאָלן זיך נישט אויפזעצן אויף די וועגענער, וועלכע באַגלייטן אונדז. איינער פון זיי, אַ ניצול געוואָרענער פון אַזאַ עקזעקוציע אין וועלדל האָט דערציילט וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט די וואָס האָבן געוואָלט גענִיסן פון די פערד־און־וועגענער.

אַזוי אַ גאַנצע וואָך, און מעגלעך — מיט אַ צוגאָב פון נאָך טעג (ווייל אין יענע באַדינגונגען איז געווען אוממעגלעך צו פירן אַ קאַלענדאַרישן חשבון), זענען מיר האַלב נאַקעט און האַלב באָרוועס, מיט צעקאַלעטשעטע פיס און אייטערדיקע ווונדן, געגאַנ־גען איבער וועגן און שטעגן. אַמאָל, בעת די נאַכט־אָפּרוען, האָט מען יאָ געגעבן עפּעס צו דערהאַלטן די נשמה, אַמאָל — נישט. פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו די מענטשן דער כוח דאָס אַלץ אויסצוהאַלטן, איז פאַר מיר אַ רעטעניש ביזן היינטיקן טאָג.

מיין פרוי האָט באַקומען געשוואָלענע קנעכלען פון די פיס. מיר האָבן זיך געטרייסט און געמוטיקט איינער דעם צווייטן: „מיר וועלן איבערלעבן, מ'וועט נאָך וועגן אַלץ דערציילן אין נחת". אַז מ'האָט אַמאָל געגעבן אַ טראַכט וועגן אַנטלויפן — און עס זענען געווען פאַלן פון אַרויסדרייען זיך פונעם טויטן־מאַרש — איז דיך באַפאַלן אַ צווייטע מחשבה, אַז די פרייד פון זיין אויף דער פריי וועט לאַנג נישט דויערן. די פויערים זענען נישט גרייט צו העלפן אַזאַ אַנטלאָפענעם. אויב זיי דערהרגענען אים נישט אַליין, ווערט דער קרבן אויסגעליפערט די דייטשן. און די וועמען עס געלינגט צוצוקומען צו אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין וואַלד, איז אַפילו דאָרט, ספּעציעל אַ ייד, נישט זיכער מיטן לעבן. און אויב דערשלאָגסט זיך

צו אַ שטעטל אָדער שטאָט, וועט דיך נישט בלויז דער לאַגער־הולך דעמאַסקירן, נאָר אויך דער טיפּיש יידישער אויסזען, צי דער שלעכ־טער פּויליש וועט אויסזאָגן ווער ביסטו און וואַנען קומסטו. איז גאָר געבליבן צו באַנוצן זיך, ווי ביז איצט, מיטן באַקאַנטן ווערטל וואָס איז געווען אַזוי אָנגענומען אין די געטאָס און לאַגערן: „יינגל, האַלט זיך! גיב זיך נישט אונטער!״

די קנעכלען פון באַלטשעס פיס זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן מער געשוואָלן. איך האָב פון זיך אַראָפּגענומען דאָס העמד, צעריסן אויף פּאַסן, ענלעכע צו באַנדאַזשן און אַרומגעוויקלט אירע פיס. זי איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף מיין אַקסל און באַזאַמען מיט מיר געהאָפּט און געגלויבט, אפשר וועט אונדז געלינגען איבער־צולעבן דעם גהינום.

אונדזערע רייען זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן שיטערער. מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן. ווער פון דערשעפּונג, הונגער אָדער קראַנקייט, און ווער — פון אַ דייטשער קויל. אַ געוויסן פאַר־נאַכט זענען מיר צוגעקומען צו אַ טייך און די רוצחים האָבן באַפוילן צו רוען. הונדערטער האָבן זיך געלאָזט לויפן צום וואַסער, כדי שטילן דעם דורשט. איך און באַלטשע האָבן זיך אָנגעטאָן אַ גבורה נישט צו טרינקען, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן קראַנק ווערן אויף טיפוס, אויב מען רירט זיך צו צו דעם וואַסער. אַ גאַנצע נאַכט איז מען געלעגן אויפן נאַסן גראָז. די פייכטקייט האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער, אַ צאָן האָט געקלאַפּט אין אַ צאָן פון קעלט — און אַזוי איז מען איבערגעקומען נאָך אַ נאַכט.

מיטן אויפשיינען פון דער זון, איז באַנייט געוואָרן דער טויטן־מאַרש.

אין פאַרקלאַפּטע וואַגאָנען — קיין אוישוויץ

אינמיטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין טאָמאַשאָוו. מ'האָט אונדז אַריינגעפּירט אין אַ גרויסער געביידע, וווּ פאַרן אויסברוך פון קריג האָט זיך געפונען אַ טעקסטיל־פאַבריק. דער קאָמענדאַנט מעלדעט, אַז דאָ וועט מען רוען עטלעכע טעג. מיר זענען צופרידן פון אַזאַ מעלדונג, הגם מען דאַרף ליגן אויף פייכטע דילן און מייז מיט שטשורעס שפּרינגען אַרום אומגעשטערט. נאָר די אַלע צרות זענען אַ קלייניקייט אַנטקעגן דעם גרויסן אומגליק פון צונעמען די פּרויען. ווי נאָר מיר זענען אַריין אין דער פאַבריקס־געביידע, האָט מען זיי אָוועקגעפירט. איך האָב באַוויזן צו געזעגענען זיך מיט באַלטשען אָן טרערן. זיי זענען שוין נישט געווען בנמצא אין די אויסגעטרוקנטע אויגן. געוווּסט האָבן מיר, אַז אויב מען צעטיילט אַ טראַנספּאָרט אויף צוויי גרופּן, איז איינע פון דער גרופּע באַשטימט צום אומקום. אָבער וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? פאַר די פיר יאָר מלחמה, האָבן מיר ביידע אַזוי פיל אַדורכגעמאַכט...

בערך אַ וואָך צייט (איך האָב ווידער פאַרלוירן דעם גענויעם חשבון פון טעג) זענען מיר געווען פאַרשפּאַרט אין דער געביידע אין טאָמאַשאָוו, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע. אָט דערהערן מיר אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, עס קומט אָן אַן עשעלאָן מיט ליידיקע פראַכט־וואַגאָנען. נאָך נישט באַוויזן צו קאָמענטירן די דאָזיקע געשעעניש, באַווייזן זיך צוריק — אונדזערע פּרויען. מען וועט זיי אָוודאי טראַנספּאָרטירן צוזאַמען מיט די מענער. מען באַווייזט זיך נישט אָנצופרייען פון דער איבעראַשנדיקער באַגעגעניש און עס הערט זיך דער ברוטאַלער געשריי און באַפעל „איינשטייגן!". די פּרויען שטויסט מען אַריין אין אַ באַזונדערן וואַגאָן, די מענער — אין די פאַרבליבענע וואַגאָנען וועלכע ווערן פאַרקלאַפּט מיט ברעטער.

בלויז אַ קליין, פאַרקראַטעוועט פענצטערל לאָזט אַריין אַ ביסל לופט און ליכט.

ווי לאַנג דער עשעלאָן האָט זיך געשלעפּט, האָבן מיר נישט געקענט נאָכרעכענען, ווייל ער איז אויך געשטאַנען אַ סך צייט אויף פאַרשידענע סטאַציעס. ווער פון אונדז האָט אויף איין סטאַציע באַמערקט דעם אויפשריפט „טשענסטאָכאָוו". הייסט עס, אַז מיר פאָרן אויף מערב. אפשר פירט מען אונדז אין טיף דייטשלאַנד? אָט שטעלט זיך אונדזער באַן אויף אַ סטאַציע — און ווידער געלינגט איינעם צו דערזען דעם אויפשריפט „אָשוויענטשים". מ'האָט זיך געלערנט טרעפן, אַז נישט דאָ איז דער ענדציל פון דער רייזע. די באַן רירט זיך טאַקע ווייטער, אָבער נישט אויף לאַנג, און שטעלט זיך אָפּ אויף זייטיקע רעלסן. פון דאַנען האָט מען געזען אַ ריזיקן לאַגער, מיט צענדליקער באַראַקן, צעשטעלט ווי אַ שאַך־ברעט. אַ שטאַרקע באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אין לאַגער. קאַצעטלערס אין זייערע געשטרייפטע בגדים, באַגלייט פון קאַפּאָס, מיט שטעקנס אין די הענט, האָבן געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן, אָדער געטריבן געוואָרן פון איין אָרט צום צווייטן.

בעת מיר שטייען אַזוי אין די פאַרקלאַפּטע וואַגאָנען, דערהערן מיר דורך די פענצטערלעך, ווי קאַפּאָס פרעגן אויף יידיש, פויליש און דייטש, צי מיר האָבן צו פאַרקויפן גאָלד אָדער דאָלאַרן. נאָך האָבן זיי געפרעגט, צי מיר ווייסן וואָס עס הערט זיך אויף די פראָנטן, צי איז ריכטיק אַז די דייטשן אַנטלויפן פון לובלין און ווו שטייט איצט די רויטע אַרמיי? יעדער האָט געוואָלט וויסן נייעס פון די פראָנטן, אָבער אַ טייל איז געווען איינגעשטעלט צו פאַר־נעמען זיך מיט האַנדל־וואַנדל און וואַלוטע־פאַרקויף. ידיעות, ריכטיקער — השערות וועגן דער לאַגע בכלל, האָבן מיר געקענט איבערגעבן דורך די פענצטערלעך. אָבער סחורה צי ווערט־זאַכן — איז געווען אוממעגלעך, אַפילו ווען מיר וואָלטן דאָס גע־האָט.

פּלוצים עפנט זיך אויף די ברייטע טיר פונעם פראַכט־וואַגאָן און מיט געשרייען און קלעפּ נעמט מען טרייבן אין דרויסן. מיר אַליין זענען ווילד געלאָפן צו דער פרישער לופט, געוואָלט וואָס גיכער פאַרלאָזן דעם פאַרעיפּושטן און פאַראומרייניקטן וואַגאָן, ווו מענטשן האָבן אין משך פון עטלעכע טעג דערפילט זייערע באַדערפענישן.

נישט אַלע זענען אַרויס לעבעדיקע פון די וואַגאָנען אין וועלכע מ'איז איינגעשטיגן אין טאָמאַשאָוו. אויך אין דעם פאַרקלאַפּטן וואַגאָן האָט דער הונגער, דורשט און מאַנגל אין לופט גורם געווען צו טויט־פאַלן. די געשטאָרבענע האָבן שוין נישט געקענט אויספירן דעם דייטשישן באַפעל „הערויס! הערויס, פערפלוכטע יודען!״...

איצט זענען מיר אין אושוויץ, נאָכן פאַרלאָזן דעם ראַדאָמער דיסטריקט, איינעם פון די פיר דיסטריקט־שטעט פון גענעראַל־גוווערנאַמענט.

מענגעלע שיקט זיינע קרבנות „רעכטס״ און „לינקס״

מיר שטייען אויסגעשטעלט אויף דער באַן־ראַמפּע אין אויש־וויץ. די ס.ס.־לייט באַפעלן די יידישע קאַפּאָס אָפּציילן דעם טראַנספּאָרט. זיי ריידן צו אונדז יידיש און ציילן אויף יידיש, דערנאָך גיבן זיי איבער די דייטשן דעם גענויעם ציפער פון די געקומענע. געענדיקט ציילן, באַווייזט זיך אַ הויכער, דיקער ס.ס.מאַן. ער באַפעלט צו מאַרשירן צו אים איינציקווייז, ביזן צוקומען צו אַ געוויסן פונקט. דאָ ווייזט ער מיטן פינגער אין וועלכער ריכטונג גיין ווייטער. מיר האָבן געפילט, אַז דעם וועמען ער הייסט גיין „רעכטס״, בלייבט

דערווייל לעבן. און די וועמען ער שיקט „לינקס", זענען פאַרמשפט צום טויט.

בעת דער דאָזיקער סעלעקציע, בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל דאַרפן גיין אויף לינקס, ווייל דאָס דורכגעשאָסענע מויל אין לובלינער געטאָ, האָט דעפאָרמירט מיין פנים. איין העלפט איז געווען אויסגעקרומט און אַ האַלב געזיכט — פּאַראַליזירט. נישט אַנדערש, דער מלאך וואָס האָט מיך געהיטן די גאַנצע צייט, האָט אויך איצט אונטערגעזאָגט דעם נאַצי־מערדער, ער זאָל מיר שיקן רעכטס.

פּאַר די וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף לינקס, האָבן מיר געזען, ווי עס זענען צוגעפאָרן עטלעכע לאַסט־אויטאָס, אויף וועלכע מ׳האָט באַפוילן אַרויפגיין די אומגליקלעכע קרבנות. די עלטערע יידן און קינדער האָבן די קאַפּאָס געהאָלפן אַריינגיין אין די מאַשי־נען. די קאַפּאָס וואָס האָבן אונדז געהיטן, האָבן דערציילט ווו אַהין די אויטאָס פירן די מענטשן: „אויף שמעלץ"...

מיר, די פאַרלויפיק באַגנעדיקטע, זענען עטלעכע שעהן גע־שטאַנען אויפן פעלד, נישט ווייט פון די באַן־רעלסן אויף וועלכע מ׳האָט צוגעפירט אונדזער עשעלאָן. אין אָוונט איז צוגעפאָרן אַ פור מיט ברויט. יעדער האָט באַקומען אַ צוגעטיילטע פּאָרציע. הגם מיר זענען געווען הונגעריק ווי די וועלף, האָט זיך דאָס מאָל נישט געגעסן מיטן געוויינלעכן אַפּעטיט פון די וואָס האָבן אַ סך טעג נישט געזען אַ שטיקל ברויט פאַר די אויגן. מיר זענען טאַקע נאָר וואָס געקומען פון איין עקדה. אָבער וואָס דערוואַרט אונדז דאָ?

אויך ביי די פרויען איז פאָרגעקומען די זעלבע סעלעקציע אויף רעכטס און לינקס. צו וועלכער גרופּע דער גורל האָט באַ־שטימט באַלטשען — האָב איך נישט געוווסט. מיר זענען שוין נישט מער צוזאַמען. ווי תמיד, אויך דאָ איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט

צו פיל צו קלערן. עס דערהערט זיך אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו, באַלד דערנאָך — דער באַקאַנטער באַפעל „איינשטייגן!". מיט קלעפּ טרייבט מען אין די וואַגאָנען וואָס האָבן אונדז געבראַכט אַהער. ווידער אַ פייף — דער צוג רירט. מיר פאַרלאָזן אוישוויץ — ווו אַהין?

דריטע טייל:

אויף דער ערד פון אשמדאי

אין לאַגער הינטער שטוטגאַרט

ווידער אין פאַרקלאַפּטע וואַגאָנען, וועלכע דער לאָקאָמאָטיוו שלעפּט מיט אַ געפּייף און טומל. אַזוי דריי מעת־לעת, כמעט זיך ניט אָפּגעשטעלט. די פאַרשפּאַרטע שקלאַפן גיט מען נישט קיין טרונק וואַסער, קיין פּיצל ברויט, קיין פרישע לופט. פאַר די דייטשע רוצחים זענען ווינציק די מאַסן־דערשיסונגען, די קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן, דער טיפוס און אַנדערע קראַנקייטן, דער הונגער און פּיין, כדי אויסראָטן די יידן. אויך דאָס פירן זיי אין הער־מעטיש פאַרמאַכטע וואַגאָנען צום אומקום, צי אין אַ נייעם קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, איז איינער פון די באַרבאַרישע מיטלען אומ־צוברענגען אונדזער פאָלק.

ענדלעך שטעלט זיך אָפּ דער צוג. מיר הערן ווי די שווערע, מאַסיווע טירן רוקן זיך אויף און די באַקאַנטע קאָמאַנדע „אויס־שטייגן" קלינגט אָפּ אין אונדזערע אויערן ווי דערלייזערישע מוזיק. מיט די לעצטע כוחות נעמט מען זיך שטופּן אין דרויסן, ווו מ'קאָן כאָטש איינאָטעמען אַ ביסל לופט. און אפשר דערוואַרט אונדז דאָרט עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין? דערווייל הערט מען בלויז די היסטערישע באַפעלן פון אונדזערע הערשער. דאָס זענען די זעלבע וואָס באַגלייטן אונדז פון אוישוויץ.

די לעצטע נאַכט זענען מיר געשטאַנען אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע. דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל האָט זיך אַריינבאַקומען אַ ביסל לופט אינעם אויסגעפּולטן וואַגאָן, אָבער דער געשטאַנק פון די טויטע קערפּערס און פון די דערפּילטע באַדערפענישן פון די לעבעדיקע, האָט גובר געווען איבער אַלעמען. איצט זענען מיר האַלב פאַרחלשטע אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן און זיך אויס־געשטעלט אין רייען — צום ציילן, צום אַפּעל, דער עיקר — צום פייניקן און איזדעקעווען זיך איבער אונדז, וואָס אויף יעדן איינעם

איז געזאָגט געוואָרן, אַז ר׳איז שוין מער אויף יענער וועלט ווי אויף דער וועלט...

מיר וואַרפן בליקן אומעטום, אפשר וועט מען דערזען אַ שילדל, אַן אויפשריפט וואָס זאָל אַנטפּלעקן דאָס אָרט ווו מיר געפינען זיך. אַז מיר זענען שוין אויף דער דייטשער טעריטאָריע — אונטערליגט נישט קיין ספק. מיר פאַרשטייען דאָס לויט דער לאַנדשאַפט, לויט די הייזער, אַפילו לויט דער שיינענדיקער זון, וועלכע האָט אונדז אַפילו נישט געוואַרעמט. די דייטשן האָבן מיט רעוואָלווערן און נאַהייקעס אין די הענט געהיטן דעם טראַנספּאָרט.

עטלעכע שעה האָט מען אונדז געהאַלטן אויפן אַפּעל, ביז עס האָבן זיך באַוויזן די נייע בעלי־הבתים אונדזערע, צווישן זיי — אויך אַלטע באַקאַנטע: דער ס.ס.־אָפיציר העקער, מיטן צונאָמען „אויער״, ווייל ער פלעגט אָפט זיך שנעלן מיט די פינגער אין אויער; דער תליין פּאָספּעשיל, וואָס איז מיר ווידער נאָכגעגאַנגען פון די לאַגערן אין לובלין (ליפּאָווע 7 און מיידאַן טאַטאַרסקי), דערנאָך — אין ראַדאָמער לאַגער אויף דער שקאָלנע־גאַס. אויך איצט האָב איך זיך געשראָקן, ער זאָל מיך נישט דערקענען. זיי האָבן דעם גוטן ייד יחיאל פרידמאַן פון ראַדאָם באַשטימט פאַר אַ לאַגער־עלטסטן, וואָס האָט דעם זעלבן אַמט געהאַט אין לאַגער אויף דער שקאָלנע.

דעם 13טן אויגוסט 1944 פירט מען אונדז אַוועק צופוס (איבער צוויי טויזנט מענער) אינעם שטעטל וויהינגען־ענץ, הינטער שטוט־גאַרט, אין אַ ניי־אויפגעשטעלטן לאַגער. עס ווערן באַשטימט בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס מיט זייערע געהילפן, איבער די פינף באַראַקן. איך ווער צוגעטיילט אין פינפטן בלאָק, פאַר וועלכן ס׳איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דער ייד פון זאַקשעוועק, רייז. ער האָט נאָך געשפּילט אַ ראָל אין ראַדאָם, ווו ער איז געקומען מיט אַ טראַנס־פּאָרט פון לאַגער בודזין, נעבן קראַשניק, צוזאַמען מיט זיין פאָטער און ברודער. וועגן די דריי האָט מען געוווסט אין ראַדאָם, אַז אַפילו אין לאַגער פאַרנעמען זיי זיך מיט וואַלוטע־ און גאָלד־האַנדל און

אַ דאַנק דעם האָבן זיי אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך איינצושאַפן עסן, וועלכן פֿאַלאַקן האָבן פֿאַר אַ גוטער באַלוינונג, צוגעשטעלט אין געטאָ אָדער אין לאַגער.

אויך דאָ, אויף דײַטשער ערד, האָבן דער טאַטע און צוויי זין אַרויסגעוויזן די זעלבע פֿעיִקייט פֿון „איינאָרדענען זיך", ווי אין בודזין און אין ראַדאָם.

אויסגעשטעלט צו דריי אין אַ רײַ, האָט מען אונדז אַריינגעפֿירט אין באַראַק, וווּ ס'האָבן זיך געפֿונען 3־שטאָקיקע פּריטשן, איינע איבער דער אַנדערער. מיר איז אויסגעפֿאַלן אַ פּריטשע אין דער הייך, ביי אַ וואַנט, וואָס איז אַגב געווען זייער מזלדיק פֿאַר מיר, ווייל דאָרט האָט זיך אויך געפֿונען די ראָזעטקע — דאָס קעסטעלע מיט די עלעקטרישע דראָטן. ווי אַן עלעקטריקער וואָס האָט זיך צוגעאייגנט דאָס פֿאַך אין לאַגער אויף ליפּאָווע 7 אין לובלין, האָב איך מיט דער הילף פֿון עטלעכע שטיקלעך דראָט וועלכע כ'האָב געפֿונען, איינגעאָרדנט אַ פּרימיטיוו עלעקטריש קעבל. מיט דער הילף פֿון עטלעכע אָנגעגליטע דראָטן, איז מיר געלונגען אָפּצובראָטן אָדער אָפּקאָכן אַ בורעקל, אַ קאַרטאָפֿל, וועלכע מ'האָט געפֿונען אויפֿן וועג, אומקערנדיק זיך פֿון דער אַרבעט, אָדער אין לאַגער, צווישן אָפּפֿאַל פֿון דער קיך. פֿאַר אָפּקאָכן וועמען פֿון אונדזער באַראַק אַ בורעקל אָדער אַ קאַרטאָפֿל, האָב איך באַקומען מיין חלק — און דערמיט געשטילט אַ ביסל דעם הונגער. איך וואָלט אָבער באַצאָלט מיטן לעבן, ווען דער בלאָק־עלטסטער, צי דער שטובאָווע, זאָלן געווען אַנטדעקן די איינריכטונג.

צוויי אָנגעגליטע דראָטן פֿון עלעקטרישן שטראָם האָב איך אַריינגעלייגט אין מיין מענאַזשקע מיט וואַסער, אין וועלכע עס האָט זיך געפֿונען די קאַרטאָפֿל אָדער מייער. ווי נאָר דאָס וואַסער האָט גענומען זידן, פֿלעגט עס שפּריצן אַרום און אַראָפּרונען אויף די אונטערשטע פּריטשעס. עס האָט אויך געדראָט אַ קורצשלוס, צוליבן צונויפֿירן עלעקטרישן שטראָם מיט וואַסער. צום גליק, איז דאָס

אַלץ אַדורך בשלום. אמת, איך האָב ריזיקירט מיטן לעבן, אָבער ווער האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן לעבן, בעת דער ליידיקער מאָגן האָט תמיד געמאָנט און געפאָדערט **עסן! עסן!** אונדזער טעגלעכע ראַציע איז דאָך באַשטאַנען פון 200 גראַם שוואַרצן, ליימיקן ברויט און אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ.

נישט לאַנג האָט געדויערט מיין גליק מיטן עלעקטרישן קעבל. מען האָט מיך איבערגעפירט אין אַ צווייטן באַראַק, אויף אַן אונטערשטער פּריטשע, ווייט פון דער ראַזעטקע.

נאָך עטלעכע וואָכן, איז דער נייער, ריינער לאַגער געוואָרן פאַראומרייניקט. די קאַצעטלערס — פאַרלייזיקט. די באַראַקן — פול מיט פליי און וואַנצן. בלויז איין מאָל האָט מען אונדז געפירט צו אַ דעזינפעקציע. מיר זענען פון דאָרט געקומען אַנטלייזטע, אָבער נישט אויף לאַנג. אין לאַגער האָבן זיך געפונען עטלעכע וואַסער־קראַנען, וועלכע האָבן באַדינט טויזנטער מענטשן. דאָס געשטופּעריי צום וואַשן, אָדער נעמען טרינק־וואַסער, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך האָבן מוותר געווען אויף דער ריינקייט, אַבי נישט אַדורכמאַכן דעם גהינום ביי די קראַנען.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס אין לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע און מענטשן זענען געשטאָרבן אין גרויסע צאָלן?

אין דער שטיינהאַקעריי

אויב זיין אין באַראַק נאָך דער אַרבעט, איז צוליב דעם שמוץ, הונגער און שווערע באַדינגונגען געווען דער פּרוזדור צום גהינום — איז די אַרבעט אין דער שטיינהאַקעריי געווען דאָס גהינום אַליין. הונדערטער לאַגער־יידן האָבן פון אַ ריזיקן, הויכן באַרג געהאַקט מיט קילאָפּן אין גרויסע שטיינער, וועלכע אַן אַנדערע גרופּע האָט אויף שמאָל־רעלסיקע וואַגאָנעטקעס געפירט צו אַ צווייט אָרט, ווו

מ׳האָט זיי געברענט אויפן פייער און פון דעם אַרויס באַקומען אַ שטאָף, וועלכן מ׳האָט גענוצט צו די דיזל־מאָטאָרן. אונטער דער אויפזיכט פון סאַדיסטישע דייטשן, באַוואָפנטע מיט געווער און שטעקנס, אָדער לעדערנע בייטשן, זענען מיר 12 שעה אין טאָג געווען באַשעפטיקט ביי דער קאַטאָרגע־אַרבעט. מען טאָרף נישט פאַרגעסן, אַז דער רוב מענטשן זענען געווען לעבעדיקע סקעלעטן, מיט איינגעפאַלענע אויגן, דערשעפּט פיזיש, דערשלאָגן מאָראַליש, נאָר דורכגענומען מיט אַן אייזערנעם ווילן צו בלייבן לעבן, איבער־לעבן, נעמען נקמה, דערציילן דער וועלט פון די דייטשע גוואַלד־טאַטן.

פון די אַלע שוידערלעכע דערינערונגען פון דער שטיינהאַקעריי הינטער שטוטגאַרט, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אייגנ־אַרטיקן „ספּאָרט״, וועלכן געוויסע דייטשע מייסטערס האָבן אָנגע־ווענדט לגבי אונדז. אָן אַ פאַרוואָס, סתם צוליב פאַרווײַלונג, האָט אַזאַ דייטשער סאַדיסט געגעבן אַ שטויס וועמען פון די קאַצעטלער, וואָס האָט ווי אַ באַלעם גענומען זיך קייקלען באַרג אַראָפּ, אין טיפן טאָל — און דאָרט געבליבן ליגן אַ צעשמעטערטער, אַ פאַרבלוטיק־טער. מיינעם אַ שכן ביי דער אַרבעט האָט איין רוצח, מיט אַ קאָפּע פון פוס, אַראָפּגעשליידערט דעם קרבן אין טאָל און דערנאָך מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויסגערופן:

— איך שפּיל פוטבאָל מיט דעם יודע... איך קאָפּע אים היער און ער קייקלט זיך נאָך פּאַלעסטינאַ...

אַ צווייטן רוצח, וועמען מיר האָבן גערופן דער רויטער, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איין ייד האַלט נישט ריכטיק דעם קילאָף. ער איז צו אים צוגעגאַנגען, אַרויסגענומען דעם קילאָף פון דער האַנט, דערנאָך אים געגעבן אַ שטויס — און נאָך אַ קרבן פון דייטשער ברוטאַלקייט פאַלט אַראָפּ אין אָפּגרונט. דער מערדער צעלאַכט זיך פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט. באַלד דערהערט זיך זיין באַפעל:

— אַרבייטען, פערפלוכטע יודען, אַרבייטען!

(אין יאָר 1946, נאָך דער באַפרייונג, בין איך געווען גערופן אין שטעטל שוועביש־האַל, ווי אַן עדות אויפן פּראָצעס קעגן דעם רויטן מערדער, וועלכער איז דירעקט געווען פון איינעם פון זיינע קרבנות. דער דייטשער ריכטער האָט אים פאַרמשפּט אויף... 2 יאָר תפיסה. איך בין זיכער, אַז נאָך מיין פאַרלאָזן דאָס דערמאָנטע שטעטל, האָט מען דעם מערדער באַפרייט).

געווען צווישן אונדז אויך אַזעלכע, וואָס דער דייטשער אויפזעער האָט זיך נישט באַדאַרפט געבן די מי זיי צו שטופּן אין תהום. זיי פלעגן אַוועקפאַלן בעת דער אַרבעט, דערשעפּטע, הונגעריקע, קראַנקע — און מער נישט אויפשטיין. מ'האָט אויך נישט געוואָלט זיך מעלדן אין דער קראַנקען־שטובע, ווייל אַלע מאָל האָט מען פון דאָרט צוגענומען די קראַנקע און שוואַכע און זיי אומגעברענגט.

עס זענען אָבער אויך געווען פאַרצווייפלטע, רעזיגנירטע, אַפּאַטישע און הילפלאָזע, וואָס זענען געוואָרן גלייכגילטיק צום ביטערן גורל. אַזעלכע האָבן זיך יאָ געמאָלדן אין דער קראַנקען־שטובע, כדי כאָטש אַ טאָג־צוויי פאַרן אומקום — אויסרוען דאָס בינטל ביינער. בעצם, איז יעדער איינער פון אונדז געווען נישט מער ווי אַ בינטל ביינער...

אויך דער הונגער און די לייז האָבן געפאָדערט זייערע קרבנות. גאַנץ פרי, נאָכן אויפשטיין פון שלאָף אויף די האַרטע געלעגערס, איז נישט איינער געבליבן ליגן אָן אָטעם, אַ געענדיקטער. די בלאָקעלטסטע האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז זיי זאָלן צושטעלן דעם ציפער פון די געשטאָרבענע פון יעדן באַראַק, בעתן אַפּעל. געווען פאַלן, אַז אַ ייד וואָס איז געבליבן ליגן, האָט זיך פשוט נישט געקענט אויפהייבן פון דערשעפּטקייט. די דייטשע רוצחים האָבן נאָכן אַפּעל און קאָנטראָל אין די באַראַקן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז דער דאָזיקער ייד זאָל טאַקע קיינמאָל מער נישט אויפשטיין.

די טויטע אויף די פריטשן האָבן לויט דער צאָל באַדאַרפט שטימען מיטן אַלגעמיינעם ציפער פון די לעבעדיקע, וואָס זענען

אין קאַלט־פּראַסטיקע באַגינענס געשטאַנען צום אַפּעל אין זייערע לײַכטע לאַגער־בגדים, אָן אונטערוועש און געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן פון קעלט. אַ געוויסן פרימאָרגן האָב איך באַמערקט, ווי מיין שכן פון געלעגער, פרידמאַן, הייבט זיך נישט אויף. איך האָב אים עטלעכע מאָל אַ שטויס געגעבן, איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט — נאָר יענער רירט זיך נישט; אַוודאי איינגעשלאָפן מיטן חלום פון דער פרוי, קינדער, טאַטע־מאַמע, וועמען דער היטלעריסטישער מולך האָט פאַרלענדט. און ווער ווייסט? אפשר האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט אַ תפילה: „רבונו של עולם, לאָז מיך כאָטש איין בליק געבן אויף מיינע טייערסטע?" איך האָב נאָר געוווּסט וועגן אים, אַז זיין גאַנצע משפחה איז צוגענומען געוואָרן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ אין וואַרשע.

די אַרבעט אין לאַגער איז געוואָרן שווערער, דער הונגער — שטאַרקער. אין יענע שרעקלעכע טעג און נעכט, האָב איך זייער אָפט איבערגעחזרט דאָס פּאָפּולערע ווערטל וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין די געטאָס און לאַגערן: „יינגל, האַלט זיך!". כ'האָב זיך געהאַלטן, באַמיט זיך מיט די לעצטע כוחות צו שטיין אויף די פיס. כ'האָב גוט געדענקט די דערציונג, וועלכע כ'האָב באַקומען פון מיין גאַטזעליקן פאָטער און באַזונדערס זיינע רייד פון טרייסט און האָפענונג אין לובלינער געטאָ אין מיידאַן־טאַטאַרסקי: „השם יתברך וועט העלפן, דער אויבערשטער איז אַ גוטער טאַטע. וועסט זען, מיר וועלן נאָך אַנטקעגן גיין משיח'ן. ווייסטו וואָס? איך וועל נאָך האַלטן דיין דוד'לען אויף די הענט, אַנשטאָט אַ ספר־תורה"...

איך בין געווען אַדורכגענומען מיט דער טיפער אמונה פון טאַטן. ווי ער, האָב איך געגלויבט אין דער השגחה עליונה, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיין לאַגער־לעבן איז געווען דאָס שווערסטע און ביטערסטע אַנטקעגן דעם וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט ביז איצט. נאָר זייער אָפט האָב איך זיך אומגעקערט צו דער פראַגע: פאַר וואָס זאָל גראָד איך בלייבן לעבן?

די אויסבאַהאַלטענע יריעה פון אַ ספר־תורה

מ׳האָט טאַקע געלעבט אַן אַ קאַלענדאַר, אָן אַ זייגער (און פון אַ יידישן לוח — איז דאָך אָפּגערעדט), דאָך האָבן מיר געוווּסט ווען עס פאַלט אויס ראש־השנה. יום־טוב ביינאַכט האָבן מיר אין איינעם פון די באַראַקן געהאַט אַ מנין צום דאַווענען. בעת מיר האָבן מתפלל געווען פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, האָבן איניקע יידן פון אונדז געחוזקט, הלמאי מיר מאַכן זיך נאַריש — און דערביי געפרעגט עטלעכע שווערע, האַרבע קשיות. אויך אין יום־כיפור האָט מען געדאַווענט בציבור, אַ פיל גרעסערע צאָל יידן ווי אין ראש־השנה. מיר האָט אויסגעזען, אַז אויך אין אַ היטלעריסטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, מיט אַלע זיינע פורעניותן, איז גילטיק דער נצח ישראל לא ישקר...

פאַר אונדז, די מאמינים, הגם פאַרפּייניקטע, אויסגעהונ־גערטע און דערשלאָגענע, זענען די תפילות געווען דאָס איינציקע ביסל רוחניות, טרייסט און דערמוטיקונג אין יענע באַדינגונגען.

אין ווייהינגען האָט מען זייער אָפט אַדורכגעפירט רעוויזיעס אין די באַראַקן גופא און ביי יעדן קאַצעטלער באַזונדער, אַפילו געזוכט אין די אינטימע ערטער. די רעוויזיעס האָבן בדרך כלל אַדורכגעפירט די דייטשן, נאָר פון צייט צו צייט — אויך יידישע קאַפּאָס. אָבער איין ייד אונדזערן איז תמיד געלונגען אָפּצו־ראַטעווען אַ שטיקל יריעה פון אַ ספר־תורה, וועלכע ער האָט מיטגעפירט מיט זיך פון ראַדאָם. בלויז געציילטע מענטשן אין באַראַק האָבן געוווּסט וועגן ניצול געוואָרענעם פּאַרמעט, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אוישוויץ, ווייהינגען — און געבליבן אין די הענט פון דעם, וואָס איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר דעם צוועק.

יום־כיפור ביינאַכט, צו כל־נדרי, איז דיא יריעה איבערגעגעבן געוואָרן פון האַנט צו האַנט צו איניקע יידן, וואָס זענען שוין געלעגן

אויף די פּריטשן. יעדער פון זיי האָט מיט טרערן אין די אויגן געקושט די הייליקייט און אַוודאי געטראַכט וועגן די ימים נוראים ביי זיך אין דער היים... און נאָך אַ מחשבה האָבן זיי אַוודאי געהאַט:

— רבונו של עולם, הבט מן השמים וראה...

אַלע ווילן אָנקומען אין „ערהאָלונגס־לאַגער"

אין דעם גהינום אויף דער ערד וואָס האָט געהייסן ווייהינגען, האָבן מיר זיך געפונען אַ דריי אָדער פיר חדשים. ווי געזאָגט, האָבן מיר נישט געזען קיין קאַלענדאַר פאַר די אויגן און תמיד פאַרלוירן דעם חשבון פון טעג און וואָכן. אין איינעם פון די פרימאָרגנס, דעם 5טן נאָוועמבער 1944, נאָכן איבערציילן אויפן אַפּעל איינמאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל — הייבט מען אָן אַרויסנעמען פון די רייען אַ גרויסע צאָל מענטשן, בערך אַ פינף הונדערט, כדי זיי איבערשיקן אויף אַ צווייט אָרט. די מלאכה פון אויסקלויבן צום טראַנספּאָרט איז איבערגעגעבן געוואָרן פרידמאַנען און די קאַפּאָס. ווי דער שטייגער ביי זיי, האָט מען געקליבן אייגענע לאַנדסלייט, ראַדאָמער, און איבערגעלאָזט די פרעמדע, די א. ג. „הענגערס". מיין דערפאַרונג האָט געלערנט, אַז אויך איצט וועל איך זיין פון די ערשטע צום אַוועקשיקן.

און אַזוי איז טאַקע געשען. פרידמאַן האָט באַלד אָנגעוויזן אויף מיר, כ'זאָל אַרויסגיין פון דער ריי און זיך צושטעלן צו די פינף הונדערט. צוליבן דעפאָרמירטן פנים מיינעם, איז נישט שווער געווען מיך צו אידענטיפיצירן און נעמען צו פאַרשידענע שמוציקע אַרבעטן אין באַראַק, אין לאַגער, אויך נאָכן אומקערן זיך פאַרנאַכט פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט. מיר איז זייער אָפּט אויסגעקומען צו זיין אַ קרבן, אָדער ווי מ'האָט עס גערופן אין לאַגער־זשאַרגאָן: „אָפּיאַרע".

אינמיטן אָפּקלייבן די מענטשן, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג ביי די פאַרבליבענע, אַז דאָס אָרט ווו מען שיקט אונדז, וועט זיין אַ לאַגער צו באַדינען נאָר דייטשע זעלנער, וואָס זענען געקומען פון פראָנט. די באַדינגונגען דאָרט וועלן זיין פיל בעסער ווי דאָ, אין ווייהינגען. האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערלויף צו אונדזער גרופּע, וואָס ביז איצט האָט מען מורא געהאַט אין איר זיך אָנצו־שליסן. אַפילו מיין בלאָק־עלטסטער רייז מיט זיין טאַטן און ברודער האָבן זיך צוגעשטעלט, הגם אין דעם לאַגער איז זיי נישט שלעכט געווען. אַזוי ווי מ'האָט פריער געזוכט נאָר „הענגערס", האָבן איצט זיך געמאָלדן מערער וויפל מ'האָט באַדאַרפט. איך גראַד בין געווען גענויגט צו בלייבן אויפן אָרט און איינער פון די געבליבענע איז גרייט געווען צו טוישן זיך, נאָר פרידמאַן האָט נישט געלאָזט. בין איך געבליבן מיט אַ געפיל, אַז עפּעס טויג נישט. נאָר פאַרפאַלן, איך מוז פאַרלאָזן ווייהינגען.

בעת די אַנדערע האָבן אָוועקמאַרשירט צו זייער אַרבעט אין דער שטיינהאַקעריי, זענען מיר געבליבן אויפן אַפּעל־פּלאַץ אַ גאַנצן טאָג. ערשט פאַרנאַכט האָט מען אונדז געגעבן אַ האַלב ברויט, נאָר אָן זופּ, און באַפוילן די פינף הונדערט יידן צו מאַרשירן צו אַ זייטיקער באַן־ליניע, ווו מ'האָט אונדז אַריינגעטריבן אין וואַגאָנען. מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, ווערן די טירן פאַרמאַכט און פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, דער לאָקאָמאָטיוו דערלאַנגט אַ הויכן פייף — און מיר פאָרן איבער שטעטלעך און דערפער, אין וועלכע מען זעט נישט קיין ליכט. דערפאַר האָבן מיר פון צייט צו צייט געהערט דעם געוואָי פון די אַלאַרם־סירענעם — אַ סימן, אַז די אַוויאַציע פון די אַליאַנטן באָמבאַרדירט דייטשלאַנד. מיר הערן אַפילו נאָענט דעם גערויש פון די עראָפּלאַנען און באָמבעס־אויפ־רייסן, אָבער נישט זייער נאָענט, וואָס וואָלט אפשר דערמעגלעכט צו אַנטלויפן. אין דער פאַנטאַזיע האָב איך זיך אויסגעמאָלט אַזאַ בילד: פון די עראָפּלאַנען ווערן אַראָפּגעלאָזט דעסאַנטן פון אַמע־

ריקאַנער מיליטערישע איינהייטן, זיי רייסן אויף די וואַגאָנען און באַפרייען אונדז. אוי, גאָטעניו, ווי האָלט מען שוין דערביי?

ערשט אויפן פערטן טאָג פון דער רייזע, האָבן זיך געעפנט די טירן, נאָר מיט די ווילדע געשרייען און היסטערישע באַפעלן: „ראַוס, ראַוס, שנעל אַוסשטייגן, פערפלוכטע יודען! ראַוס!"...

מיר באַמיען זיך ווי אַמשנעלסטן צו פאַרלאָזן די וואַגאָנען, אין וועלכע עס בלייבן ליגן די געשטאָרבענע און שווער קראַנקע, וואָס זענען נישט מסוגל זיך אויפצוהייבן. די באַגלייטערס גיבן אונדז איבער צו אַ גרופּע דייטשע באַנדיטן, וואָס נעמען שלאָגן מיט גראָבע שטעקנס איבער די קעפּ, רוקנס, פיס — ווו עס לאָזט זיך. „ס'איז שלעכט, גאָר ביטער, מיר זענען מיאוס אַריינגעפאַלן, אויב דאָס איז דער ערשטער קבלת־פּנים" — טראַכט איך. מילא, מיך האָט מען געצוווּנגען צוצושטיין צו דער גרופּע. אָבער וואָס פילן יענע יידן, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות זיך געריסן צו קומען אַהער, אין „ערהאָלונגס־לאַגער"?

דער וועג פון באַן ביז דעם לאַגער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויטן־מאַרש אין קלענערן פאַרנעם, אָבער מיט נישט ווייניקער טראַגישע רעזולטאַטן און קרבנות.

אין לאַגער שעמבערג־דאַוטמערגען

פאַרשוויצטע, פאַרבלאָטיקטע, נאַסע און אויסגעפּרוּווירענע זענען די לעבעדיקע סקעלעטן צוגעקומען צו אַ טויער מיט אַן אויפשריפט „שעמבערג־דאַוטמערגען". מיר האָבן זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט קיין ערהאָלונגס־לאַגער, ווי אַ טייל האָט זיך געוואָלט איינריידן, בעת מ'האָט אונדז צעטיילט אין ווייהינגען. ווי נאָר מ'איז אָנגעקומען — דער אַפּעל. מען ציילט, באַגלייט מיט

קלעפּ פון גראָבע שטעקנס. די שלעגערס זענען דאָסמאָל נישט קיין דייטשן, נײַן. זיי האָבן זיך מיט וועמען אַרויסצוהעלפֿן ביים שלאָגן און דערשלאָגן די אומגליקלעכע יידן. פאַרמשפּטע קרימינעלע פאַרברעכערס, פּאָלאַקן און אוקראַינער, געוועלטיקן אין דעם לאַגער איבער די קאַצעטלערס, וואָס אויב זיי זענען ביז איצט ניצול גע־וואָרן פון דער דייטשישער קויל, צי פון די גאַז־קאַמערן, וועלן די בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס טויטן די קרבנות — און דערביי נישט געבן קיין פּינטל מיטן אויג.

אויך די „באַגריסונג־רעדע" האָבן מיר אויסגעהערט נישט פון דייטשן לאַגער־קאָמענדאַנט, אַ ס.ס.־אָפיציר, נאָר פון פּאָלאַק באַלעק, אַ באַוווּסטער אונטערוועלטניק פון וואַרשע, אַ פאַרבי־סענער שונא ישראל. זיינע ערשטע ווערטער זענען געווען:

— איר, סקורווי סיניס, זייט איצט מיינע זשידקעס. וועט איר זיך אויפפירן ווי איך הייס, וועט אייך זיין דאָבזשע, אויב נישט — וועל איך אייך וויקאָנטשן אין אַ פּאָר טעג...

ער האָט אָבער נישט געוואַרט אויף די ווייטערדיקע טעג, נאָר גלייך געלאָזן אין גאַנג זיין גראָבע פּאַלקע, וועלכע האָט געשפּאָלטן קעפּ. מ'האָט נישט געקענט זיך אַ ריר געבן פון אָרט, צי פאַרנייגן זיך אין אַ זייט, ווייל מ'איז געשטאַנען אין אַ טיפער בלאָטע, פון וועלכער אַרויסנעמען אַ פוס איז נישט געווען אַזוי לייכט. זענען טאָקע געבליבן אין דער זומפּ אַ ביסל יידן. זיי זענען שוין נישט דערגאַנגען צום באַראַק.

דער באַראַק אין וועלכן מ'האָט אונדז אַריינגעלאָזט, איז פריער געווען אַ גרויסער חזירים־שטאַל. דער געשטאַנק האָט גלייך אַ זעץ געגעבן אין נאָז, אַז עס האָט זיך געוואָלט חלשן. אייניקע יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער פּריטשע, זענען מער נישט אויפ־געשטאַנען. אין דער פרי האָט מען נישט צוגענומען די טויטע קערפּערס — און זיי זענען געבליבן אין באַראַק עטלעכע מעת־לעת.

פאַר די געשטאָרבענע אָדער דערמאָרדעטע, האָט מען אין דעם לאַגער נישט געגראָבן קיין קברים. אינמיטן לאַגער איז געווען אַ טיפער ריוו, אַוודאי אַ 30—40 מעטער די לענג און אַ 2 מעטער די ברייט. זיצנדיק אויפן אָנשיט איבער דעם טאָל, האָט מען דער־פילט די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. דער אָפענער גרוב האָט געדינט ווי אַ קלאָזעט פאַר הונדערטער לאַגערניקעס. אָבער דאָרט האָט מען אויך אַריינגעוואָרפן די טויטע קערפערס. און נישט בלויז טויטע. עס האָט פאַסירט, אַז נאָך אַן אַפעל, ווען די דייטשן צי די קאַפּאָס האָבן געפונען אין באַראַק אַ קראַנקן אָדער אָפּגעשוואַכטן מאַן וואָס האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן, האָט מען אים געשלאָגן מכות רצח און דערנאָך, נאָך אַ לעבעדיקן, אַריינגעוואָרפן אין דער לאַטרינע... אויך די וואָס זענען געפאַלן בעת דער אַרבעט, צי אויפן וועג פון דער אַרבעט, איז זייער קבר געווען אין יענעם גרוב. איך בין אָפט געווען אַן עדות, ווי נישט איינעם האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ פונעם שרעקלעכן ריח, וועלכער האָט זיך פון דאָרט געטראָגן און בעתן דערליידיקן זיך — האָט ער זיך פונעם אָנשיט אַראָפּ־געקאָלערט אין גרוב. פון דאָרט האָט זיך קיינער נישט געקענט ראַטעווען.

פון דעם מ׳שטיינסגעזאָגטן עסן, דער עיקר — פון דער וואַ־סערדיקער זופּ אין וועלכער עס פלעגט אַמאָל אַרומשווימען אַ שטיקל בורעק אָדער בריקעוו, האָט מען זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן און געמוזט אָפט לויפן צום גרוב. ביינאַכט, איז נישט איינער דער־שאָסן געוואָרן פון דעם דייטשן וועכטער אויפן טורעם, וואָס האָט אויס לאַנגווייל זיך געלערנט צילן אינעם נאַכט־שאָטן... נאָך אַזאַ פאַל, האָט מען מורא געהאַט אין די נעכט צו באַנוצן זיך מיטן לאַגער־קלאָזעט און מען פלעגט מאַכן הינטער זיך, ווו מ׳איז גע־שטאַנען, אָדער געלעגן. פון אַזאַ מענטש האָט זיך דערנאָך געטראָגן אַ מיאוסער ריח, אָבער מיר האָבן אים נישט געקענט באַזייטיקן פון אונדז, פונקט ווי אַזאַ ייד האָט נישט געקענט טוישן די וועש און דאָס אָנטאָן...

עס זענען אויך געווען פאַלן פון ווידערשטאַנד און פון אָנבערעכן די ביינער געוויסע קאַפּאָס. עטלעכע וואָכן פאַר אונדזער אָנקומען אין דעם לאַגער, האָט מען געבראַכט אַהער אַ טראַנספּאָרט יידן פון ווילנע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען צוויי ברידער קצבים, שימקע און מענדקע. גערופן האָט מען זיי „די הונדערטער״. מיט זיי האָט מען זיך גערעכנט, אַפילו די שטאַרקע האָבן פאַר זיי מורא געהאַט. זיי האָבן אַמאָל געכאַפּט אַ קאַץ, געברענגט זי אין לאַגער אַ טויטע און אָפּגעבראָטן צום עסן. מ׳האָט מקנא געווען די וואָס האָבן גענאָסן פון דער סעודה, פונקט ווי מ׳האָט מקנא געווען די, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו שלאָפן אין שכינות פון די צוויי ברידער.

אין איינעם פון די אָוונטן האָב איך געברענגט אין באַראַק די קעסלען מיט זופּ. נאָכן פאַרטיילן דאָס עסן, פלעגט דער בלאָק־עלטסטער מיר דערלויבן אויסצולעקן דעם קעסל, וואָס איז געווען אַ וויכטיקע צוגאַבע צו מיין דערנערונג. נאָר דאָסמאָל האָט ער באַפוילן איך זאָל גלייך אויסוואַשן די קעסלען און זיי צוריק טראָגן אין קיך — אַן אַרבעט וועלכע האָט נישט געהערט צו מיר. האָט איינער פון די ברידער געפרעגט דעם בלאָק־עלטסטן, פאַר וואָס ער גיט מיר אַ צוגאָבלעכע פונקציע. דער רשע האָט זיך געפילט געטראָפן וואָס מען מישט זיך אַריין אין זיינע עסקים און באַפוילן דעם ווילנער ייד, אַז ער זאָל אויסוואַשן די קעסלען און זיי צוריק טראָגן אין קיך. בלית ברירה האָט דער ייד אויסגעפירט דעם באַפעל. נאָר אינמיטן נאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, זענען ביידע ברידער, מיט נאָך עטלעכע חברה־לייט, אַריין אינם אָפּגעטיילטן צימערל פונעם בלאָק־עלטסטן, אים איינגעוויקלט אין אַ קאָץ און אים אַזוי צעהרגעט, אַז עטלעכע טעג האָט ער נישט געקאָנט גיין. פאַרשטייט זיך, דער געשלאָגענער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַרן לאַגער־עלטסטן, מיט וועמען ער האָט אָפט געשיכורט און געפרעסן, אָבער יענער האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער געשיכטע...

„גלייכער צו שטאַרבן פון הונגער, ווי פון קלעפּ"

אונדזער אַרבעט אין דעם לאַגער איז באַשטאַנען אין אויסהאַקן שטיינער אין די בערג פון ווירטעמבערג, נישט ווייט פון שטוטגאַרט און אין וואַגאָנעטקעס צופירן אויף אַ שמאָל־רעלסיקער באַן־ליניע צו אַן אָרט, וווּ מ'האָט זיי געבערענט און דערפון אַרויסבאַקומען אַן ערזאַץ־בענזין פאַר דער דייטשער מיליטערישער מאַשין, וועלכע האָט געליטן פון אַ מאַנגל אין ברענשטאָף. דאָ האָט דער ריזיקער אינדוסטריעלער קאָנצערן „א. ג. פאַרבען" באַשעפטיקט טויזנטער שקלאַפן־אַרבעטער, וועלכע עס האָט צוגעשטעלט דער היטלעריס־טישער רעזשים פון דער אָקופּירטער אייראָפּע. אייגנטלעך, זענען מיר דאָך געווען „נוצלעכע יודען", געאַרבעט אין אַ גרויסער דייטשער אונטערנעמונג און דערצו נאָך פּראָדוצירט אַזאַ אַרטיקל ווי בענזין. פון דעסטוועגן איז נישט אַדורך קיין טאָג אָן קרבנות. מענטשן זענען געפאַלן פון הונגער, דערשעפּונג. אויב נישט פון דעם, איז פון קאַפּאָס שטעקן, אָדער פון אַ דייטשער קויל. דער טויט האָט געלוי־ערט פון יעדן ווינקל. צו די פרימאָרגן־אַפּעלן האָבן עטלעכע קאַצעטלערס זיך נישט אויפגעהויבן — זיי זענען איינגעשלאָפן אויף אייביק. און דאָס האָבן די לעבן געבליבענע געהאַלטן פאַר אַ זכיה צו שטאַרבן פון הונגער, דערשעפּונג, איידער אומקומען פון קלעפּ, וועלכע די סאַדיסטישע קאַפּאָס און די רוצחישע דייטשן האָבן געטיילט בשפע.

אַ מאָדנע זאַך — כ'האָב קיינמאָל נישט מקנא געווען דעם טויטן, הגם אין די באַדינגונגען פון לאַגער, זענען די לעבעדיקע געווען געגליכן צו טויטע. איך האָב נישט פאַרלוירן קיינמאָל דעם גלויבן, אַז כ'וועל איבערקומען דעם גהינום און בלייבן לעבן. ווען מען פרעגט מיך דעמאָלט, צי זענען אין לאַגער שעמבערג פאַראַן נאָך אַ צען מאַמינים, אַז זיי וועלן דערפון אַרויס בשלום, וואָלט איך

אַוודאי געווענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין, אַזוי פאַרצווייפלט זענען מיר געווען. כּדי צו האָבן האָפענונג, האָט מען באַדאַרפט זיין אָדער אַ גאָר ערלעכער ייד, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער מאַמין אין דער השגחה עליונה, אָדער זיין אַ נאַר, כּדי נישט זען און נישט פילן די טראַגישע, גרויזאַמעווירקלעכקייט. יעדער דורכגעלעבטער טאָג אָדער נאַכט אין שעמבערג, איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נס, אַ געשאַנק צו פאַרלענגערן מיט נאָך אַ ביסל שעהן דאָס מ׳שטיינס־געזאָגטע לעבן.

אין די ווינטער־טעג איז מען 10 שעה געווען באַשעפטיקט ביי דער קאַטאָרגע־אַרבעט פון האַקן און ברענען די שטיינער. אומקע־רנדיק זיך אין לאַגער, האָט מען אונדז געהאַלטן צום אַפּעל נאָך אַ 2—3 שעה, געציילט און געמושטרירט אין אַ טיפער בלאָטע. אַז דער פאַרפייניקטער קערפּער האָט זיך ענדלעך אַוועקגעלייגט אויף דער פּריטשע, האָט מען געבראַנגט די זופּ מיטן פּערטל ברויט. פאַרמעל, האָט מען באַדאַרפט באַקומען אַ פערטל ברויט, נאָר די קאַפּאָס און בלאָק־עלטסטע זענען געווען בעלי־בתים נישט נאָר איבער דיין לעבן, נאָר אויך — איבערן שטיקל ברויט. פון זייער טיילן דאָס ברויט, איז די אַנדערע קאַצעטלערס אָנגעקומען אַ העלפט פון דעם פּערטל. טיילמאָל פלעגט מען אויך באַקומען אַ גאַנץ ברייטל, איז עס צעטיילט געוואָרן אויף פיר גלייכע חלקים צווישן פיר אייגענע חברה, וואָס איינער האָט נישט געגאַרט דעם צווייטן. מיר האָבן געלעבט מיט דער סוגעסטיע, אַז יעדער קרישקע ברויט גיט צו כּוח, פאַרלענגערט דאָס לעבן. פון דער זופּ וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מענאַזשקע וואַרעמע וואַסער, אין וועלכער ס׳איז אַמאָל אַרומ־געשווימען אַ בורעקל אָדער אַ שטיקל בריקעוו, האָט מען באַקומען דרינגעניש, אַ לאַקסירעכץ — און געמוזט כּסדר לויפן...

מיינע שכנים צו דער פּריטשע (און צום גאַנצן ברייטל) זענען געווען צוויי ברידער און נאָך אַ ייד. אין איינער פון די נעכט, האָט ווער פון די ברידער באַקומען דאָס לויפעניש און געמאַכט אונטער

זיך, אויפן געלעגער. איך מיט זיין ברודער פּאַוועלעק האָבן מיט גרויס מסירת־נפש גענומען אים רייניקן און אין דער פרי געהאָלפן אַרויסגיין צום אַפּעל. ער האָט נישט געלאָזט זיך פירן, אויס מורא, אַז מיר ביידע וועלן פאַרשפּעטיקן צוליב דעם צום אַפּעל און מ׳וועט אונדז דערפאַר שפּאַלטן די קעפּ. בלית ברירה האָבן מיר אים געלאָזט ליגן אין באַראַק...

אין אָוונט, נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרבעט, האָבן מיר אויף זיין פּריטשע געפונען אַ צווייטן ייד, פון אַ נאָר וואָס געקומענעם טראַנספּאָרט. פּאַוועלעק האָט פאַרלוירן זיין ברודער, און איך — אַ גוטן שכן.

ווידער אַמאָל — אַן עלעקטריקער

שוין אַ דריי חדשים ווי כ׳געפין זיך אין דעם שווידערלעכן לאַגער און אַלע מאָל שטעל איך זיך די פראַגע: ווי אַזוי האָב איך אויס־געהאַלטן ביז איצט? איך ווייס, אַז איצט איז יאַנואַר 1945, ווייל מיט עטלעכע טעג פריער האָבן די פּאָלאַקן, די בלאָק־עלטסטע און קאַפּאָס געשיכורט, געפּרעסן און געזונגען לידער לכבוד זייער ווייַנאַכט. דערנאָך — אין דער סילוועסטער־נאַכט. אין באַראַק האָט זיך געהערט זייער געזאַנג, געלעכטער און ניבול־פּה. מיר האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז די אויסוווּרפן וועט זיך פאַרגלוסטן צו יום־טוב׳ן, מיט אומברענגען עטלעכע יידן. צום גליק, זענען אין יענע נעכט נישט געווען קיין קרבנות.

אויף איינעם פון די פרימאָרגן־אַפּעלן, דערהערן מיר ווי דער מערדערישער באַלעק רופט אויס אויפן הויכן קול: „ווער איז אַן עלעקטריקער״? און ער גיט באַלד צו אַ וואָרענונג (דערביי פּאַכעט ער מיט זיין גראָבן שטעקן): „אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז

דער וואָס האָט זיך געמאָלדן, איז נישט קיין פּאַכמאַן, באַקומט ער פּופּציק שמיץ אויפן בלויזן הינטן". און ער שטרייכט אונטער: „אַן עלעקטריקער — נישט קיין זשידאָווסקי קאָמבינאַטאָר".

איך האָב במילא נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. אויך אין לובלינער לאַגער אויף ליפּאָווע 7, האָב איך ריזיקירט מיטן מעלדן זיך ווי אַן עלעקטריקער. האָפנטלעך, וועט מיר אויך איצט געלינגען. איך בין אַרויסגעטרעטן פון דער ריי און זיך צוגעשטעלט צו די זעקס, וואָס האָבן זיך געמאָלדן. דערנאָך זענען צוגעקומען נאָך דריי — און פון די צען האָט מען באַדאַרפט אויסקלויבן נאָר איינעם. נאָר דעם סאַדיסט באָלעק האָט זיך פאַרגלוסט צו פאַרוואַנדלען דעם עקזאַמען אין אַ ספּעקטאַקל. ער האָט באַפוילן צו ברענגען צוויי לאַנגע אייזערנע האַקעס מיט ציין און פּאַסקעס, וועלכע מען בינדט צו צו די פיס, בעתן קלעטערן אויפן סלופּ און אַ ברייטן פּאַסעק מיט קלאַמערן, אָנצוטאָן אויפן בויך. דער ערשטער וואָס האָט באַקומען די כלים, האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט זיי. נאָר ער איז געווען אַ פּאָלאַק — האָט מען אים געהייסן זיך צוריקשטעלן אין דער ריי, אומבאַשטראָפט. אויך דער צווייטער איז דורכגעפאַלן ביים עקזאַמען. ווי אַ ייד, האָט ער באַקומען געשלאָגן פון דייטשן לאַגער-קאָמענדאַנט און פון באָלעקן.

איצט איז געקומען מיין ריי. אין גערדאַנק האָט אויפגעבליצט די דערינערונג פון די קינדער־יאָרן אין לובלין, ווו כ'האָב תמיד ליב געהאַט זיך צוצוקוקן ווי פּאָלאַקן־פּאַבלייט זענען פלינק געקראָכן אויף די עלעקטרישע סלופּעס, איינבייסנדיק זיך מיט די אייזערנע האַקעס אינעם האָלץ. צוקומענדיק אין דער הייך, האָט מען זיך מיט די קלאַמערן אויפן ברייטן פּאַסעק צוגעפעסטיקט צום סלופּ און געטאָן זייער אַרבעט אין דער הייך. אויף ליפּאָווע 7 איז מיר אויסגעקומען צו זיין נאָר אַ באַהעלפער פאַר די סלופּעס-קריכער, דאָך האָב איך איצט מיט אַ סך האָפערדיקייט זיך אָנגעטאָן אויפן בויך דעם ברייטן פּאַסיק מיט די קלאַמערן, דערנאָך שנעל פאַרבינדן

אויף די צעריסענע שיך די לעדערנע פּאַסקעס פון די אייזערנע האַקעס — און היידאַ, צום סלופּ, וואָס איז געווען קאַלט, באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט אייז און דערפּאַר אויך — גליטשיק. נאָר איך האָב מיט זיכערקייט גענומען קלעטערן אין דער הייך, נישט לאַנג, אפשר אַ פינף טריט געמאַכט, וואָס איז אַוודאי געפעלן געוואָרן דעם קאָמענדאַנט און ער באַפעלט מיר אַראָפּצוקריכן. איך פיל, אַז כ'האָב מצליח געווען, ווייל דער דייטש זאָגט צו באָלעקן: „יאַוואָל".

איך טרעט צוריק אַריין אין דער ריי. מיין קאַפּאָ באַקומט אַ מעלדונג, אַז מאָרגן פרי זאָל ער מיך צופירן צום מייסטער, אַ דייטש. יענעם טאָג האָט זיך מיר גאַנץ אַנדערש געאַרבעט אויפן באַרג מיט די שטיינער. האָט די נאַכט באַדאַרפט זיין די לעצטע אין באַראַק? גאַנץ באַגינען האָבן פּאַוועלעק און דער אַנדערער שכן זיך געזעגנט מיט מיר. טרערן זענען געשטאַנען אין זייערע אויגן.

מען פירט מיך אַוועק צום דייטשן מייסטער וואָס זיצט אין אַ בודקע, וועלכע איז פאַרפולט מיט פאַרשידענע מאַטעריאַלן און כלים, נייטיקע פאַר די עלעקטרישע איינריכטונגען אין די בערג. אין די ערשטע עטלעכע טעג האָב איך אַלץ געברענגט אין אָרדענונג, אויסגעשטעלט און אויסגעלייגט די כלים און מאַטעריאַלן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אויך פלייסיק געאַרבעט און געווען איבער־גליקלעך, וואָס אַנשטאָט זיין באַשעפטיקט אין דרויסן, אויסגעשטעלט אויף קלעפּ און באַליידיקונגען, זיץ איך איצט אין אַ בודקע, ווו ס'איז וואַרעם און רואיק. פון צייט צו צייט האָבן דייטשע סאָלדאַטן געברענגט צו פאַריכטן אַ קעבל, אַ ראַזיר־אַפּאַראַט, אַ צינדער. קיין גרויסער ספּעציאַליסט צו די רעפּעראַציעס בין איך נישט געווען, אָבער אַלץ געטאָן, אַז מיינע קליענטן זאָלן זיין צופרידן. כ'האָב אַזוי לאַנג געמייסטרעוועט און אַריינגעקלערט, ביז ס'איז געלונגען.

פונעם פענצטערל אין דער בודקע ווו כ'האָב געאַרבעט, האָב איך באַמערקט נישט ווייט פון מיר, אַ הויכן באַרג מיט קאַרטאָפל

באַדעקט מיט שטרוי, זיי זאָלן נישט געפרוירן ווערן. איך האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי באַקומען פאַר זיך עפּעס־וואָס פון דעם קאַרטאָפל־אוצר, וועלכער איז געהיטן געוואָרן פון אַ דייטשן סאָלדאַט. „נויט איז די מאַמע פון דערפינדונגען", זאָגט אַ ווערטל. צו אַ לאַנג שטריקל האָב איך צוגעבונדן אַ טשוואָק מיט אַ שטיינדל. אַז דער סאָלדאַט האָט נישט געזען, האָב איך דורכן פענצטערל אַ וואָרף געגעבן דעם שטיין מיטן טשוואָק צו די איינצלנע קאַר־טאָפל וואָס זענען געלעגן צופוסנס פונעם אַנשיט. אַמאָל צען האָב איך נישט געטראָפן, אָבער צום עלפטן מאָל איז דער טשוואָק טיף אַריין אין אַ קאַרטאָפל — און ס'וועט זיין מיט וואָס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ, ווי אויך דערקוויקן אַנדערע.

עס זענען געווען טעג, ווען מיר איז געלונגען צו פאַנגען עטלעכע קאַרטאָפל. איך האָב זיי געברענגט אין לאַגער. פּאַוועלעק און איך האָבן אַפילו אויסגעטוישט אַ קאַרטאָפל אויף אַ שטיקל ברויט. אויף דער הייסער רער פון אויוון אין באַראַק, האָבן מיר געבראָטן צעשניטענע פּעניצער קאַרטאָפל און, הגם האַלב־רויע, זיי געשלונגען מיט אַפּעטיט. אמת, איך האָב ריזיקירט מיטן לעבן, גנבענדיק די קאַרטאָפל און ברענגענדיק זיי אין לאַגער — נאָר גלייכצייטיק זיך דערהאַלטן ביי די כוחות, ווי לאַנג ס'איז מעגלעך. אַ סך האָבן באַצאָלט מיטן לעבן, וואָס זיי האָבן געוואַגט אַריינ־שמוגלען עסנוואַרג.

(זינט יענע הונגער־טעג אין די געטאָס און לאַגערן, וועל איך נישט לאָזן ליגן אין גאַס אַ שטיקל ברויט צי אַן אַנדער מאַכל. איך הייב עס אויף און לייג אַוועק אין דער זייט — זאָל דערפון געניסן אַ פייגעלע און נעמען אויך עפּעס אין דער נעסט. איך האָב אַ סך דרך־ארץ פאַר ברויט, ווייל תמיד באַגלייט מיך דער הייסער באַגער פון יענע טעג: „גאַטעניו, ברויט! אַ שטיקעלע ברויט! כאַטש אַ ביס, צו דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ...").

„מאַך אים פּערטיק מיט זיין קרומען מונד!"

נאָר ווי לאַנג קאָן זיין גוט אַ ייד אין אַ היטלעריסטישן קאָנ־צענטראַציע־לאַגער? כ'האָב געמיינט, אַז די אַרבעט ווי אַן עלעק־טריקער איז אויף אַריכת ימים און אויסער דער גוטער באַשעפּ־טיקונג, וועט מען האָבן אַ צוגאָב־דערנערונג פון געגנבעטע קאַרטאָפל. נאָר איינעם פון די דייטשן אין לאַגער איז געלונגען צו אַוואַנסירן, ער איז געוואָרן מייסטער. און ווי אין פּסוק שטייט — „ויקם מלך חדש", אַזוי האָט דער נייער הערשער איבערגעשטיגן מיט זיין סאַדיזם אַלע ביז איצטיקע אויסוווּרפן אין די לאַגערן. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צוצואיילן אונדזער טויט אויף צוויי וועגן: אַרבעטן אין אַ נאָר שנעלערן טעמפּאָ ווי ביז איצט און געבן ווייניקער עסן. פון שיך, אונטערוועש — איז דאָך אָפּגערעדט. דערפאַר אָבער לייז, שמוץ, קראַנקייטן — אַן באַגרע־נעצונגען.

אין איינעם פון די פרימאָרגנס, אויפן אַפּעל, האָט דער רוצח זיך באַוויזן מיט זיין אַכזריותדיקייט. געציילט, מושטרירט, געשלאָגן, געהייסן שטיין אויף „אַכטונג", ווידער געפּייניקט און ענדלעך באַפוילן אָפּצומאַרשירן צו דער אַרבעט. איך בין אַוועק אין מייןביידל מיט די עלעקטרישע מכשירים, נאָר עס האָט נישט גענומען קיין סך צייט, ווי דער זעלבער דייטש האָט זיך דאָרט באַוויזן, מיט אַ שטאַרקן קאָפּ מיט די שטיוול מיך אַרויסגעוואָרפן פון ביידל און באַפוילן דעם קאַפּאָ:

— פאַרענדיק אים! מאַך אים פּערטיק מיט זיין קרומען מונד!...

נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן אין די לאַגערן דעם צונאָמען „קרומער מונד", צוליבן אויסגעקרומטן מויל און דעפאָרמירטן פּנים פון דער קויל, וועלכע כ'האָב באַקומען בעתן

ליקווידירן דאָס געטאָ אין לובלין. דער אויסזען מײַנער האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך צרות. ווי נאָר מ'האָט אין אַ באַראַק געכאַפּט צו שווערע, שמוציקע אַרבעטן — בין איך געווען פון די ערשטע צו הערן פונעם בלאָק־עלטסטן, שטובאָווע אָדער קאַפּאָ:

— העי, דו, מיט דער קרומער נאָז...

מײַנער אַ פרײַנד, אַ ייִד פון לובלין, פלעגט מיר זאָגן:

— דו ווייסט, ישראל, ווי נאָר עפּעס אַ באַנדיט הייבט אויף זײַן שטעקן, ביסט דו דער ערשטער מיט דײַן הינטן...

איך בין טאַקע געווען דער קרבן פון אַזעלכע „כאַפּעכצן", באַזאַמען מיט די גאָר קראַנקע, בלאַסע, אויסגעדאַרטע, מיט אָפּגע־ריבענע פּיס, צעקאַלעטשעטע הענט — די אַזוי גערופענע „מוזול־מענער". בעת די אַפּעלן, האָב איך זיך געשטעלט אין די הינטערשטע רייען, וואָס ווייניקער צו וואַרפן זיך אין די אויגן, הגם נישט תמיד האָט דאָס געהאָלפן. נאָר איינמאָל איז די ישועה געקומען גראָד פון דער זייט.

אין אַ שטאַרק פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, האָט מען מיך מיט נאָך צען ייִדן גענומען פון באַראַק צו דער שווערער אַרבעט פון אויסלאָדענען האָלץ, וואָס איז מיט לאַסט־אויטאָס געבראַכט געוואָרן אין לאַגער. עטלעכע גוטע שעה זענען מיר, האַלבע מתים, אויסגעפּייניקטע פון די געטאָס און לאַגערן, דערשעפּטע פונעם שווערן טאָג האַרעוואַניע אויף די בערג — געצוווּנגען געוואָרן צו שלעפּן שווערע ליפּעס האָלץ און זיי אויסלייגן אין „קאַסטקעס". פון וואַנען מיר האָבן גענומען כוח אַדורכצופירן דאָס שטיקל אַרבעט — ווייס איך נישט. נאָר די אמתע איבערראַשונג האָט אויף אונדז געוואַרט אין באַראַק. נאָכן אומקערן זיך אַהין, האָבן מיר באַמערקט אַ צערודערונג, אַ בהלה, ווי נאָך אַן איבערקערעניש. נײַע קאַצעט־לערס לויפן אַרום ווי פאַרסמטע מײַז און זוכן צו פאַרכאַפּן אַ וואָס בעסערע פּריטשע. די שכנים וואָס זענען נאָך אין דער פרי געלעגן

נאָענט פון מיין פריטשע — זענען נישטאָ. איך באַמערק פרעמדע פנימער. איינער פון די פאַרבליבענע דערציילט מיר אַזאַ געשיכטע:

בעת מיר זענען געווען באַשעפטיקט ביים אויסלאָדענען דאָס האָלץ, איז אין באַראַק אַריין באַלעק, אין באַגלייטונג פון דייטשן לאַגער־קאָמענדאַנט און זיי האָבן פון די אויסגעשטעלטע רייען אַרויסגענומען אַ הונדערט יידן, די שוואַכע און אויסגעמאַטערטע. מ'האָט זיי אַוועקגעפירט אין קראַנקן־רעוויר, פון וואַנען מ'האָט פריער צוגענומען די קראַנקע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען — און איינגערעדט, אַז מ'פירט זיי אויף ערהאָלונג. אָבער מיר האָבן שוין קיינמאָל נישט געזען ווערמען פון די וואָס זענען געווען אין אונדזער באַראַק. די מערדער האָבן אַלעמען אומגעבראַכט אין העסענטאַל.

אָן שום ספק, אַז כ'וואָלט געטיילט דעם גורל פון די אומגליקלעכע, ווען מ'וואָלט מיך נישט געשיקט אויסלאָדן דאָס האָלץ.

די ווייטערדיקע טעג זענען מיט גאָרנישט געווען אַנדערש ווי די פריערדיקע. איך האָב איצט געאַרבעט מיטן קילאָף און לאָפּעטע און געפילט, אַז די כוחות לאָזן זיך אויס. ביינאַכט, ווען מ'האָט געטיילט די זופּ, בין איך נישט געווען מסוגל צו שטעלן זיך מיט דער מענאַזשקע אין דער ריי, נאָר זיך אָנגעשפּאַרט אין מיין פריטשע און אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם:

— גיב מיר, גאָטעניו, נאָך אַ ביסעלע כוח, אפשר פאָרט וועט זיך מיר איינגעבן איבערצולעבן, זוכה זיין די באַפרייונג.

מיר האָבן געפילט אין דער לופט, אַז עס קומט די פרייהייט. אין איינעם פון די פרימאָרגנס, האָט מען נאָכן אַפּעל באַפוילן צוריק זיך אומקערן אין די באַראַקן. נאָר געטאָן איז עס געוואָרן מיט קלעפּ און געשרייען פון די קאַפּאָס. אַ גאַנצן טאָג איז מען נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען נישט אָנגעצונדן די ליכט. אין דער פינצטער האָט מען געברענגט

די זופּ מיט ברויט, וואָס אין יענער נאַכט האָט מען דאָס אַלץ געגעסן מיט אַ באַזונדערן אַפּעטיט און נאָך גרעסערער פרייד.

אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט די סיבה פונעם אומדערוואַרטעטן רו־טאָג: אַ גרופּע פון אונדזער לאַגער האָט מען גענומען צום פאַבריכטן באַן־רעלסן, וועלכע זענען דורך דער אַמעריקאַנער אַוויאַציע באָמבאַרדירט געוואָרן. פיל דייטשע סאָל־דאַטן זענען אומגעקומען אין עשעלאָן, וועלכער איז צעשמעטערט געוואָרן. די קאַצעטלערס האָבן געהאָלפן איבערפירן די טויטע און פאַרוווּנדעטע זעלנער, אַפּרייניקן דאָס באָמבאַרדירטע אָרט און צוריקשטעלן די באַן־ליניע. פון דער דאָזיקער אַרבעט, האָבן די לאַגער־מענטשן גראָד זיך אומגעקערט צופרידענע. ס׳ערשטע מאָל איז זיי אויסגעקומען צו זען אַ מפּלה פון דייטשן מיליטער, באָמבאַ־דירט פון די אַליאַנטן. נאָר דאָס וויכטיקסטע: זיי האָבן געפונען אין די צעקלאַפּטע וואַגאָנען עסנוואַרג, שאָקאָלאַד, זייגערלעך און אַנדערע זאַכן. אָבער נישט אַלע האָבן זוכה געווען צו געניסן דערפון. ביים אַריינגאַנג אין טויער, זענען זיי אויפן באַפעל פון לאַגער־קאָמענדאַנט קורט רעווידירט געוואָרן. ביי איניקע האָט מען געפונען געוויסע זאַכן — און מ׳האָט זיי אויפן אָרט דערשאָסן.

די נייעס צעטראָגט זיך שנעל איבערן גאַנצן לאַגער. די פאַנ־טאַזיע צעשפּילט זיך, הגם מיר האָבן נישט די קלענסטע אַנונג וואָס קומט פאָר אויף די פראָנטן. איינער פון די רוסן, אַ קריגס־געפאַנ־גענער, פרעגט, צי וויל עמעץ קויפן ביי אים אַ זייגערל, וועלכן ער האָט אַראָפּגענומען פון האַנט פון אַ טויטן דייטשן זעלנער. איך טראַכט: ווער ווייסט צי איז דאָס זייגערל נישט געווען אַמאָל דאָס אייגנטום פון אַ ייד אין פּוילן, וועמען דער דייטשער רוצח האָט דערמאָרדעט און געירשנט?!...

„עפּעס איז מיר נישט דייטלער"...

גאַנץ פרי — אַ געניטע איבערחזרונג פון דעם אַלעמען צו וועלכן מ'איז געוווינט געוועזן אַלע טעג אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַגער: דאָס שנעלע אויפשטיין, דער אַפּעל, די זידלערייען און קלעפּ, באַגלייט מיט דראָונגען און דער אַפּמאַרש צו דער אַרבעט. אויפן שאָסיי פאַרט אונדז אַנטקעגן אַ קאַלאַנע פויערישע פערד־און־וועגענער. מיר לערנען זיך טרעפן, אַז זיי לאָזן זיך איצט צום באַמבאַרדירטן אָרט, כדי צונויפנעמען נאָך פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן און זיי איבערפירן אין שפּיטאָל. נאָר די פויערים לאָזן אויס דעם כעס צו אונדז, די אומגליקלעכע קאַצעטלערס. זיי לאָזן פאַלן אויף אונדזער אַדרעס די געמיינסטע ווערטער. וואָס מיר פאַרשטייען יאָ פון זייערע רייד, אַז אין די אַלע מלחמה־אומגליקן וואָס לאָזן זיך איצט אַראָפּ אויף די דייטשנס קעפּ און אין זייער היימלאַנד גופא — זענען שולדיק... מיר, אָטאָ די האַלב טויטע מענטשן, וואָס מאַרשירן אין זייער לאַגער־הולך, מיט די הילצערנע טרעפּאַקעס אויף די פיס, צו דער קאַטאָרגע־אַרבעט, פון וועלכער נישט איינער וועט מער נישט צוריק קומען.

פון דעם דאָזיקן פויערישן „ברוך הבא" האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע פון דייטשלאַנד איז שוין נישט אַזאַ פויגלדיקע ווי מיט 2־3 יאָר צוריק. און אויב די דייטשן איז שלעכט — איז עס אַוודאי לטובת אונדז. האָט איינער דעם צווייטן צוגעגעבן מוט, געשטאַרקט מיט ווערטער, אַז מ'דאַרף אויסהאַלטן, אָט קומט די ישועה.

יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע באַווייזן און פרישע סימנים, אַז די טעג צו אונדזער באַפרייונג זענען געציילטע. די פראַגע איז נאָר, צי וועלן די רוצחים אונדז לאָזן לעבן ביז דעם געגאַרטן טאָג? וועלן מיר זוכה זיין צו זען אונדזערע באַפרייערס פון די אַליאַנטישע אַרמייען? אויף דער טעמע האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו שמועסן און דיסקוטירן ביי דער אַרבעט, אין באַראַק, אויף די פּריטשן. דאָס

האַרץ האָט געזאָגט, אַז מ׳וועט דערלעבן, אַז ס׳איז נאָענט די באַפרייונג. אייניקע ס.ס.־לייט פון דער שטענדיקער וואַך וואָס האָט אונדז באַגלייט צו און פון דער אַרבעט, האָבן אויפגעהערט אַנווענדן זייער געוויינלעכע ברוטאַלקייט — מיט די הענט און מיטן מויל. זייער שפּראַך איז געוואָרן אַ מילדערע, די קלעפּ האָבן אויפגעהערט. זיי האָבן אַפילו געלאָזט אויפהייבן אַ קאַרטאָפל, אַ בוראַק און — הימל עפן זיך! — פון צייט צו צייט געגעבן אַ שמייכל, גלייך זיי וואָלטן שוין אָנגעהויבן זוכן אַן אַליבי...

מעגלעך אויך, אַז אונדזער פאַנטאַזיע האָט אפשר געזען מערער ווי ס׳איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. יענע אַטמאָספער, שטימונג, געפילן און מחשבות, לאָזן זיך אפשר אויסדריקן אינעם ווערטל פון אַ פּאָלאַק וועגן דער געשאַפענער לאַגע: „יאַקאָש מי ניע וויראַזשניע״ („עפעס איז מיר נישט דייטלעך״) — האָט ער געזאָגט.

די אַרבעט איז נאָך אַלץ געווען אַ שווערע. דאָס וועטער — טריב, נאַס און קאַלט. די שיך אויף אונדזערע פיס האָבן זיך געהאַלטן אַ דאַנק די שמאַטעס, מיט וועלכע מיר האָבן זיי צוגעבונדן. אין די דאָזיקע שיך איז מען אויך געשלאָפן ביינאַכט, ווייל מ׳האָט מורא געהאַט מ׳וועט זיי אַוועקגנבענען. נאָר פאָר אַלעמען האָט אין יענע טעג דאָמינירט דאָס וואַרטן, די אומזיכערקייט און אומקלאָרקייט.

ביז אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַן ענדערונג. אויפן פּרימאַרגן־אַפּעל האָבן זיך געפונען אַלע — דער לאַגער־קאָמענדאַנט, זיינע געהילפן, אַ פאַרדאַפּלטע וואַך, די קאַפּאָס, בלאָק־עלטסטע און שטובאָוועס. מ׳האָט דורכגענישטערט אַלע באַראַקן, אַז עס זאָל דאָרט קיינער נישט בלייבן — און באַפוילן צו מאַרשירן. מ׳האָט אַפילו מיטגענומען די וואַך ביים טויער, וועלכן מ׳האָט געלאָזן אָפן אין דער גאַנצער ברייט. דער לאַגער־קאָמענדאַנט פאָרט פאָרויס, אויפן דזשיפּ, מיט אַ שווערן מאַשינגעווער, אָנגעצילט אויף אונדז. פון די זייטן — גוט באַוואָפנטע ס.ס.־סאָלדאַטן. אַנשטאָט די

שטעקנס — ביקסן. אָבער זייער אויפירונג — גאָר אַן אַנדערע. מען הערט נישט פון זיי קיין וואָרט. אַ שווייגן וואָס זאָגט אָן, פון איין זייט, אַן ענדערונג צום גוטן. נאָר פון דער צווייטער זייט — ווּ אַהין פירט מען אונדז? מיר האָבן דאָך ביז איצט שוין אַדורכגעמאַכט אַזוי פיל טראַנספּאָרטן, עוואַקואַציעס, מאַרשן, פאַרשידענע לאַגערן — ווּ נאָך וויל מען פאַרשלעפּן די אומגליקלעכע, אויסגעפּייניקטע מענטשן?

אויף די פּאָלאַקן־פאַרברעכער, מיטן עלצטן באַלעק, האָבן אויפגעהערט זידלען די „זשידקעס״. זיי האָבן נאָך געטראָגן די לענטעס, דער סימבאָל פון זייער מאַכט, אָבער געגאַנגען פאַרויס פון דער קאָלאָנע, גלייך מיט אַלעמען. די אַלע האָבן זיך אַוודאי געשראָקן פאַר דער אָנקומענדיקער פרייהייט, בעת מיר האָבן אויסגעקוקט די אויגן און איין תפילה איז געווען אויף אונדזערע ליפּן: „זאָל זי שוין קומען!״

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי דער אויסוואָרף באַלעק האָט מיט עטלעכע טעג פריער דעמאָנסטרירט זיין סאַדיזם. אַריין קומענדיק אין באַראַק, האָט ער באַמערקט, ווי אויף איין אָרט צווישן די פּריטשן, איז די פּאָדלאָגע פאַראומרייניקט, ווייל איינער פון די קאַצעטלער האָט נישט באַוויזן, צוליבן קראַנקן מאָגן, צו לויפן אין קלאָזעט. אין גרויסע יסורים האָט ער זיך דערליידיקט אויפן אָרט. באַלעק האָט צוגערופן אַ ווילנער יונגערמאַן, אַ ייד אַ מאמין און אַ בן־תורה פון די ישיבה־קרייזן און אים געפרעגט, צי דאָס האָט ער געטאָן? דער פאַרברעכער האָט געוווּסט, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו באַשולדיקן דעם בחור, ער האָט אָבער געזוכט אַ קרבן, דערצו נאָך מיט אַזאַ יידישן אויסזען ווי דער יונגערמאַן פון ווילנע, וואָס האָט אים טאַקע געענטפערט, אַז נישט ער האָט פאַראומרייניקט דעם באַראַק — אָבער באַלעק שטילט אים איין: „טי סקורווי סיניע, דאָס האָסטו געטאָן״. און ער גיט אַ באַפעל: „פּאָקלאָן שיען!״ („בייג זיך איין״). דער בחור בייגט זיך אָן צו באַלעקס קניען,

יענער נעמט דעם קאָפּ פון ייד און שטופּט אים אַריין אין דרעק, שמירט אים אויס דאָס גאַנצע פּנים און באַפעלט: „פּאָווסטאַן!" (שטעל זיך אויף!"). דער יונגערמאַן האָט זיך נישט אויפגעהויבן. ער איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער...

נאָר איצט איז עס נישט דער זעלבער באַלעק. ביי אים איז פאַרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש.

מיר זענען פריי!

שוין עטלעכע טעג ווי מיר מאַרשירן אויף וועגן און שטעגן, אָן עסן און וואַסער, גלייך עס וואָלט זיך גאַרנישט געענדערט. אמת, די רייען ווערן שיטערער. אין די נעכט אַנטלויפן די, וואָס האָבן דערצו מוט. אויך באַטאָג, נאָך אַ באָמבאַרדירונג פון אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען, ווען אַלע לויפן אַראָפּ פון שאָסיי, בלייבן איניקע קאַצעטלערס פאַרשטעקט אין אַ וועלדל, צי אויפן פעלד. עס האָט אַפילו פּאַסירט, אַז געוויסע ס.ס.־לייט פון אונדזער וואַך האָבן איבערגעלאָזט די ביקס און זיך אָפּגעטראָגן. איך ווייס נישט ווי אַזוי האָט זיך צו מיר גענומען אַזוי פיל חוצפּה און מוט צו זאָגן צו אַן ס.ס.־מאַן, אויפן דריטן טאָג פון אונדזער מאַרש:

— גיב מיר דיין ביקס, דו ברויכסט זי נישט מער...

און פונקט אַזוי פאַרשטיי איך נישט, הלמאי ער האָט מיך נישט דערשאָסן אויפן אָרט פאַר אַזעלכע רייד. איז מען ווייטער געגאַנגען אויף די האַרטע שאָסייען, ווו קליינע שטיינדעלעך באַקומען זיך אַריין אין די געלעכערטע שיך און רייבן און שטעכן די אָנגעווייטיקטע פיס. מ׳איז איינגעהילט אין די קאָצן, נאָר עס קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן פון קעלט. די נעכטיקע סאַדיסטן און רוצחים זענען איצט שאַ־שטיל, זיי האָבן פאַרלוירן דאָס לשון.

ביינאַכט האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין אַ גרויסער שאָפּע, וועלכע איז געשטאַנען אינמיטן פעלד. מיר גלויבן, אַז נאָך אַ טאָג־צוויי וועט מען דערלעבן די פרייהייט. דערווייל זאָל איינער זיך אַרויסגנבענען פון דער שאָפּע און אַרומקוקן אין דער געגנט. ער איז אַרויס — און מער נישט צוריק געקומען. נאָך אים איז אַוועק אַ צווייטער, אַ דריטער — און מ׳זעט זיי נישט מער. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן די פאַרבליבענע אַרויסגע־שטעקט די קעפּ און געזען, אַז דער לאַגער־קאָמענדאַנט איז נישטאָ און עס פעלן אַ סך פון דער שמירה. נישט אַנדערש — מיר זענען פריי! פריי! פריי!

עס דויערט נישט לאַנג, נאָר פון ערגעץ־ווו קריכן אַרויס עטלעכע סאָלדאַטן. איינער פון זיי באַשטימט זיך פאַרן עלצטן און באַפעלט:

— אויסשטעלן זיך אין די רייען! די קריג איז נישט געענדיקט! איר זייט העפטלינגען, אַרעסטירטע פאַרברעכער!

ער צעשרייט זיך און בייזערט זיך, וואָס מיר האָבן שוין נישט געהערט די לעצטע טעג. איך באַדויער, וואָס כ׳האָב נישט נאָכ־געטאָן דעם ביישפּיל פון די וואָס זענען פריער אַנטלאָפן. איצט איז שפּעט. נאָר ווער ווייסט דען וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט די אַנטלאָ־פענע? זענען זיי טאַקע פרייע מענטשן, אָדער האָט מען זיי געכאַפּט און אומגעברענגט?

נאָר די ממשלה פון דעם נייעם עלצטן, אַגב אַ פאָלקס־דויטש פון רומעניע, האָט נישט לאַנג געדויערט. אויפן צווייטן טאָג, בעתן מאַרשירן, דערהערן מיר אַ שטאַרקע אַרטילערישע קאַנאָנאַדע, ווי אויך באָמבעס־אויפרייסן פון אַ לופט־אַנגריף. מיר לויפן אַראָפּ אויפן פעלד, ווו עס שטייט אַ סטאָדאָלע. אַ סך באַקומען זיך אַריין אינעווייניק, אַנדערע בלייבן אין דרויסן. מיט אַמאָל דערהערן מיר אַ געשריי פון פסח שפּייזמאַן:

— מיר זענען פריי! נישטאָ מער קיין דייטשע וואַך־סאָלדאַטן!

מען הייבט אָן לויפן אין פאַרשידענע ריכטונגען, אַפילו צוריק צום שאָסיי, זייער נאָענט פון פראָנט. אַלץ האָט פּאַסירט אַזוי שנעל, אומגעריכט. מען וווּנדערט זיך: פון וואַנען דער כוח צו לויפן ביי די אויסגעמאַטערטע און פאַרפּייניקטע מענטשן? איינער פון די דייטשע סאָלדאַטן, דוכט זיך — אַן אָפיציר, האָט אַוודאי באַקומען אַ שאָק פון דעם אַלעמען און פון זיין אויטאָמאַטישער ביקס געעפנט אַ פייער אויף דער געדיכטער מאַסע העפטלינגען. נאָך עטלעכע קרבנות פון די דייטשע רציחות.

איך בין געלאָפן מיט אַ גרופּע יידן נישט ווייט פון שאָסיי — און שטויסן זיך אָן אויף אַ מיליטערישע איינהייט, מיט אָנגעצילטע ביקסן. לויט די גרינע אוניפאָרמען און די אייזערנע קאַסקן אויף די קעפּ, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט די דייטשע ווערמאַכט. נאָר ווער זענען אונדזערע באַפרייערס? עס דויערט נישט לאַנג און די רעטעניש ווערט אויפגעקלערט. דאָס זענען סאָלדאַטן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. זיי גיבן צו וויסן דעם שטאַב וועגן אונדזער דערשיינען. באַלד דערנאָך קומט אַ דזשיפּ מיט אייניקע אָפיצירן. זיי עפענען זייערע רוקזעק און הייבן אָן טיילן ברויט, קאָנסערוון, סיגאַרעטן, שאָקאָלאַד. מיר צעוויינען זיך אַלע ווי קליינע קינדער. פון גערירטקייט — ווילט זיך גאָרנישט נעמען אין מויל אַריין. לאַנגע, לאַנגע מינוטן הערן זיך די ווערטער „פריי! פריי! פריי!".

פון אונדזערע דייטשע באַגלייטערס איז נישט געבליבן קיין שפור. אויך די קאַפּאָס האָבן זיך אָפּגעטראָגן, גלייך די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען. ס'איז אָבער געלונגען צו כאַפּן באַלעקן. דער צאָרן פון די דורך אים געפּייניקטע קרבנות איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ געשטעל אויף וועלכן מ'זעגט האָלץ — און אים צעזעגט אויף דריי שטיקער...

די פראַנצויזן האָבן אונדז אויך דערלאַנגט הייסע קאַווע פון זייער פעלדקיך און דערלויבט יעדן איינעם צו גיין, ווו ער וויל.

די וואָס האָבן נישט געהאַט דערצו קיין כוח, האָבן זיי אַוועקגעפירט
אין נאָענטסטן שטעטל אַלטסהאַוזען.

אין שטעטל אַלטסהאַוזען

דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דער פראַנצויזישער איינ־הייט וואָס האָט פאַרנומען אַלטסהאַוזען, האָט אונדז זייער וואַרעם און פריינטלעך אויפגענומען. ער האָט באַפוילן איינצואָרדענען אין דייטשע היימען צו צוויי־דריי געוועזענע קאַצעטלערס. מיינע בעל־הבתים זענען איצט ווידער דייטשן — אָבער העפלעכע, שמייכלדיקע, פול מיט חניפה און אונטערטעניקייט. זיי זענען גרייט צו דערפילן יעדן פאַרלאַנג דיינעם. זיי גרייטן צו וואַנעס מיט וואַרעם וואַסער, ריינע וועש, שלאָפראָקס און בעטן מיט זויבערע ליילעכער, ווייכע קישנס און זיידענע קאָלדרעס. נאָכן אויסבאָדן זיך, בין איך מיט מיין חבר פּאַוועלעק אַריין אין די בעטן און איידער כ׳בין איינגעשלאָפן, האָב איך זיך עטלעכע מאָל געקניפּן אין באַק און געפרעגט: „איז דאָס נישט קיין חלום? איז מעגלעך אַזאַ האַסטיקער איבערגאַנג פון דער תהומיקער פינצטערניש ביז אַ הימלישער ליכטיקייט?"

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געשלאָפן ווי געהרגעטע. ערשט פאַרנאַכט זיך איבערגעוועקט — און דער טיש איז סערווירט מיט כל־טוב. אַמיינסטן איז אונדז געווען דערפרייענדיק דאָס ווייסע, געשמאַקע ברויט. אַ קליניקייט — ב ר ו י ט, וואָס ליגט פריי אויפן טיש, פאַר פרייע מענטשן. צו דעם געשמאַקן ברויט האָבן מיר צוגעטרונקען ערזאַץ־קאַווע, נאָר הייסע, זיסע. דער דייטש און זיין פרוי, ביי וועמען מיר זענען איינגעשטאַנען, האָבן אַלע מאָל געפרעגט צי מיר פאַרלאַנגען עפּעס און דערביי נישט אויפגעהערט

צו פֿאַרזיכערן, אַז זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט וואָס די פֿערפֿלוכטע ס.ס. האָט אָפּגעטאָן.

נאָך דעם אָוונט־ברויט, האָבן מיר זיך דערפֿילט ווי נײַ־געבוירענע, נאָרמאַלע מענטשן און אויך אָנגעהויבן דענקען מיט אַנדערע קאַטעגאָריעס, נאָכן אָפּזיין בלויז עטלעכע שעה אויף דער פֿרײַ. נאָך די ערשטע מחשבה, אי אַ סקעפּטישע, אי אַ האָפֿער־דיקע, באַפֿאַלט דיך מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט און עגבערט דעם מוח:

— וואָס איז מיט מײַן פֿרוי באַלטשע? וואָס האָט פּאַסירט מיט אונדזער זון דוד? און ווו איז אַהינגעקומען מײַן שוועסטער און אונדזער מאַמע? און שלמה׳לע מײַן ברודער, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿאַרן אָפּטראַנספּאָרטירן אונדז קיין אוישוויץ? ווו זענען זיי אַלע? אפֿשר צוריק אין מײַן היים, אין לובלין, וועלכע כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט? ווי וועט איצט אויסזען די וועלט, נאָכן זיג איבערן באַרבאַרישן היטלעריזם?

איך צעוויין זיך שטאַרק, מיט אַ כליפּערײַ. טרערן גיסן זיך פֿון די אויגן מיט אַזאַ שפֿע, גלײַך זיי וואָלטן וועלן זיך אויסוויינען פֿאַר די אַלע יאָרן לײַדן און פּײַן, ווען דער טרערן־קוואַל מײַנער איז געווען אויסגעטרוקנט.

מײַן פֿרײַנד פֿאַוועלעק באַמיט זיך מיך אײַנצושטילן, באַרויִקן, טרייסטן, אַרומנעמען ווי אַ קליין קינד — אָבער ער אַליין ווערט מיטגעריסן מיט מײַן שטימונג און צעוויינט זיך ספּאַזמאַטיש. דערבײַ האָט ער זיך אויסגעטענהט מיט זײַן פֿרוי מאַטאַלע, וועלכע ער האָט געלאָזן אין אוישוויץ...

נישט פֿילנדיק אַפֿילו וואָס מיט אונדז קומט פֿאָר, האָבן מיר זיך ביידע אַראָפּגעלאָזט פֿון די שטולן אויף דער ערד, געכליפּעט און געוויינט, אויפֿגעהערט ריידן און געבליבן זיצן אַ לאַנגע צײַט אָן באַוועגונג. נישט אַנדערש, מיר זענען געזעסן שבעה נאָך אונדזערע נאָענטסטע, נאָך אַן אונטערגעגאַנגענער ייִדישער וועלט...

אויסגעוויינט זיך, עטוואָס באַרויקט, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און צוריק אַוועקגעזעצטביים טיש, אויף וועלכן ס׳איז געבליבן ליגן ברויט און נאָך מאכלים. נאָר מיר האָבן געוווּסט, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן הונגער, טאָר מען זיך נישט איצט איבערעסן. נישט איינער פון די ניצול־געוואָרענע איז געפאַלן אַ קרבן פון איבערטריבענעם אָנעסן זיך באַלד נאָך דער באַפרייונג — און איז געגאַנגען פון דער וועלט. האָט מען זיך אויפגעהויבן פון טיש, אָפּגעוואַשן די פאַרוויינטע פנימער, זיך אָנגעטאָן און אַרויס אין גאַס, צו טרעפן אונדזערע מענטשן און באַשליסן וואָס ווייטער טאָן.

שטייענדיק ביי דער טיר, האָבן מיר ווידער געוואָרפן אַ בליק אויף דער טאָץ מיט ברויט. די אויסגעליידיקטע מאָגנס אין די לאַגער־יאָרן האָבן געווּפן און געפאָדערט זיי אָנצופילן מיט נאָך און נאָך ברויט. מיר זענען אָבער בייגעשטאַנען דעם יצר־הרע און געלאָזן דאָס עסן אויפן טיש.

צומאָרגנס האָבן אַלע פון דער שארית הפליטה זיך פאַרזאַמלט אויפן מאַרק־פּלאַץ פון שטעטל, פאַר דער מיליטערשער קאָמענדאַנטור. אַן אָפיציר האָט אונדז באַגריסט מיט טרערן אין די אויגן און דערקלערט, אַז ס׳איז פאַר אים אַ גרויסע זכיה צו זיין אונדזער באַפרייער. מען האָט אונדז אַלעמען רעגיסטרירט, אַרויסגעגעבן דאָקומענטן. דער בירגערמייסטער האָט צעטיילט לעבנסמיטל־קאַרטן און עטלעכע מאַרק טאַשן־געלט צו קויפן זאַכן פון ערשטן געברויך. דערנאָך האָט מען זיך צו אונדז געוואָנדן מיט אַ בקשה, צי וויל ווער פרייוויליק העלפן צונויפנעמען די טויטע קערפּערס פון די געפאַלענע אין די לעצטע טעג. צווישן די טויטע זענען געווען אַ סך קרבנות פון דעם לאַגער דאַוטמערגען־שעמבערג.

געברענגט צו קבר ישראל

די באַפרייערישע אַרמיי פון די אַליאַנטן האָט אין איר זיגערישן פאָרויסמאַרש זיך אָנגעשטויסן נישט נאָר אויף אַ מאַסע טויטע אין די לאַגערן גופא, נאָר אויך אויף דערשאָסענע און פאַרפייניקטע אויף די וועגן און שטעגן פון דייטשלאַנד, אויף וועלכע מ׳האָט געפירט די עוואַקואירטע קאַצעטלערס. אויך די קרבנות פון לאַגער דאַוטמערגען־שעמבערג, זענען געלעגן ביי די זייטן פון שאָסיי און סטעזשקעס. דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון אַלטסהאַוזען, דער ליבלעכער פראַנצויז, האָט פאַראָרדענט, אַז עטלעכע געזונטע דייטשן פון שטעטל, צוזאַמען מיט איינציקע ניצול געוואָרענע יידן, זאָלן צונויפזאַמלען די טויטע קערפּערס אין דער געגנט. אונדז איז לייכט געווען צו אידענטיפיצירן די יידישע קרבנות, וואָס האָבן נעבן זייער נומער געהאַט אָנגענייט אויפן רעקל און הויזן אַ רויטן דרייעק.

די דייטשן האָבן אויסגעגראָבן קברים און מיר האָבן די יידן געברענגט צו קבר ישראל. ליידער, קיין נעמען פון די אומגליקלעכע האָבן מיר נישט געוווּסט. פון אַלע באַמיונגען צו דערקענען וועמען און פעסטשטעלן זיין נאָמען — איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. אַגב, אַ גאָר קליינע צאָל לעבן געבליבענע יידן האָבן זיך געמאָלדן צו דער אויף שנעל געשאַפענער חברה קדישא. דער רוב האָט אין די וווינונגען פון דייטשן וואָס האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף הפקר, געזוכט אין שטעטל אָנטועכץ, עסן, שיך און אַנדערע זאַכן.

צו מאָרגנס נאָכן קובר זיין די מתים, האָט דער קאָמענדאַנט צונויפגערופן די שארית הפליטה און זיי געשטראָפט מיט רייד, הלמאַי אַזוי ווייניק האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה. איך בין געווען זיכער, אַז דער דאָזיקער פראַנצויזישער מיליטער־מאַן איז אַ ייד מיט אַ וואַרעם האַרץ, ווייל בעת דער לוויה האָט ער זיך געפרעגט, צי איז פאַראַן צווישן אונדז אַ ראַבינער. איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָב זיך געקענט אויף די ענינים און געהאַט דערצו די נייטיקע שטימע. האָב איך געזאָגט „קדיש״, אָפּגעריכט די

תפילה „אל מלא רחמים" און אויך געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, וואָס כ'האָב געדענקט.

מיר האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך, אויסזען צוריק ווי מענטשן, גענאָסן פון מעדיצינישער הילף און זיך אויסגערוט פאַר די אַלע שרעקלעכע צייטן. אַ געוויסן טאָג האָט מען פון דער אַרמיי־קאָמענ־דאַנטור פאַרגעלייגט די יידן וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט מיליטער־דינסט, זיי זאָלן זיך מעלדן צו דער אָרטיקער מיליץ, וועלכע וועט אָפּהיטן די אָרדענונג אין שטעטל, ווייל די סאָלדאַטן־באַפרייערס דאַרפן גיין ווייטער. מיין פריינד פאַוועלעק און איך האָבן די ערשטע זיך געמאָלדן צו דער אויפגאַבע, ווייל ביידע האָבן געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי. מיר באַקומען מונדירן, געווער און די געהעריקע פולמאַכטן, צו פאַרמיידן גניבות, כוליגאַניזם, זאָרגן איינצואָרדענען די ניצול געוואָרענע. נאָר מיר האָבן געהאַלטן פאַר די וויכטיקסטע אויפגאַבע — צו אַנטדעקן קריגס־פאַרברעכער, די מערדערס און סאַדיסטן פון די ס.ס., ס.ד., געסטאַפּאָ און זייערע העלפּערס פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן געפייניקט און געמאָרדעט אונדזערע יידן. אין משך פון אַ קורצער צייט איז אונדז געלונגען צו כאַפּן אייניקע דייטשע רוצחים, קאַפּאָס, בלאָק־עלטסטע, הגם דער רוב פון זיי איז זיך צעלאָפן און אויסבאַהאַלטן.

נאָר זיבן זענען געבליבן...

דער נייער בירגערמייסטער פון אַלטסהאַוזען איז געווען אַ דייטש, נאָר אַ קעגנער פון היטלעריזם און דערפאַר האָט די פראַנ־צויזישע אָקופּאַציע־מאַכט אים באַשטימט אויף דעם אמט. דער דאָזיקער דייטש האָט צו די געראַטעוועטע יידן אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטשאַפט, אינטערעסירט זיך מיט יעדן איינעמס גורל, געפרעגט וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט און גרייט געווען צו העלפן ביים אויסגעפינען די קריגס־פאַרברעכער. נאָר די איינוווינערס פון זיין

שטאָט, הגם דערשלאָגענע און פאַרצווייפלטע פונעם קראַך פון דריטן רייך, האָבן אויסער חניפה און פאַלשקייט, נישט אַרויסגעוויזן די קלענסטע געפילן פון חרטה לגבי די שוידערלעכע פאַרברעכנס פון דייטשן פאָלק.

איך מיין, אַז די גרוילטאַטן אין לאַגער שעמבערג זענען געווען אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין די היטלעריסטישע „פאַבריקן פון טויט״. אין פאַרלויף פון פינף חדשים, זענען פון די פינף הונדערט יידן וואָס זענען אַהין געברענגט געוואָרן אין נאָוועמבער 1944 — געבליבן נאָר... זיבן, וואָס האָבן איבער־געלעבט אַלע פּורעניותן און גרוילטאַטן פון די רוצחים. אַז מיר האָבן אייניקע פון די מערדערס געכאַפּט און זיי געשטעלט פאַר אַ געריכט, איז זייער טענה געווען:

— מיר האָבן געהאַט אַזעלכע באַפעלן — און ווי זעלנער, האָט מען געמוזט פאָלגן.

אויף איינער פון די אויספאַרשונגען, האָט אַ ס.ס.־מאַן פון דער וואַך אין שעמבערג דערציילט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל אונדז צו פירן קיין באַדענזע און דאָרט דערטרינקען אין ים, ווייל צום סוף קריג איז שוין געווען אַ שאָד צו באַנוצן פאַר אונדז קוילן. נאָר די לייז, הונגער, קראַנקייטן און די קאַטאָרגע־אַרבעט 12 שעה אַ טאָג, מיט אַ צוגאָב פון קלעפּ און פּייניקונגען, האָבן במילא דערפירט צום טויט פון טויזנטער און טויזנטער קאַצעטלערס.

צו די שלושים פון אויפשטעלן די מצבה אויפן מאַסן־קבר נאָך די קרבנות פון דאוטמערגען־שענבערג, האָב די זיבן ניצול געוואָ־רענע זיך פאַרזאַמלט אויפן בית־הקברות און זיך מתייחד געווען מיטן אָנדענק פון די קדושים. מיר זענען געווען אָנגעטאָן אין די געשטרייפטע רעקלעך און הויזן, וועלכע מ׳האָט געטראָגן אין לאַגער, כדי נאָך מערער אונטערשטרייכן אונדזער סאָלידאַריטעט און טרויער איבערן אומקום פון די אומגליקלעכע ברידער.

זיבן האָבן מספּיד געווען הונדערטער...

דערקענט אַ קריגס־פֿאַרברעכער

די שטאַטישע מיליץ אין אַלטסהאַוזען האָט סטאַציאָנירט אין אַ באַזונדערן בנין, אויסגעשטאַט מיט אַלעם נייטיקן, ווי אויך זיך געפֿירט לויט די כללים פֿון דער פּאָליציי. איך און פּאַוועלעק האָבן תמיד געוואָלט פּאַטרולירן צוזאַמען — און מ'איז אַנטקעגנגעקומען אונדזער פֿאַרלאַנג.

אין איינעם פֿון די טעג נאָך דער באַפֿרייונג, בעת איך און פּאַוועלעק האָבן שפּאַצירט אויף די גאַסן פֿון אַלטסהאַוזען, איז אונדז אַנטקעגן געגאַנגען אַ הויכער דייטש, מיט אַ גרינעם, טיראָלער קאַפּעלוש אויפֿן קאָפּ, די גאַליפֿע־הויזן אַריינגעלאָזט אין הויכע שטיוול — נאָר עפּעס זייער אַ באַקאַנטער פּרצוף. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיך אונדזערע בליקן צוזאַמענגעטראָפֿן — און דאָס האַרץ האָט ביי מיר אויפֿגעהערט קלאַפּן אין דער רגע. דער דייטש מיט זיין פּרוי זענען פֿאַרבייגעגאַנגען, נאָר איך האָב אָנגע־כאַפּט פּאַוועלעקן ביי דער האַנט און געזאָגט:

— איך געדענק דעם דייטש פֿון אַ לאַגער. ער איז געווען אַ גרויסער סאַדיסט. איך מוז אים נאָכאַמאָל אָנקוקן, כ'דערמאָן זיך נישט זיין נאָמען...

איך בין צוריק געלאָפֿן עטלעכע טריט, ווידער אָנגעקוקט דעם פֿאַרשוין און אַרויסגעלאָזט אַ הויכן „געוואָלט!" — אַז פּאַוועלעק און נאָך אייגענע יידן וואָס האָבן זיך געפֿונען אין גאַס, זענען צו מיר צוגעלאָפֿן. כ'האָב אָנגעוויזן אויף דעם דערשראָקענעם דייטשן פּאָרל, פֿרעגנדיק אים:

— זייט איר ד"ר דירלעוואַנגער?

— יאַוואָל — איז געקומען אַן ענטפֿער. ער האָט געפֿילט, אַז כ'האָב אים דעמאַסקירט, אַנטלויפֿן איז געווען אוממעגלעך, ווייל אַרום האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרזאַמלט אַן עולם. מיר האָבן דאָס פּאָרל אָפּגעפֿירט אין דער פֿראַנצויזישער קאָמענדאַנטור. אויפֿן

אָרט האָב איך אים דערמאָנט דעם לאַגער ליפּאָווע 7 אין לובלין, די אויסזידלונגען פון געטאָ און דאָס וויכטיקסטע: זיין אָנפירן מיטן לאַגער פלאַגע־לאַשקעוויטש (די עראָפּלאַנען־פאַבריק אין לובלין פאַרן קריג). בעת די אַפּעלן האָט ער מיט זיין נאַהייקע געשלאָגן מכות רצח, טיילמאָל — ביזן טויט. נאָך אַ „ספּאָרט" האָט דער סאַדיסט אָנגעווענדעט: אויפן אַפּעל איז ער מיט אַ גרויסער שפּילקע אַרומגעגאַנגען צווישן די רייען אויסגעשטעלטע קאַצעט־לערס און אייניקע געשטאָכן אין הינטן, דערביי געלאַכט הויך פון גרויס הנאה. נאָך האָב איך אים דערמאָנט, ווי ער האָט גענומען אין וואָר־שטיבל יונגע יידישע מיידלער, שיינהייטן, זיי געשענדעט און דערנאָך געשיקט קיין מיידאַנעק, צום אומקום אין דער גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריע.

צומערשט האָט ער פּרובירט אַלץ אָפּלייקענען, אָבער עטלעכע פראַנצויזישע זעלנער זענען אַוועק מיט אים אין זיין וווינונג און נאָך אַ רעוויזיע געפונען דאָקומענטן אויפן נאָמען פון ד"ר דיר־לעוואַנגער, ווי אויך בילדער פון יידישן לעבנס־שטייגער און געוויסע תשמישי־קדושה, ווי אַ בשמים־שמעקער, לייכטער און אַ זילבערנע „יד" צו טייטלען בעתן לייענען די תורה. זיי האָבן דאָס אַלץ צוגע־נומען און אים אָפּגעפירט אין שטאָטישן אַרעסט.

צומאָרגנס בין איך געקומען זיך דערוויסן וואָס האָט בדעה צו טאָן די פראַנצויזישע מאַכט מיט דעם פאַרברעכער. דער ענטפער איז געווען, אַז ס'איז שוין נישטאָ ווען צו משפּטן. אינמיטן נאַכט האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַרעסט עטלעכע ווילנער יידישע יונגע־לייט און ממש צעטרעטן מיט די פיס דעם היטלעריסטישן רוצח.

דער העפלעכער פראַנצויז האָט מיר אויך געוויזן די אַלע זאַכן וועלכע מ'האָט געפונען ביי דעם נאַצישן דאָקטער אין דער ווילע. אַלץ איז דאָרט געווען קאַטאַלאָגירט און פאַרשריבן, מיט לויף־נומערן. דער מערדער האָט געהערשט אין עטלעכע געטאָס און גערויבט פון יידישע היימען ווערטפולע זאַכן און הייליקייטן.

פון די יִינגסטע יאָרן בין איך געווען אַ בעל־קורא. דערזעענדיק איצט דעם „יד“, האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרץ. הגם פאַר מיר זענען געלעגן אָפן שאַכטלען און פושקעלעך מיט צירונג, גאָלד־זאַכן, בראַסלעטקעס — האָב איך געבעטן דעם פראַנצויז, ער זאָל זאָרגן דערפאַר, אַז דעם „יד“ און אַנדערע הייליקייטן, זאָל מען ספּעציעל אָפּהיטן און נאָכן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג, זאָל מען די זאַכן איבערגעבן די באַרופענע דערצו פּערזאָנען. די כלי קודש דאַרפן באַהאַנדלט ווערן מיט אַ באַזונדערן כבוד.

איך האָב באַקומען אַ פייערלעכן צוזאָג צו דערפילן מיין בקשה.

דער גוטער שליח גדליהו עהרענבערג

אָפּגעוועזן עטלעכע וואָכן אין אַלטסהאַוזען, איז מען געקומען צו זיך. צוגענומען אויף דער וואָג, אויסגעזען ווי נאָרמאַלע מענטשן, געגעסן צו דער זעט, געווען אָנגעטאָן און אויך געאַרבעט אין דער שטאָטישער מיליץ. איצט איז געווען אַ ביסל צייט אַריינצופאָרן אַפּטמאָל אין דער גרויסער שטאָט שטוטגאַרט, ווו מ׳האָט געטראָפן געוועזענע קאַצעטלערס, מיט וועלכע מ׳האָט אַדורכגעמאַכט די לאַ־גערן, זיך אָנגעהערט פון די געראַטעוועטע יידן דערציילונגען, וואָס איינע איז געווען גרוליקער פון דער אַנדערער. נאָכפרעגנדיק זיך אויף באַקאַנטע און פריינד, האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין אַ שטעטל נישט ווייט פון היידעלבערג, געפינט זיך מיינער אַ ידיד גדליהו עהרענבערג, מיט וועמען איך בין געווען אין דער אַמוניציע־פאַבריק אין ראַדאָם, פון וואַנען מיר זענען אין „טויטן־מאַרש“ דערגאַנגען ביז שעמבערג. אויך אין יענעם גהינום איז אונדז אויסגעקומען צו זיין צוזאַמען.

איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער נייעס און צו אים אָנגעשריבן אַ בריוול, ער זאָל אומבאַדינגט קומען צו מיר אין דער פראַנצויזישער זאָנע, קיין אַלטסהאַוזען, ווו מ׳וועט זיך אויסרוען און פאַרברענגען. ער אָבער האָט שוין געהאַט געגרייט זיך אין וועג אַריין צו פאָרן קיין פוילן, באַזוכן לובלין און די געגנט. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען ר׳איז געקומען קיין אַלטסהאַוזען, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַזעלכע בשורות טובות פאַר מיר, אַז כ׳האָב אין דעם דאָזיקן מענטש געזען נישט נאָר אַ גוטן שליח, נאָר ממש אַ מלאך פון הימל. ער דערציילט מיר, אַז אין לובלין געפינען זיך מיין פרוי באַלטשע, אונדזער זון דוד׳ל, די מאַמע, מיין שוועסטער און נאָך אייניקע קרובים.

נאָר לאָמיר איבערגעבן וואָרט־ביי־וואָרט די דערציילונג פון גדליהון:

— ווי נאָר כ׳האָב דערהאַלטן דיין בריוו, האָב איך זיך צעוויינט פון פרייד ווי אַ קליין קינד, אַז דו לעבסט און ביסט געזונט. איך האָב נישט פאַרגעסן דיין הילף, דיין מוסר־נפש זיין פאַר מיר אין דער „וויטוווירניע״ אין ראַדאָם און זייער געוואָלט זאָלסט לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳וואָלט ווי אַמשנעלסטן געקומען קיין אַלטסהאַוזען, נאָר כ׳האָב געהאַט באַשטימט צו פאָרן קיין לובלין, ווילנדיק אויפזוכן מיין טעכטערל, וועלכע כ׳האָב געלאָזן ביי פּאָלאַקן. אָנקומענדיק קיין לובלין, בין איך אַוועק אין יידישן קאָמיטעט אויף ריבנע 8 און געהערט, ווי עמעץ פון די באַאַמטע רופט אויפן הויכן קול איינע פון די אָנגעשטעלטע: „פרוי אייזענבערג״! איך פרעג די פרוי, צי זי האָט אַ שיכות מיט דער משפחה פון ישראל אייזענבערג. איר ענט־פער: „יאָ, ישראל איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין לובלין. נאָר אים איז געלונגען צו דערשלאָגן זיך קיין ראַדאָם. פון דאָרט האָט מען אים געשיקט אין פאַרשידענע לאַגערן, ביז שעמבערג. ווי כ׳האָב געהערט, איז פון יענעם לאַגער כמעט קיינער נישט געבליבן״...

איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז כ׳בין מיט ישראלן געווען צו־

זאַמען ביז וויהינגען און פון שעמבערגער לאַגער זענען ניצול געוואָרן זיבן מענטשן. צווישן די זיבן איז פאַראַן אייער מאַן — ישראל. אַט האָב איך פון אים אַ בריוול מיט אַ פאַרבעטונג כ׳זאָל אים באַזוכן אין אַלטסהאַוזען. באַלטשע האָט מיר אַרויסגעריסן דאָס בריוול פון דער האַנט און גלייך געלאָפן אַ היים צו דער מאַמען און צום קינד אָנזאָגן די בשורה. איבערן גאַנצן וועג האָט זי גערעדט צו זיך: „ישראל לעבט! ישראל לעבט״! אין דער דירה אויף קרוי־לעווסקע 13 — אַ שמחה, אַ גערודער. ספּאָנטאַנישע געוויינען און געלעכטער, מען האַלדזט זיך און מען קושט זיך פון פרייד, ווייל דיין ניצול ווערן האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ נס, צוליב די כסדרדיקע גרוסן, אַז מ׳האָט ישראלן דערשאָסן אין שעמבערג. הגם זיי האָבן דערקענט דיין האַנטשריפט אינעם בריוול, האָט סיי די מאַמע, סיי דיין פרוי אַ סך מאָל מיך איבערגעפרעגט, צי מאַך איך נישט קיין טעות, אפשר איז דאָס אַן אַנדערער אייזענבערג. ענדלעך האָבן די פרויען זיך באַרויקט, באַלטשע האָט מיר געוויזן דיין קינד, דאַווידעקן, וועלכן זי האָט אָפּגענומען פון אַ קאַטוילישער קינדערהיים אין לובלין. נאָר וועגן דעם וועט דיר שוין באַלטשע דערציילן, אַז וועסט קומען קיין לובלין. אַז איך האָב דערזען דיין זון, האָב איך אַ געשריי געטאָן: „אוי, דער גאַנצער ישראל״!...

ביי די ווערטער האָט זיך גדליהו צעוויינט און ס׳האָט גענומען אַ סך צייט, ביז כ׳האָב אים באַרויקט. ווי נאָר ער האָט זיך איינגע־שטילט, פרעג איך:

— און וואָס איז מיט דיין משפחה, גדליהו? לעבט ווער? איז דאָס טעבטערל געראַטעוועט?

מיין פריינד צעוויינט זיך ווידער און דערציילט, אַז דערמוטיקט פון אונדזער אָפּגעפונענעם קינד, איז ער צומאַרגנס געפאָרן פון לובלין קיין זאַקשוווּעק, אַ שטעטל נעבן קראַשניק, ווו ר׳האָט פאַר דער אויסזידלונג געלאָזן ביי אַ באַקאַנטן פּאָלאַק דאָס ניצול געוואָ־רענע טעבטערל, וועלכע ער האָט אַרויסגעשמוגלט פון קראַשניקער

געטאָ. דער דייטש האָט געשאָסן אין דער מאַמען און אין דעם קינד,ביידע זענען אומגעפאַלן, אָבער דעם קינד האָט נישט געשאַדט. זיין פרוי מיט פיר קינדער זענען אומגעקומען, האָט ער גענומען דאָס מיידעלע קיין זאַקשעווע. איצט, באַזוכנדיק דאָס שטעטל, איז ער אַוועק צום פויער פּאַפּיעראַסאַ וועמען ר׳האָט געגעבן אַ סך געלט פאַר אויסבאַהאַלטן דאָס טעכטערל. אָבער דאָ האָט גדליהו זיך דערוווּסט, אַז ווי נאָר ער איז אַוועק פונעם פויער, האָט יענער גענומען דאָס מיידעלע, זי אַוועקגעפירט אויפן מאַרק אין קראָשניק, פון וואַנען מ׳האָט מיט אַ טאָג פריער אויסגעזידלט די יידן פון שטעטל. דייטשע זשאַנדאַרן האָבן דערנאָך צוגענומען דאָס קינד און מיט נאָך אַ גרופּע יידן וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן און געוואָרן אַנטדעקט, האָט מען אַלעמען דערשאָסן אויפן ראַכיוועער וועג...

איך האָב נישט געפונען קיין ווערטער צו טרייסטן דעם דאַזיקן ייד, אָדער באַרויקן. זיין ספּאַזמאַטיש געוויין האָט מיך נישט געלאָזן פאַרדייען די פרייד און איבעררעשונג, אַז מיין מאַמע, פרוי, קינד און שוועסטער — זענען פאַראַן צווישן די לעבעדיקע. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי גדליהו פלעגט אין יעדן לאַגער ווו מיר זענען געווען, איבערלאָזן אַפּעלן און ווענדונגען אויף די ווענט, ווי אויך איבערגעגעבן זיין בקשה צו מענטשן, אַז נאָך דער מלחמה זאָל מען זיך אינטערעסירן מיט זיין מיידעלע, וועלכע ר׳האָט געלאָזן ביים פויער פּאַפּיעראַסאַ.

אויף איינער פון די ווענט אין דער פאַבריקס־האַלע אין טאָ־מאַשאָוו, ווו מיר האָבן געוואַרט פאַרצוזעצן דעם טויטן־מאַרש, האָט ער מיט דער הילף פון מיינעם אַ צעבראָכענעם שרויפנציער אויס־געקריצט די ווייטערדיקע בקשה:

„גדליהו עהרענבערג, געבוירן 10.9.1907 אין קראָשניק, שיקט דעם לעצטן גרוס פאַר יאַן פּאַפּיעראַסאַ אין קראָ־שניק. זאָל ער איבערפירן מיין קינד נאָך ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה״.

פערטע טייל:

צוריק אין דער חרובער היים

ווּ איז אונדזער קינד?

די בשורה פונעם געראַטעוועטן קינד אונדזערן; פון באַלטשען, וואָס האָט זוכה געווען די באַפרייונג; פון דער מאַמען, ווען ס'איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן ביי קריסטן — און אַז אַלע, צוזאַמען מיט דער שוועסטער ריווטשע, געפינען זיך אין לובלין, האָט מיך אויפגערודערט, ממש דערשיטערט פון פרייד און איבערלעבונג. געננוי ווי מיינע נאָענטסטע וואָס האָבן נישט געגלויבט דעם גוטן שליח צי איך לעב און עטלעכע מאָל אים געפרעגט וועגן דעם, אַזוי האָב אויך איך, מיט טרערן אין די אויגן, זיך געבעטן ביי גדליהו'ן:

— זאָג, גדליהו, איז עס אמת? לעבט מיין מאַמע, מיין פרוי, אונדזער קינד, מיין שוועסטער?

ווי אין היץ האָב איך איבערגעחזרט די פראַגן און בשעת מעשה האָט דער קאָפּ אָנגעהויבן אַרבעטן, ווי אַזוי פאַרלאָזן אַלטסהאַוזען און זיך אומקערן אין דער חרובער היים, ווו עס וואַרטן אויף דיר די טייערסטע מענטשן.

אין חודש יוני 1945 פאַרלאָז איך די פאַרשאָלטענע דייטשע ערד און קום צוריק קיין לובלין, מיין היימשטאָט, פון וואַנען כ'בין אַנט־לאָפן אין נאָוועמבער 1942. די שטאָט איז נישט די זעלבע; דער יידישער ווויין־קוואַרטאַל — אויסגעגלייכט מיט דער ערד; פון דעם איבער פערציק טויזנט קעפּיקן יידישן ישוב אין לובלין — איז כמעט ווי נישט געבליבן קיין זכר. פונדעסטוועגן לעבט און ברויזט די שטאָט, ווייל איצט געפינען זיך דאָרט די רעגירונג און אַלע מלו־כהשע אַמטן און אינסטיטוציעס פונעם באַפרייטן פוילן. עס פעלט אויך נישט אויס קיין מיליטער — אַ סך מיליטער; פון דער רויטער אַרמיי און פון דער פוילישער אַרמיי.

קיין לובלין קומען אויך צוריק טויזנטער באַפרייטע קאַצעטלערס, וואָס דאָ באַקומען זיי די ערשטע הילף און אויך די רעגיסטראַציע און טראַנספּאָרט צו פאָרן אַ היים. מענער און פרויען, יידן און נישט־יידן, פון אונגאַרן און פראַנקרייך, פון יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד, פון ראַטנפאַרבאַנד און בעלגיע און פון אַנדערע לענדער אין דער אָקופּירטער אייראָפּע, געניסן אין לובלין פון די ערשטע טעג צו זיין פריי און אַרומגיין מיט דער האָפענונג, אַז גאָר בקרוב וועט מען קומען אַ היים.

אַלץ זעט מיר אויס ווי אַ חלום. פון לובלינער וואָקזאַל לויף איך אַוועק אין דער דירה אויף קרולעווסקע 13, ווו איך טרעף די ניצול־געוואָרענע משפחה. ווער איז דען אימשטאַנד צו באַשרייבן די פרייד, טרערן און געריררטקייט פון יענעם אויסטערלישן צוזאַמענטרעף, וואָס נאָך אַזאַ חורבן, האָט מיין מאַמע דאָס גליק צו זיין צוזאַמען מיט אַ טאָכטער, זון, שנור און אייניקל?

און איך? נאָכן ערשטן אויסברוך פון פרייד, הער איך נישט אויף קוקן אויף אַלע צוזאַמען און יעדן באַזונדער. נאָר פאַר אַלעמען וויל איך וויסן, ווי אַזוי איז ניצול געוואָרן אונדזער דוד'ל.

באַלטשע דערציילט מיט טרערן אין די אויגן:

— ווי נאָר איך בין צוריק געקומען קיין לובלין און זיך געטראָפן מיט דיין מאַמען, זענען מירביידע אַוועק אויפזוכן צעשען, די קריסטין ביי וועמען מ'האָט געלאָזן דאָס קינד. נאָך אַ סך זוכענישן, האָט מען זי געפונען. „צעשע, ווו איז דאָס קינד"? — „איך ווייס נישט" — איז איר ענטפער. „אומאַרל" (געשטאָרבן). עס העלפן נישט קיין גוטע רייד, אויך פון דראָונגען נעמט זי זיך נישט איבער. צומאָרגנס זענען מיר צו איר געקומען אין באַגלייטונג פון יידישע אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי; אַ צווייט מאָל אָפּגעשטאַט ביי איר אַ וויזיט מיט אָפיצירן פון דער סאָוועטישער נ.ק.וו.ד.; אַ דריט מאָל פאָרגעלייגט אַ גרויסע סומע, וועלכע דער יידישער קאָמיטעט האָט געוואָלט באַצאָלן — נאָר רייד צו דער וואַנט! אַז מיר האָבן זי

באַזוכט צום פערטן מאָל, אַז באַגלייטערס, איז שוין בכלל נישט געווען צו וועמען צו ריידן. זי איז פאַרשוואונדן פון איר וווינונג אויף קרולעווסקע 11. דער שכן מאַשטשעבראַדזקי האָט אונדז געזאָגט, אַז מיט אַ נאַכט פריער זענען אַלע אַוועק אויף אַ פור, ער ווייסט נישט וואוהין.

אַ געוויסן טאָג קומט די מאַמע און דערציילט, אַז דער פּאָלאַק מאַסטאַלערטשאַק פון בראַנאָוויץ ווייסט עפּעס פון קינד — און מיר האָבן געהאַט דעם ערשטן שפּור ווו זיך אָנצוכאַפּן, הגם די פרוי זיינע האָט צומערשט אַלץ אָפּגעלייקנט. מיר האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט און ענדלעך דערציילט זי, אַז אין נאָוועמבער 1943 האָבן די נאַציס מאָביליזירט פּוילישע מענער און פרויען צו אַרבעטן אין דייטשלאַנד. אויך צעשע האָט זיך געמאָלדן צו אַזאַ טראַנספּאָרט. די משפחה מאַסטעלאַרטשאַק האָט געוווּסט פון דעם אַוועקגעגעבענעם קינד און פון צייט צו צייט זיך אינטערעסירט מיט זיין גורל. איינמאָל איז די פרוי געקומען צו צעשען, און גראָד אין מאָמענט, ווען זי איז מיטן קינד אויף די הענט שוין געשטאַנען אין די רייען אָפּצופאָרן קיין דייטשלאַנד. דער טראַנספּאָרט איז געגאַנגען צופוס דורך די גאַסן קרולעווסקע און קראָקעווער פאַרשטאָט. די פרוי מאַסטע־לאַרטשאַק איז נאָכגעגאַנגען און באַמערקט, ווי נישט ווייט פון זאַקסישן גאָרטן, איז צעשע אַרויס פון די רייען מיטן קינד — און נאָך עטלעכע מינוט צוריק אַריין אין דער ריי, נאָר אָנעם קינד... מאַסטעלאַרטשאַק איז אַריין אינעם זייטיקן געסל און געזען ליגן אויפן שניי דאָס איינגעוויקלטע קינד, אָבער מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט, מען זאָל איר נישט חושד זיין אַז זי האָט עס אונטערגעוואָרפן — און איז אַוועק.

בין איך מיט דער מאַמען און די מאַסטאַלערטשאַקן אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם אָרט, ווו מ׳האָט מיט אַ סך חדשים צוריק געלאָזן אויף הפקר אונדזער קינד און אָנגעהויבן גיין פון שטוב צו שטוב, פרעגן און פאַרשן די שכנים, צי זיי האָבן נישט געזען מיט אַן

אַנדערהאַלבן יאָר צוריק בערך, אויף דעם אָרט, אַז אונטערגעוואָרפן קינד? ווי איז עס אַוועק געקומען? האָט איר עפּעס געזען אָדער געהערט וועגן דעם?

פון די אַלע תשובות איז געווען קלאָר, אַז דאָס קינד איז נישט דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז עמעץ האָט עס צוגענומען און אפשר איבערגעגעבן אין אַ קינדערהיים, צי יתומים־הויז. מיר הייבן אָן זוכן אין דער ריכטונג...

די גלחים און נאָנעס האָבן צייט

באַלטשע זעצט פאָר איר דערציילונג:

— מיט אַ סך געדולד און האָפענונג, נאָר אויך מיט האַרצקלאַ־פּעניש און ספיקות, האָב איך מיט דער מאַמען באַזוכט עטלעכע פּוילישע יתומים־הייזער און געפרעגט, צי אין חודש נאָוועמבער אָדער דעצעמבער 1943, האָט מען נישט געבראַכט אַהין אַ בלאָנד קינד, גע׳מל׳עט, מיט בלויע אויגן? נאָר אומעטום הערן מיר איין ענטפער: נישטאָ ביי אונדז אַזאַ קינד. רעזיגנירטע און אַנטוישטע, זענען מיר אַוועק אין איין „זשלאָבעק" (קינדערהיים) אויף דער אַרכידיאַקאָנסקע־גאַס, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פונעם לובלינער ביסקופּ, וועלכער האָט אויך פאַרוואַלטעט מיטן גרעסטן קלויסטער אין שטאָט, די אַזוי גערופענע קאַטעדרע. די ענטפערס דאָ, פון דער עלטסטער נאָנע ביז דעם פּערסאָנאַל, זענען אויך נעגאַטיווע — אָבער שטאַמלדיקע, נישט מיט דעם קאַטעגאָרישן ניין ווי ביי אַנדערע. אַלע האָבן אונדז אָפּגעשיקט צום עלטסטן גלח אין דער קאַטעדרע, ווייל נאָר ער איז באַפולמעכטיקט צו אַזעלכע ענינים.

אויף דער אינטערוועניץ פון אייניקע כלל־טוערס פון פּאָלאַקן, וואָס

האָבן געדענקט דיין טאַטן נאָר פון זיינע אויפטריטן פאַרן קריג אויף די זיצונגען פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג ווי דער ראַטמאַן פון אגודת ישראל, האָט דער גלח באַפוילן דער לייטערין פון „זשלאָבעק" זי זאָל „העלפן אויסגעפינען דאָס אייניקל פון משה אייזענבערג", אַזאַ פאַראָרדענונג איז פאַר אונדז געווען זייער און זייער וויכטיק, ווייל מיר האָבן געוווּסט, ווי די גלחים און נאָנעס אין די קאַטוילישע אינסטיטוציעס האָבן נישט געוואָלט אומקערן יידישע קינדער צו זייער שטאַם, ווילנדיק ראַטעווען זייערע „זינדיקע נשמות"... דער קאַטוילישער קלער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן יענע יידישע קינ-דער, וואָס האָבן אין היטלערס צייטן געפונען אַ היים אין פאַרשי-דענע מאָנאַסטירן.

די לייטערין פון קינדער-אַנשטאַלט האָט איצט גערעדט מיט אונדז גאָר אַנדערש. מיט אַ סך געדולד אויסגעפרעגט אַלע מעגלעכע פּרטים. איך, דערמוטיקט פון איר געענדערטער באַציונג, האָב געטראַכט: גיב נישט אויף די האָפענונג, אפשר איז דוד'ל יאָ געבליבן געבורגט געוואָרן אַהער? זוך אים, הייס דיר ווייזן אַלע קינדער, זאָל זי פאַרשן דאָס פערסאָנאַל, מעגלעך אַז זיי וועלן עפּעס געדענקען?!

ענדלעך האָבן מיר זוכה געווען דערצו, אַז די הויפּט-נאָנע האָט געעפנט דעם טאָגבוך פון יאָר 1943, נאָכקאָנטראָלירט, געמאַכט פאַרגלייכן, ווידער אַמאָל איבערגעפרעגט און — — — געפונען אַ פאַרשריבענעם אַקט, אַז אַ פּוילישער פּאָליציאַנט האָט סוף 1943 געברענגט אין זשלאָבעק אַ קינד, וואָס מ'האָט געשאַצט, אַז ס'איז אין עלטער פון אַנדערהאַלבן ביז צוויי-און-אַ-האַלב יאָר. אַ פּוילישע פרוי, פאַרבייגייענדיק יענץ געסל, האָט באַמערקט ליגן אַ קינד אויפן שניי, גערופן אַ פּאָליציאַנט און דער האָט עס אַוועקגעטראָגן אין זשלאָבעק. ביי מיר האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק: דאָס איז אונדזער קינד, מיין דאַווידעק! ערשט דאָ, זיצנדיק אַנטקעגן דער נאָנע, מיט איר ברייט, גראַנאַטן פעלערינע-קלייד און ווייסן, צווײ-

שפּיציקן הוט אויפן קאָפּ, האָט מיך באַהערשט אַ געפיל, אַז איצט בין איך זייער נאָענט צו אַנטדעקן אונדזער לעבעדיק קינד...

נאָר עס דערוואַרט מיך נאָך אַן איבעררעאַשונג: די נאָנע דער־ציילט, אַז ווי נאָר זי האָט גענומען דאָס קינד פון דעם פּאָליציאַנטס הענט און עס אויסגעטאָן, האָט זי גלייך אַנטדעקט, אַז ס'איז גע'מל'עט. און „אַזוי ווי איך אַליין בין אַ יידישע טאָכטער" — פּאַרטרויט זי זיך שטיל, אַז מיר האָבן קוים געהערט דעם ווידוי — „האָב איך זייער געוואָלט ראַטעווען דאָס קינד, עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט און אויף אים אַכטונג געגעבן, עס זאָל קיין שלעכטס נישט געשען"...

איך צווייפל נישט, אַז מיר זענען אַרויף אויפן ריכטיקן וועג, הגם איך זע נישט דאָס קינד. אַלע שפּעטערדיקע בקשות מען זאָל אונדז ווייזן דאָס קינד, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשידענע תירוצים, וועלכע האָבן ווידער דערפירט צו ספיקות. די גלחים און נאָנעס האָבן זיך נישט געאײַלט... אין יענער צייט האָבן מיר זיך געטראָפן מיט יידישע מאַמעס, וואָס זיי איז יאָ געלונגען אָפּצונעמען זייערע קינדער פון קריסטלעכע הענט, הגם דאָס איז פאָרגעקומען מיט אַ סך קאָמפּליקאַציעס און צרות ביזן אָפּנעמען — און נישט ווייניקער פּראָבלעמען האָבן זיך געשאַפן, ביז דאָס קינד האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער סביבה, מענטשן און... רעליגיע.

מיר האָבן ווידער אינטערוועניִרט ביי פּאָלאַקן וואָס האָבן געדענקט דעם „פאַן אייזענבערג", ווי אויך ביים פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט, לייבעלע אהראָנסאָן. אַ סברה, אַז די אינטערווענצן האָבן געהאָלפן — ענדלעך איז באַשטימט געוואָרן דער טאָג פון ווייזן אונדז דאָס קינד...

צוריק צום פאָלק און צו טאַטע־מאַמע

— עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דער צייט וואָס דאָס קינד איז געווען אין זשלאָבעק, פלעגט עס זייער אָפט קראַנק ווערן. נאָר אַ דאַנק דער זאָרג פון דער נאָנע, די יידישע טאָכטער, וואָס האָט דאַווידקען אַרויסגעוויזן אַ סך טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, איז ער געקומען צו זיך, געשטעלט זיך אויף די פיסלעך, אָנגעהויבן ריידן און בכלל שיין זיך אַנטוויקלט. דאָס וואָס די גלחים און נאָנעס האָבן זיך נישט געאײַלט צו ווייזן אונדז דאָס קינד, איז ערשט שפּעטער געוואָרן אויפגעקלערט דערמיט, וואָס די שוואַכערע און קלענערע קינדער האָט מען געשיקט אין דאָרף, אויף אַ זומער־קאָלאָניע. ערשט ווען זיי האָבן זיך פון דאָרט אומגעקערט, מ'האָט זיי אַרומגעוואַשן פון וועג, געלאָזט אַ ביסל אָפּרוען — באַווייזט זיך אַן עלטערע נאָנע אין איר טראַדיציאָנעלער קליידונג, מיט אַ ריזיקן צלם אויף דער ברוסט און זי פירט ביי דער האַנט אַ קליין, בלאָנד ייִנגעלע. די מידקייט פון וואַרטן אַ האַלבן טאָג אין שפּאַנונג, נערוועזיטעט, שוין מער מיט יאוש ווי מיט האָפענונג — איז מיט איינמאָל פאַרשוווּנדן. איך מאַך נישט קיין טעות, ניין:

— דאָס קינד איז מיינס! דאָס ייִנגעלע איז מיינס! מיין דאַווידעק! דאַווידקו קאָכאַני, טייערינקער, זיסינקער מיינער!

איך האָב נישט גע'חלשט, נישט אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריע, בלויז הייסע טרערן האָבן באַגאָסן מיין פּנים. איך זאָג צו דער נאָנע:

— נו, איצט וועל איך נעמען דאָס קינד צו זיך אַ היים...

— אָ, ניין, נישט אַזוי שנעל. מען דאַרף נאָך אַדורכפירן אַ סך פאָרמאַליטעטן.

איך וויל צודריקן דאָס קינד צום האַרצן, אויסקושן יעדער אבר, נאָר דאַווידעק איז איבערגעשראָקן, ער צלמט זיך איבער. דאָ, אין זשלאָבעק, הייסט ער דאָך יענדרוש — און פּלוצעם רופט אים עפּעס אַ פרעמדע פרוי דאַווידעק... נאָך ערגער — זי וויל אים גאָר

נעמען צו זיך. דאָס קינד דרייט זיך אויס צו מיר, לויפֿט אַוועק אין אַ ווינקל, שטעלט זיך דאָרט אַוועק אַ באַליידיקטער, אומצופֿרידענער און צעטומלטער.

איך דערנענטער זיך צו אים פּאַרזיכטיק, נעם גלעטן זיין קעפּל וואָס איז פֿאַרוואָרלאָזט, די בלאָנדע לאָקן זענען פֿאַרשוווּנדן, איך דערפֿיל קרעצלעך און אַ שמירעכץ צווישן די האָר. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט קיין באַדייטונג, אַנטקעגן דעם גליק פֿון אָפּגעפֿינען דאָס ניצול געוואָרענע קינד, וואָס איז ממש אויפֿגעשטאַנען תחית המתים. אין יענעם מאָמענט האָב איך געטראַכט: אפֿשר לעבסטו אויך, דער טאַטע פֿון קינד, און מיר ביידע וועלן נאָך זוכה זיין צו דערציִען אונדזער דוד׳לען.

איך האָב נישט געקענט זיך אָפּרייסן פֿון אים — נאָר די נאָנע באַפֿעלט מיר צו פֿאַרלאָזן. איך גיי אַוועק פֿון זשלאָבעק מיטן געדאַנק, אַז כ׳וועל דאָך זוכה זיין צו האָבן דאָס קינד מיט זיך, אים אויסבאָדן, אויסקעמען, אָנטאָן קלאָרע וועש און בגדים, קויפֿן אים נייע שיכלעך, גיין מיט אים שפּאַצירן, צוריקברענגען אים צום אייגענעם פֿאָלק, צו טאַטע־מאַמע, צו דער באָבען, צו דער משפּחה...

ביז דער טרוים איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט נאָך גענומען עטלעכע וואָכן. יעדן טאָג בין איך געגאַנגען אין זשלאָבעק אויף דער אַרכידיאַקאָנסקע, אָבער נישט אַלע מאָל האָט מען מיך אַריינגעלאָזט. כ׳האָב זיך באַמיט, דורכן פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטערל אין טויער, צו זען ווי ער שפּילט זיך אויפֿן הויף. אַז מ׳האָט דאָס קינד געברענגט אויף אַ טרעפֿונג מיט מיר, בין איך מיט אים פֿאַרבליבן אַזוי לאַנג, ווי מ׳האָט נאָר געלאָזט.

אין איינעם פֿון די טעג האָב איך זיך יאָ דערוואַרט אויף דער בשורה, אַז מאָרגן זאָל איך קומען אָפּנעמען דאַווידעקן. יענע נאַכט האָב איך נישט צוגעטאָן קיין אויג, אַזוי שטאַרק איבערגעלעבט די געשעעניש.

קוים דערוואַרט דעם טאָג — און דריי פֿרויען פֿון אונדזער

משפחה: דיין שוועסטער ריווטשע, די מומע האָדעסל, דיין טאַטנס שוועסטער, מיט וועלכער איך האָב זיך געטראָפן אין אוישוויץ און זי איז מיט מיר געקומען קיין לובלין, און איך — זענען אַוועק צום מאַסיוון, אייזערנעם טויער פון זשלאָבעק, כדי וואַרטן מיט אומגעדולד, שפּאַנונג און פרייד אויפן מאָמענט, ווען אַ יידישע מאַמע וועט צוריק האָבן איר קינד.

ענדלעך עפנט זיך דער טויער, מיר גייען אַריין אינעווייניק, זעצן זיך אַוועק און וואַרטן — ביז עס קומט אַריין די נאָנע. זי פירט דאָס קינד. אַלע דריי פּרויען האַלטן זיך נישט איין. מיר ברעכן אויס אין אַ געשריי:

— טאַ יעסט לולעק!

אַזוי זיך, נישט צונויפגערעדט, צוליב דער ענלעכקייט פון קינד צו דיר, וואָס אַלס קינד אין וואַרשע האָט מען דיך גערופן לולעק, האָבן מיר רעאַגירט בעת דעם ערשטן צונויפטרעף מיט דאַווידעקן.

דאַווידעק־יענדרוש־לולעק האָט זיך אומגעקערט צו דער משפּחה און צום פּאָלק...

דער נס מיט באַלטשען

עס האָט גענומען אַ סך צייט, ביז איך בין געווען מסוגל אויפצונעמען און פאַרשטיין די געשיכטע פון אונדזער ניצול געוואָרן קינד, פון דער לעבן געבליבענער מאַמען מיינער, פון דער געראַטעוועטער שוועסטער און דער תחיית המתים פון מיין פרוי, מיט וועלכער כ׳האָב אַדורכגעמאַכט דעם דערנער־וועג פון לובלינער געטאָ ביז אוישוויץ, וווּ מ׳האָט אונדז צעשיידט. די אַלע דערציילונגען האָבן שטאַרק דערפרייט דאָס האַרץ און נישט וויניקער — דערשטוינט. הגם איך האָב די מענטשן געזען פאַר מיינע אויגן

לעבעדיקע, שמייכלדיקע, צופרידענע וואָס מ'האָט זיך אָפּגעפּונען נאָך דעם שרעקלעכן קאַטאַקליזם, האָט אַלץ נאָך אויסגעזען ווי אַ חלום.

— און ווי אַזוי, באַלטשע, האָסטו זיך געראַטעוועט?

— ס'איז צו דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע, נאָר איך וועל עס מאַכן בקיצור: אין אוישוויץ, נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרלאָזט די וואַגאָנען, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין צימערן, באַפוילן זיך אויסצוטאָן נאַקעט און פרויען האָבן אונדז אָפּגעשוירן אַלע האָר אויף די קעפּ, אונטער די אָרעמס און אַנדערע ערטער. יעדע איינע באַקומט אַ שמאַטעוואַטע קליידל און מען באַפעלט צו וואַרטן. דערנאָך הערן מיר אַ קאָמאַנדע „אַכטונג! האַלטן דאָס קלייד אין דער לינקער האַנט און זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, איינע הינטער דער אַנדערער". נאַקעטע, קומען מיר צו צו אַן ס.ס.־אָפיציר, וואָס ווייזט אָן מיט זיין פינגער, ווער פון די פרויען זאָל גיין רעכטס, און ווער — לינקס. (שפּעטער האָט מען דערציילט אין לאַגער, אַז דאָס איז געווען ד"ר מענגעלע). אַזויווי אויף מיין רעכטער ברוסט זענען געבליבן עטלעכע צייכנס און אַ ווונד נאָך פון דער קראַנקייט און אָפּעראַציע אין לובלינער געטאָ, האָב איך איבערגעלייגט דאָס קלייד אין דער רעכטער האַנט, כדי צו פאַר־שטעלן די ווונד. דער נאַצי צעשרייט זיך און באַפעלט איבער־צולייגן דאָס קלייד אויף דער לינקער זייט. איך פאָלג אים, נאָר דערביי טראַכט איך, אַז איצט בין איך אַ פאַרלוירענע. אָבער ניין! ער הייסט מיך צושטעלן צו די וואָס גייען נאָך נישט אין דער גאַז־קאַמער. מיר, די פאַרלויפיק ניצול געוואָרענע פרויען, שטייען און וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפעלן. פּלוצום קומט צו אַ יונגער־מאַן, אָנגעטאָן אין דער געשטרייפטער קליידונג פון אַ קאַצעטלער און פרעגט:

— איז דאָ ווער פון לובלין?

איך ענטפער דעם בחור, אַז מיין שוועגערין ריווטשע און איך

זענען פון לובלין, די טאָכטער און שנור פון משהלע אײזענבערג. יענער צעװײנט זיך און פרעגט איבער: „אײזענבערגס קינדער?!״ נאָך עטלעכע מינוט ברענגט ער צו אַ קלײן זעקאַלע צוקער און זאָגט, אַז אין אױשװיץ װעט עס אונדז זײער צונוץ קומען. מיר באַװײזן נישט צו פרעגן װי ער הײסט — און דער יונגערמאַן פאַרשװינדט. דאָס ביסל צוקער האָבן מיר שפּעטער אױסגעטױשט אױף אַ שטיקל ברױט און דערמיט עטװאָס געשטילט דעם הונגער.

עטלעכע הונדערט פרױען האָט מען אַרײנגעפירט אין אַ גרױסן באַראַק אין בירקענאַו, אַן אָפּטײלונג פון אױשװיץ, װוּ מיר זענען שױן פאַרבליבן דאָרט במשך עטלעכע חדשים. אינטערעסאַנט, פאַר דער גאַנצער צײט זענען מיר אַלע געװען אַרבעטלאָז. קײן שום אַרבעט, קײן באַשעפטיקונג, נאָר אַפּעלן גאַנץ באַגינען און פאַר־נאַכט. אַ סך מאָל — אױך אינמיטן טאָג. אַפּעלן, װאָס פלעגן זיך טײלמאָל ציען שעהן, מיט שטײן גלײך, אָן דער קלענסטער באַװעג־גונג, מיט פאַרשידענע איבונגען, באַגלײט מיט זידלערײען און קלעפּ. נאָר אָן סעלעקציעס בײַ די דײטשן — גײט נישט. נישט אױף אײן אַפּעל האָט מען אַרױסגענומען פון די רײען פרױען און זײ אַװעקגעפירט. מער האָט מען זײ נישט געזען. פון בזשעזשינקע (בירקענאַו) האָבן מיר נאָר געזען דעם רױך פון די קרעמאַטאָריע־אױװנס, װאָס האָבן געאַרבעט 24 שעה אין מעת־לעת.

אַן אַפּקומעניש, פאַרבונדן מיט שרעק און יסורים, איז געװען דאָס דערפילן די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. װײַט פון באַראַק האָבן זיך געפונען די גריבער, איבער װעלכע מען פלעגט זיך אַװעקזעצן מיטן שטענדיקן פחד, װײל אײן אומפאָרזיכטיקע באַװע־גונג, צי אַ לײכטער קאָפּ־שװינדל, האָט דערפירט דערצו, אַז װעסט זיך אַראָפּקײקלען אינעם גרוב מיט דער אומרײנקײט און דאָרט אומקומען. אַ באַזונדערע מורא איז דיך באַפאַלן אין די נעכט, װען מ׳האָט באַדאַרפט צוקומען צו די לאַטרינעס.

אַ געװיסן טאָג — אַן אַפּעל. אַ טױזנט פרױען װערן אױס־

געשטעלט אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד. פֿון זיי ווערן אויסגעקליבן אַ דריי הונדערט. אַ שמועה איז געווען, אַז דאָסמאָל זוכט מען אַרבעטער־רינס אין פֿאַבריקן אין טשעכאָסלאָוואַקיי און נישט קרבנות צום אומברענג. אין בירקענאַו האָב איך די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט מיין שוועגערין ריוועטשע און מיט אַ פֿרוי פֿון ראַדאָם, טעמע. ביים אָפּקלויבן צו דער אַרבעט, האָט מען מיך גענומען צום טראַנספּאָרט און ריוועטשע איז געבליבן. דערזעענדיק דאָס, איז זי אַריבערגעלאָפֿן אין אונדזערע רייען, צו מיר. דאָס האָט באַמערקט די ס.ס.־מאַנקע און דערלאַנגט ריוועטשען מיט איר שטעקן איבערן קאָפּ. זי איז אומגעפֿאַלן אַ פֿאַרבלוטיקטע, נאָר מ׳האָט איר געצוווּנגען זיך אויפֿהייבן און זי איז מיט אייגענע כוחות קוים דערגאַנגען צו דער קראַנקען־שטובע, ווו מ׳האָט איר באַנדאַזשירט דעם קאָפּ. אַרויסגייענדיק פֿון דאָרט, האָט זי געזען ווי אונדזער טראַנספּאָרט שטייט נאָך אַלץ אויפֿן אָרט — האָט זי ווידעראַמאָל ריזיקירט און מיטן פֿאַרבונדענעם קאָפּ זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיר. דאָסמאָל איז געלונגען — מיר קומען אָן צוזאַמען אין אַבער־אַלטשטאָט, אַ שטעטל נישט ווייט פֿון פּראָג, די הויפּטשטאָט פֿון טשעכאָסלאָוואַקיי.

אין יענעם שטעטל — ווידער אַן אָפּקלייב. איין גרופּע פֿרויען איז באַשטימט צו אַרבעטן אין אַן אַמוניציע־פֿאַבריק, די אַנדערע גרופּע — אין אַ פֿאָדעם־פֿאַבריק. מיר מיט דיין שוועסטער איז אויסגעפֿאַלן גראָד די לייכטע אַרבעט, צו וויקלען פֿון די שפּולן קלעצלעך מיט פֿאָדעם. געאַרבעט האָט מען פֿון פֿינצטער ביז פֿינצטער, ד.ה. פֿון גאָר פֿרי ביז פֿאַרנאַכט, אָבער אין אַלגעמיין איז ניט שלעכט געווען. די ברויט־נאָרמע און זופּ איז געווען ווי אין אוישוויץ, אָבער אָן קלעפּ און סעלעקציעס. מיט אונדז האָבן אויך געאַרבעט טשעכישע פֿרויען, וואָס אין די ווייַנאַכטן, צי אַנדערע קריסטלעכע יום־טובים, פֿלעגן זיי ברענגען אַ שטיקל ברויט צי אַ נאַשוואַרג און ס׳איז געווען מיט וואָס צו דערכאַפּן

דאָס האַרץ און גאַנץ באַזונדערס — אונטערהאַלטן די קראַנקע טעמע.

דעם 5טן מאַי 1945 זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן פּלאַנירט אויפצורייסן אונדזער פאַבריק און אַנדערע לאַגערן, נאָר פאַרטיזאַנער האָבן אין דער לעצטער מינוט צונישט געמאַכט די היטלעריסטישע פּלענער.

די באַפרייטע קאַצעטלערס האָט מען דערלויבט אַריינצוגיין אין אַ קאָנפעקציע־פאַבריק זיי זאָלן זיך אויסקלויבן אָנטאָן. בעת אַנדערע האָבן גענומען זייער אַ סך בגדים, האָב איך זיך באַגנוגנט מיט אַ פּאָר הויזן, מאַרינאַרקע און העמד פּאַר דיר, ישראל, און אַ קינדער־קאָמפּלעטל פּאַר אונדזער דודלען, הגם כ'האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אויב איר ביידע לעבט, אָדער נישט. איבער 2 וואָכן האָט געדויערט מיין נסיעה פון פּראָג קיין לובלין, ווייל אַ שעה איז מען געפאָרן און אפשר אַ טאָג איז מען געשטאַנען.

סוף מאַי 1945 ענדלעך זיך דערשלאָגן קיין לובלין און דאָ, אויף קרולעווסקע 13, געטראָפן די מאַמען מיט איר שוועסטער, אויך איר טאָכטער מיט אַן איידעם און ריווטשעס מיידעלע, וואָס ס'איז געלונגען אָפּצוראַטעווען דורך דער מאַמען. ערשט אָנהייב מאַי איז גדליהו עהרענבערג געקומען קיין לובלין און געבראַכט די ידיעה, אַז דו לעבסט. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט איינמאָל געצווייפלט, צי כ'וועל אַמאָל זוכה זיין צו דערציילן מיין לעבן געבליבענעם מאַן דאָס אַלץ וואָס איך בין דורכגעגאַנגען אין נאַצישן גהינום...

מיין עדות־זאָגן אויפֿן נירענבערגער פּראָצעס און אין ראַסטאַט

סוף זומער 1945 זענען דריי ניצול געוואָרענע נפשות פֿון דעם שרעקלעכן קאַטאַקליזם: מיין פרוי, איך און אונדזער קינד, אָנגעקומען אין שטוטגאַרט, ווו מיר האָבן אין אָרטיקן די.פּי.־לאַגער געהאַט עטלעכע גוטע פריינד פֿון דער שארית הפליטה און צוזאַמען מיט זיי באַדאַרפֿט פּלאַנירן אונדזערע ווייטערדיקע שריט.

פּוילן האָבן מיר פאַרלאָזט מיט דער „בריחה" — אַזוי האָט געהייסן די אָרגאַניזאַציע פֿון דער יידישער אַגענץ, וועלכע האָט אָנגעפירט מיטן אַנטלויפֿן פֿון אייראָפּע קיין ארץ־ישראל. הגם די „בריחה" איז געפירט געוואָרן אומלעגאַל, פאַרקאָנספּירירט, האָבן די רעגירונגען פֿון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטרייך, איטאַליע און די אָקופּאַציע־רעזשימען אין דייטשלאַנד טאָלערירט דאָס שמוגלען גרענעצן און זיך געמאַכט נישט זען די וואַנדערונג פֿון יידן פֿון איין לאַנד אין אַנדערן — אָן פּאַספּאָרטן, וויזעס, באַן־בילעטן. די סימפּאַטיע פֿון דער וועלט איז דעמאָלט געווען אויף דער זייט פֿון אונדזער פאָלק, וואָס האָט באַצאָלט מיט זעקס מיליאָן קרבנות...

דורך וועגן און אומוועגן, איבער וועלדער און פעלדער, בערג און טאָלן, האָט דער מדריך, אַ קיבוץ־חבר און זעלנער פֿון דער יידישער בריגאַדע, געשיקט פֿון ארץ־ישראל, אונדז געפירט איבער די קאַרפּאַטן־בערג קיין טשעכאָסלאָוואַקיי. פֿון דאָרט האָט די באַן אונדז געבראַכט קיין ווין און פֿון עסטרייכס הויפּטשטאָט, צעטיילט אין קלענערע גרופּן, איז מען אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד. אינעם די.פּי.־לאַגער אין שטוטגאַרט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט די אונר"אַ, האָב איך בעת דער רעגיסטראַציע באַדאַרפֿט

אָנגעבן די נעמען פון די לאַגערן און געטאָס, וועלכע כ'האָב אַדורכגעמאַכט אין די יאָרן 1939—1945. איז אין דער קאַרטאָטעקע פאַרשריבן געוואָרן: לובלין און מיידאַן־טאַטאַרסקי, ראַדאָם און די שקאָלנע גאַס, אוישוויץ און ווייהינגען — ביז שעמבערג. אַ סברה, אַז די אַמעריקאַנער יוסטיץ, וואָס האָט געזוכט עדות קעגן די באַ־שולדיקטע קריגס־פאַרברעכער אויף די נירענבערגער פּראָצעסן, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף מיינע אַקטן — און דעם 7טן אויגוסט 1946 בין איך געוואָרן איינגעשווירן ווי אַן עדות פאַרן אינטערנאַ־ציאָנאַלן טריבונאַל אין נירענבערג און באַדאַרפט זיך טרעפן פּנים אל פּנים מיט די גרעסטע רוצחים, וועלכע די געשיכטע האָט ווען ס'איז געקענט און זענען איצט געמשפּט געוואָרן דורך ריכטער פון די פיר גרויסמאַכטן. איך האָב זיך באַמיט צו ענטפערן זאַכלעך און רואיק, אין דער פּוילישער שפּראַך, אויף די פראַגן פון די פּראָ־קוראָרן, ריכטער און אַדוואָקאַטן. די לעצטע זענען געווען גאָר פליייסיק, כדי צעטומלען די באַשולדיקונג־עדות, מיט שטעלן זיי פּראָוואָקאַטיווע פראַגן, אָדער זיי אַריינברענגען אין אַ פאַרלעגנ־הייט מיט אויפווייזן כלומרשטע סתירות אין די ענטפערס. אויף דער פראַגע פון איינעם פון די ריכטערס, האָב איך דערציילט פונעם געטאָ אין לובלין, די אויסזידלונגען און אַקציעס, ביז דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע, מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפירט די ס.ס.־באַנדיטן מאַהרווינקעל, שראַם, פאָספּעשיל, רידעל און אַנ־דערע.

איינער פון די פּראָקוראָרן פרעגט, פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען דער צייכן אויפן פּנים און אַ דעפאָרמירט מויל?

איך דערצייל פאַרן געריכט די מאַסן־דערשיסונג פון יידן אין לובלין, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די שמאַטעס — נאָר בשעת מעשה באַהערשט מיך אַ געפיל, אַז איצט רייד איך נישט נאָר אין מיין אייגענעם נאָמען, נאָר בין אויך דאָס קול פון צענדליקער טויזנטער יידן פון מיין היימשטאָט, וועלכע דער נאַצי־מערדער האָט אומגע־בראַכט מיט אַלערליי מיתה־משונהס. איך זע די אויסגעלאָשענע

אויגן, די פֿאַרבלוטיקטע קערפּערס, די אומגעקומענע מענער און פֿרויען, אַלטע לייט און קינדער. ווען דאָס געריכט דערלויבט מיר, וואָלט איך זיי אויסגערעכנט ביי די נעמען, הונדערטער נעמען וואָס זענען טיף איינגעקריצט אין זכרון. איך וויל דערמאָנען די „נשמות הקדושים והטהורים", ווי אין דער תפילה „אל מלא רחמים"... נאָר דער נאַצישער אַדוואָקאַט נעמט מיך אויספֿרעגן וועגן אונטערשיידן אין די ראַנגעס, שליפֿעס און אָפּצייכענונגען פֿון די געסטאַפּאָ-לייט און ס.ס.-מערדער, גלייך כ'וואָלט געווען איינער פֿון זייעריקע... איך פֿיל, ווי די קרבנות פֿון ליפּאָווע 7, פֿון מיידאַן טאַטאַרסקי, פֿון בעלזשעץ און מיידאַנעק, מאָנען ביי מיר: „אייזנבערג, דערציייל דעם געריכט און דער וועלט פֿון אונדזערע ליידן און פּיין, ביז די רוצחים האָבן אונדז געטויט. דערציייל פֿון הונגער, קראַנקייטן, קלעפּ, געלע לאַטעס און שקלאַפֿן-אַרבעט. לאָז נישט אַדורך קיין פּרט, גיב זיי צו וויסן פֿון דעם גהינום וועלכן מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין ביים לעבן"...

די ריכטער באַראַטן זיך, צי אויך אויפֿן צווייטן טאָג פֿאַרבעטן מיך צום עדות-פּולפּיט, נאָר זיי באַשליסן: גענוג! דאָס וואָס זיי האָבן פֿון מיר געהערט ביז איצט, דערגאַנצט דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון די אַנדערע עדות — און מען באַפֿרייט מיך פֿון ווייטערדיקן אויפֿטרעטן פֿאַרן געריכט.

אין חודש אָקטאָבער 1947 האָט די פּראָקוראַטור אין ראַסטאַט (מדינה ווירטענבערג-באַדען) מיך אַרויסגערופֿן אַלס עדות אויפֿן פּראָצעס קעגן די וואַכלייט אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן ווייהינגען, אונטערריקסינגען, קאָכענדאָרף און העסענטאַל.

אויף דער באַשולדיקונג-באַנק האָב איך גלייך דערקענט דעם סאַדיסט און אויסוווּרף פֿאָספֿעשיל און דערציילט פֿאַרן געריכט, ווי ער האָט אויף אַ בעסטיאַלישן אופֿן געשלאָגן און געפּייניקט די יידישע קריגס-געפֿאַנגענע און אינטערנירטע אין לאַגער ליפּאָווע 7; ווי ער פּערזענלעך האָט זיך באַטייליקט אין דער עקזעקוציע פֿון

שמייסן מיך אין יענעם לאַגער און דערלאַנגט אַ טייל פון די 50 שמיץ, וועלכע מ׳האָט מיר צוגעפּסקנט פאַר אויפהייבן אַ קינ־דער־שפּילצייג. כ׳האָב דערציילט דעם געריכט, אַז פּאָספּעשילן האָב איך געטראָפן אויך אין לאַגער אין ראַדאָם און תמיד געציטערט, ער זאָל מיך נישט דערקענען פון לובלין. פּאָספּעשיל האָט מיט נאָך עטלעכע דייטשע רוצחים אַדורכגעפירט די עקזעקוציע איבער צענדליקער יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער שמאָטעס־סאָרטירערײַ אויף דער פּלאַריאַנסקע גאַס אין לובלין.

אויך אויף דעם פּראָצעס האָט דער אַדוואָקאַט פונעם רוצח פּרובירט מיך דעזאָריענטירן מיט פאַרשידענע פראַגן. מיט איראָניע זאָגט ער מיר:

— ווי איז מעגלעך, אַז נאָך עטלעכע יאָר, זאָלט איר גע־דענקען אַזוי פיל פּרטים?

— איך געדענק אַפילו גענוי דעם באַזונדערן גאַנג פון פּאָס־פּעשילן. אויב דאָס געריכט וועט דערלויבן, בין איך גרייט צו דע־מאָנסטרירן ווי אַזוי דער באַשולדיקטער איז געגאַנגען — האָב איך געענטפערט מיט זיכערקייט.

דער פּאָרזיצער פון געריכט הייסט מיך פאַרבייגיין פאַרן פּרע־זידיום־טיש אַהין און צוריק. דער נאָכגעמאַכטער גאַנג פון פּאָס־פּעשילן רופט אַרויס אַ שמייכל אויך ביי די אָנוועזנדיקע אין זאַל און באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון מיינע עדות־דערקלערונגען. דאָס געריכט באַשליסט אויסצוליפערן פּאָספּעשילן קיין פוילן, כדי דאָרט געמשפּט צו ווערן פאַר די פאַרברעכנס, וועלכע ר׳איז באַ־גאַנגען אויף פּוילישער ערד אין די יאָרן 1942—1944...

אינהאַלט

בריוו צום מחבר פון יצחק באַשעוויס-זינגער 5
פאָרוואָרט פון מחבר 7

ערשטע טייל: אין ירושלים דפּולין

צום פּריזיוו און אויף אַ... „זעעכץ" 13
אויפן פראַנט 17
דייטשן ביי מיר אין וווינונג 19
אין לאַגער ליפּאָווע 7 און אין געטאָ 22
דער אַרעסט און באַפרייונג פון מיין פאָטער ע"ה 26
צווייפלהאַפטע מלחמה-נייעס 30
אַ ניי-געבוירן קינד אין געטאָ — צום לעבן, אָדער צו דער עקדה 32
פופציק שמיץ פאַר אויפהייבן אַ שפּילצייג 35
די גרויסע אויסזידלונג 38
די רוצחים נעמען אוועק פרויען פון מענער און קינדער פון עלטערן 41
אין געטאָ מיידאַן-טאַטאַרסקי 43
אויף די „מיוחסים" האָט מען אומגעבראַכט 46
די פּטירה פון מיין פאָטער 49
די מסירת-נפשדיקע קבורה 53
„קאַלעגאַלע, הייב זיך!"... 57
דער איינציקער אויסוועג 62
איבערגעגעבן דאָס קינד צו אַ קריסטין 64
פון איבער פערציק טויזנט יידן — געבליבן צוויי טויזנט 67
צוויי מעת-לעת אין אַ בונקער 70
אונטערגעקויפט דעם ס.ס.-מאַן ביים טויער 73
אויפן טאַטנס קבר 76
ביי גריג'ען פון די שמאַטעס 79
תחית המתים... 82
ווידער אויפן בית-הקברות 86
די געענדערטע שילד: יאַן פּיעליק אַנשטאַט משה אייזענבערג... 89
אַ דאָקטער וואָס העלפט נישט און אַ סטרוזש וואָס לויפט מסרן 94
די באַגעגעניש מיט באַלטשען און מיט דער מאַמען 96

צווייטע טייל: אין ראַדאָמער דיסטריקט

באַרמהערציקע פרויען אין ראַדאָמער געטאָ 101
די יידישע פּאָליציי ווייזט אירע נעגל 105
מ'האָט מיר נישט געוואָלט גלויבן 107
די מאַמע, שוועסטער און פרוי — אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט 109

אַ לייטער ראַטעוועט מיך פון אַ זיכערן טויט 112
צוריק אין געטאָ 115
ביים גראָבן טאָרף 118
אין דער אַמוניציע־פאַבריק 121
מיר שטעלן אויף אַ דרוקעריי 123
איך ווער אַ נומער — 26335 126
צוזאַמען מיט מיין פרוי און ברודער 128
ווער האָט באַגנבעט דעם אַלטן ייד? 132
פרוון צו אַנטלויפן 134
דער נאַצי־מערדער גייט מיר נאָך 137
באַדינען דעם מייסטער — אַ גרויס זכות... 140
אַלע האָבן שוין געוווּסט דעם סוד 143
די עוואַקוציע פון לאַגער 145
דער טויטן־מאַרש 147
אין פאַרקלאַפּטע וואַגאָנען — קיין אוישוויץ 150
מענגעלע שיקט זיינע קרבנות „רעכטס" און „לינקס" 152

דריטע טייל: אויף דער ערד פון אַשמדאי

אין לאַגער הינטער שטוטגאַרט 157
אין דער שטיינהאַקעריי 160
די אויסבאַהאַלטענע יריעה פון אַ ספר־תורה 163
אַלע ווילן אָנקומען אין „ערהאַלונגס־לאַגער" 165
אין לאַגער שעמבערג־דאָוטמערגען 167
„גלייכער צו שטאַרבן פון הונגער, ווי פון קלעפּ" 171
ווידער אַמאָל — אַן עלעקטריקער 173
„מאַך אים פערטיק מיט זיין קרומען מונד!" 177
„עפּעס איז מיר נישט דייטלעך"... 181
מיר זענען פריי! 184
אין שטעטל אַלטסהאַוזען 187
געבּרענגט צו קבר ישראל 190
נאָר זיבן זענען געבליבן 191
דערקענט אַ קריגס־פאַרברעכער 193
דער גוטער שליח גדליהו עהרענבערג 195

פערטע טייל: צוריק אין דער חרובער היים

ווּ איז אונדזער קינד? 201
די גלחים און נאָנעס האָבן צייט 204
צוריק צום פאָלק און צו טאַטע־מאַמע 207
דער נס מיט באַלטשען 209
מיין עדות־זאָגן אויפן נירנבערגער פּראָצעס און אין ראַסטאַט 124

פיר דורות אייזענבערג: דער זיידע יחיאל איכעל אייזענבערג, אומגעקומען אין ווארשעווער געטא; לינקס – משה׳לע אייזענבערג, נפטר. געווארן אין געטא מיידאן טאטארסקי, לובלין; רעכטס – דער מחבר ישראל אייזענבערג; אונטן – דוד׳ל אייזענבערג, זון פון מחבר, געבוירן אין געטא לובלין און ניצול געווארן אין א קריסטלעכן קינדער־אנשטאלט.

יידישע זעלנער און אפיצירן פון לובלינער גארניזאן פונעם פוילישן מיליטער, נאך דעם סדר, וועלכן ס׳האט פאר זיי איינגעארדענט משה׳לע אייזענבערג אין פסח, 1924. דאס קינד אויף זיין שויס – דער מחבר.

באלטשע און ישראל אייזענבערג, בעת א שפאציר ווי חתן־כלה
אויף די גאסן פון לובלין, פאר דער מלחמה.

דער גראדזקע־טויער ("ברום") אין לובלין, ווו ס'איז אין
יאר 1941 געבוירן געווארן דוד'ל אייזענבערג.



דער אהל איבערן קבר פון הרב מאיר שאפּירא
זצ״ל אויפן בית העלמין אין לובלין. דער שטיין
לינקס – דער קבר פון משה׳לע אייזענבערג ז״ל,
ווו מ׳האט אים קובר געווען אין יאר 1942.

צוויי באפרייטע קאצעטלערס:
ישראל אייזענבערג (זיצט)
און זיין חבר פּאוועלעק, אין
אלטסהאוזען, מאי 1945.

טרויער־אקאדעמיע אין לאגער דאוטמערגען־שענבערג. די געוועזענע קאצעטלערס לייגן
א קראנץ אויף דעם מאסן־קבר פון די אומגעקומענע.

די שטאטישע מיליץ פון געוועזענע קאצעטלערס אין שטעטל אלטסהאוזן.

Versorgungsamt Stuttgart

Leitender Arzt

Bei Zuschriften obiges Geschäftszeichen angeben

Stuttgart W, den 13.9. 194б

Rotebühlstraße 30
Fernruf 69159
Postscheckkonto Stuttgart Nr. 24827
Girokonto bei der Reichsbank
Sprechstunden von 8—12 Uhr

A m t s ä r z t l i c h e B e s c h e i n i g u n g .

Herr Izrael E i s e n b e r g, geb. 26. Nov. 1915 in Warschau leidet infolge KZ-Misshandlungen an folgenden Körperschäden:

Gestörte Nasenatmung nach Nasenbein-und Nasenscheidewand-bruch. Lähmung des linken Gesichtsnerven mit Taubheit des linken Ohres und Gefühlsstörung der linken Gesichtshälfte nach Durchschuß Jochbein-Felsenbeinpyramide- Hinterhauptsbein.

Er ist infolge dieser Schäden mit 50% Versehrtenrente einzuschätzen.

[signature]

מעדיצינישע באשטעטיקונג וועגן די קערפערלעכע באשעדיקונגען פון ישראל אייזענבערג,
ארויסגעגעבן דורכן פארזארגונג־אמט אין שטוטגארט, 13.9.46

דיכטער ה. לייוויק און שרייבער
עפראס – מיט דוד'ל אייזענבערג
אין שטוטגארט, מאי 1946.

testimony of a witness the matters of the concentration camps, the secret sphere of the concentration camp organization and the penetration of the legal authorities into it, might be cleared up more thoroughly for the Court than by an affidavit.

THE PRESIDENT: This witness of yours, is he here?

HERR PELCKMANN: He is in the witness building.

THE PRESIDENT: Were you proposing to call him next?

HERR PELCKMANN: I could do so. If the Prosecution wish to call their two witnesses first, I could interrupt, Your Lordship.

THE PRESIDENT: Dr. Pelckmann, have you any idea as to how long you will be with this witness if you do call him?

HERR PELCKMANN: Forty-five minutes to an hour.

THE PRESIDENT: Well, then, if you wish it, and you dispense with calling the witness Dr. Hindenberg, or whatever his name is, you may call Dr. Morgen.

HERR PELCKMANN: Thank you, Your Lordship. I call the witness Dr. Morgen.

MAJOR JONES: If Your Lordship pleases, the witness is, of course, in the prison at the moment, and it might therefore be convenient to call the witness for whom Dr. Pelckmann has asked for cross-examination, who is available immediately, and no doubt the Marshal can make the necessary arrangements for the other one.

THE PRESIDENT: Dr. Sievers, is it not?

MAJOR JONES: No, My Lord, there is a short one first, the witness Izrael Eizenberg, whose affidavit is Document Number D-939, GB-563.

THE PRESIDENT: Eisberg?

MAJOR JONES: Your Lordship, Eizenberg, it is.

THE PRESIDENT: Yes. Marshal, will you bring in Eizenberg and send for Morgen.

[The witness Eizenberg took the stand.]

THE PRESIDENT: Will you state your full name, please.

-RAEL EIZENBERG (Witness): Izrael Eizenberg.

THE PRESIDENT: Will you repeat this oath after me:

I swear by God—the Almighty and Omniscient—that I will speak the pure truth—and will withhold and add nothing.

[The witness repeated the oath.]

THE PRESIDENT: You may sit down.

MAJOR JONES: Witness—I just want to put the statement to the witness, My Lord—Witness, are you Izrael Eizenberg, of 203, Reinsburgstrasse, Stuttgart?

TRIAL

OF

THE MAJOR WAR CRIMINALS

BEFORE

THE INTERNATIONAL MILITARY TRIBUNAL

NUREMBERG

14 NOVEMBER 1945 — 1 OCTOBER 1946

PUBLISHED AT NUREMBERG, GERMANY

1948

אויסצוגן פון דער געריכטס־סטענאגראמע (אין דער ענגלישער שפראך) פונעם אינטערנאצ־
יאנאלן מיליטערישן טריבונאל צו משפטן קריגס־פארברעכער אין נירנבערג, פון 14טן
נאוועמבער 1945 ביזן 1טן אקטאבער 1945, אויף וועלכן ס'איז פארהערט געווארן דער
באשולדיקונג־עדות ישראל אייזענבערג.

EIZENBERG: Yes.

MAJOR JONES: Will you look at the affidavit D-939, Exhibit GB-563. Just look at it. Is that your statement?

EIZENBERG: Yes, I signed it.

MAJOR JONES: And is it true?

EIZENBERG: Yes, it is.

MAJOR JONES: Witness, I notice you have a scar on your face. Will you tell the Tribunal how it was caused?

EIZENBERG: Yes, I can tell the Tribunal. In October 1942—at the end of October 1942—I was shot at in Maidanek Camp together with many other Jews. The bullet hit my left cheek and I lay there from 9:30 in the evening until 4:30 in the morning. When people were removing the corpses, I was taken away with another man whose name was Stagel; we were the only survivors.

MAJOR JONES: And how many were killed on that occasion?

EIZENBERG: At 9:30 in the evening groups composed of about 1,000 or more people were conducted to a field. I was among them. Then they fired at us and I remained lying on the field until 4:30 in the morning.

MAJOR JONES: Now, just answer this last question, who were the killers?

EIZENBERG: They were SS men in SS uniforms.

MAJOR JONES: I have no further questions, My Lord.

HERR PELCKMANN: Witness, I know your affidavit. As far as I can see from it, you were in Lublin, at first in Lublin. Were there SS men there too, whom you got to know?

EIZENBERG: Yes, I knew many of them. I was working in the SS staff offices as an electrician and I was there very often in order to make electrical installations.

HERR PELCKMANN: In your affidavit you have given some names—Riedel, Mohrwinkel, and Schramm.

EIZENBERG: Yes, I knew them personally.

HERR PELCKMANN: They were on this staff?

EIZENBERG: Yes, they were on the staff, and its office was located at 21 Warsaw Street.

HERR PELCKMANN: Do you also know exactly the ranks which you mentioned in your affidavit as being held by these persons?

EIZENBERG: Yes, I know them.

HERR PELCKMANN: What, for example, was Riedel?

EIZENBERG: Riedel was an Unterscharführer.

HERR PELCKMANN: And Mohrwinkel?

EIZENBERG: At first he was a Rottenführer and then, as a result of this action, he was promoted to Untersturmführer.

HERR PELCKMANN: You just said that Riedel was an Unterscharführer. In your affidavit you said he was an Oberscharführer.

EIZENBERG: He had white braid on his shoulder-straps.

HERR PELCKMANN: Now, I show you a picture. Please tell me whether that is Riedel or Mohrwinkel, and what is the rank of this SS man.

EIZENBERG: This man is neither Mohrwinkel nor Riedel.

HERR PELCKMANN: And what is his rank?

EIZENBERG: It seems to me that he is a Rottenführer, because there is nothing on his shoulder-straps, and only a badge on his sleeve.

HERR PELCKMANN: Thank you. Now, I shall show you another picture. If I remember the other picture correctly, this would also have to be a Rottenführer?

EIZENBERG: I cannot tell with certainty, but the other one had on his shoulder-straps a white edge all round and here I see two white stripes on this photo.

HERR PELCKMANN: Thank you, Witness.

THE PRESIDENT: Is that all you wanted?

HERR PELCKMANN: I have no more questions, Your Lordship.

THE PRESIDENT: The witness can retire.

HERR PELCKMANN: For the information of the Tribunal, I should like to say that these photographs came from the book in Polish on the Warsaw atrocities submitted by the Prosecution yesterday, and the photographs do not show men of the Waffen-SS at all, but policemen. The witness did not notice that.

THE PRESIDENT: Well, the witness said he had never seen them before. The witness said he had never seen the man before. We do not need to argue about it. Now, who is your next witness?

HERR PELCKMANN: May I submit these pictures to the Tribunal or are they known? They are in the Polish book, in Polish, on Pages VIII, no, IX and XI. It is merely a question of uniform, Mr. President.

THE PRESIDENT: You can certainly put them in if you think it worth while; but now will you get on with your case. Is there another witness that you are going to call before Dr. Morgen?

HERR PELCKMANN: Yes; I believe the witness Sievers was called by the Prosecution, Your Lordship.

אויסצוגן פון דער געריכט־סטענאגראמע (אין דער ענגלישער שפראך) פונעם אינטערנאצ־יאנאלן מיליטערישן טריבונאל צו משפטן קריגס־פארברעכער אין נירנבערג, פון 14טן נאוועמבער 1945 ביזן 1טן אקטאבער 1945, אויף וועלכן ס'איז פארהערט געווארן דער באשולדיקונג־עדות ישראל אייזענבערג.

F R E I E   U N D   H A N S E S T A D T   H A M B U R G

JUSTIZAMT
J U S T I Z B E H Ö R D E

Aktenzeichen: 4110/13 E - 21
Bitte bei allen Schreiben angeben!

Hamburg, 11.6.1979

Fernsprecher 3497-3065 (Durchwahl)
Behördennetz 9.43

Justizbehörde · Postfach 30 28 22 · 2000 Hamburg 36

Herrn
Israel Eisenberg
1136 So. Orlande Avenue
Los Angeles 35, California USA

Betr.: Strafsache gegen Mohwinkel u.a. wegen NSG-Verbrechen

Sehr geehrter Herr Eisenberg!

Auf Ihre an den Hessischen Minister der Justiz gerichtete Anfrage vom 8.5.1979 teilt die Justizbehörde mit, daß der Angeklagte Mohwinkel wegen Mordes vom Schwurgericht Hamburg am 26.7.1974 zu lebenslanger Freiheitsstrafe verurteilt worden ist.
Mohwinkel befindet sich in Strafhaft.

Hochachtungsvoll

Dr. Borchert

מיטיילונג פון די יוסטיץ־ארגאנען אין האמבורג, דעם 11.6.79, וועגן באשטראפן מיט אייביקער תפיסה דעם מלחמה־פארברעכער מאהרווינקעל.

Gültig bis Ende 1949 Listen-Nr. C 1270
Weiter gültig bis Ende 194
C №
Schwererwerbsbeschränkter.
Schwer[redacted]beschädigtenausweis
1
2
5
Herr ~~Frau~~ Israel Eisenberg
geb. am 19.11.15 in Warschau
Kreis Polen, Beruf: Kinovorführer
~~ist schwerkriegsbeschädigt~~ — steht den Schwer~~kriegs~~beschädigten gleich*). Er — ~~Sie~~ — ist berechtigt, die umstehenden Vergünstigungen in Anspruch zu nehmen. Mißbräuchliche Verwendung und unbefugte Änderung des Ausweises werden strafrechtlich verfolgt.
Stuttgart, den 3. Mai 1949
Stadt Stuttgart
Wohlfahrtsamt
(Eigenhändige Unterschrift des Ausweisinhabers)
Die Verlängerung der Gültigkeitsdauer bis Ende 194 wird bescheinigt.
Dienst-stempel
*) Nichtzutreffendes durchstreichen.
**) Sämtliche Vornamen (Rufname unterstreichen) sind anzugeben, bei Frauen auch der Geburtsname

באשטעטיקונג פון דער דייטשער מאכט אין שטוטגארט וועגן געזונט־צושטאנד פון מחבר, ארויסגעגעבן דעם 3טן מאי 1949.